STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07445

GEZAMELTE SHRIFTEN

Isaac Meir Weissenberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. מ. ווייסענבערג

געזאַמעלטע שריפטען

ליטעראַרישער פערלאַג, ניו־יאָרק.
.1919

אינהאַלט:

ערשטע אפטיילונג.

מזל טוב — א בילד.
דבורה׳לע — א בילד.
אַ שלעכטע פרוי — ערצעהלונג.
אַ טאַטע מיט בנים — ערצעהלונג.
בעריל און שמעריל — ערצעהלונג.

צווייטע אַפטיילונג.

דער בעל תשובה — א מעשה.
דור הולך ודור בא — ערצעהלונג.
צום איידעם אויף קעסט.
חנה׳לע.
ר׳ יואל — א בילד.
אין דער שטיל — ערצעהלונג.
אַ מעשה מיט אַ ציעג.

דריטע אפטיילונג.

אַ וואלד מיידעל.
די זון.
מיין פריינדס ליעבע.

מזל-טוב!

(א ביל ד).

דאס שטעדטעל רוישט: דער רבי איז פּלוצלונג אוועקגעפאָרען — און מען זעהט בעשיינפּערליך, פון דער ערשטער מינוט אן, אז די טויערען פון הימעל זענען פערמאַכט!

עס טראָגען זיך צונויפגעמישטע הארץ־רייסענדיגע קולות! אין טהירען פון געוועלבלעך שטעהען די קרעמערקעס מיט בלאַסע, פערוויינטע פּנימ׳ער און קוקען מיט נייגיעריגע שטילע בליקען אהין. אין עק גאס אריין חנה־גיטעל די טעפּערקע לויפט שטארק צוטראָגען, דאס פּנים פערפלאמט. זי בעגעגענט נאך א יודענע און דערצעהלט עפּעס מיט היץ און מאַכט שטארק מיט די הענד. און הירשל מלמד לויפט, מיט׳ן דין אויסגעצויגענעם העלזעל פאָראויס, מיט׳ן אויסגעשטרעקטען קאפּעל, די הענד און די הינטערשטע קעשינעס, די דינע עלענבויגענס זענען אויסגעשטעלט ווי די פליגעל ביי א דארע גאנז, וואס גרייט זיך צו צום פליהען. און א חדר־יונגעל מיט קליינע שוועקענדיגע פיסעלעך און רויט פערפלאמטע בעקעלעך, מיט בלישצענדיגע אויגעלעך לויפט איהם נאך פון הינטען.

— אין בית המדרש אריין! אין בית המדרש אריין!

דאָס בית המדרש איז איבערגעפּולט.

מלמדים און תּלמידים פון אַלע חדרים האָבען זיך אצונד ווי צונויפגעגאָסען אַלע אין איינעם.

אַ יוד, אַרומגעגאַרטעלט מיט אַ רויטער פאַטשיילע, שטעהט פאַר'ן עמוד און מיט אויסגעשטרעקטע בעטענדיגע הענד זאָגט ער מיט אַ יעמערליך קול „תּפלה למשה" פּסוק ביי פּסוק און דער עולם זאָגט נאָך אַזוי האַרציג, מיט אַזוי פיעל צער און מיט אַזאַ צורודערטקייט, אַז די קינדער שטעלען זיך מיט אָפענע מױלעכלעך און אויסגעגלאָצטע אייגעלעך... און אָט ביי דער וואַנד באַהאַלט איינער דאָס פּנים אין תּהלים'ל אַריין מיט אַ ביטערען קרעכץ און הייבט ווייטער אויף די אויגען צו'ם באַלקען, און פערמאַכט זיי צוריק, און בלייבט שטעהן שטיל מיט אַנ'אויסגעשטרעקטען האַלז, ווי יצחק צו דער עקידה... און מען זאָגט אַלץ און מען זאָגט, און דעם רבי'ס נאָמען האָט מען שוין צולעגט אויף אַלערליי אופנים, לויט ראשי תּיבות פון די פּסוקים, און דער עולם זיפצט אָב, און זאָגט ווייטער און זיפצט ווייטער.

אין רבי'נ'ס הויף שטעהט מען קאָפּ אויף קאָפּ. דער פּראָסטער עולם — שוסטער, שניידער, שטעהען מיט אויסגעגלאָצטע שטאַרע אויגען, חסידישע יונגע לייט דרעהען זיך אַרום יעדערער פאַר זיך מיט אַראָבגעלאָזטע גאַרטעל-עקען, וואָס פּלאָנטען זיך זיי פאַר די פיס. שטיל, איינער רעדט נישט צו'ם צווייטען. מלמדים און תּלמידים זענען צוריק געקומען פון בית המדרש. די מלמדים שטעהען אין אַ בעזונדער רעדעל, קוקען זיך איבער, שמועסען עפּיס שטיל צווישען זיך... חדר-קינדער, קונדסים און גלאַט יונגען האַפּען זיך אויפ'ן פּלאַנקען פון רבי'ס סאַד, קריכען איבערן דאַך פון אייז-קעלער און צולעגען זיך אין דער לענג און אין דער ברייט, אַלע מיט די פּנים'ער צו'ם רבי'ס פענסטער... שמשים און איינגעהער לויפען צעמישט אַריין און אַרויס, בחורים, וואָהלערנער לויפען זיי נאָך און פּלאָנטען זיך פאַר די פיס, און פּרענגט מען ביי וועלכען פון זיי, וואָס עס הערט זיך, צעשפּרייט ער די הענד, זיפצט אָב און ענטלויפט ווייטער. און דאָרט, אונטערן פאָדער-הייזעל, שטעהט פערדרוקט אין אַ ווינקעל אַ גאַנצע מחנה

ווייבער און קריכען די פנימער און האלטען די פארטוך גרייט אין די הענד צו׳ם וויינען... פלוצלונג לאזט זיך פון שטוב ארויס א רעש, א יללה. דער עולם גיט זיך א ריהר — דער דאקטאר הייסט נאט בעטען! — האט עמיץ ארויסגעשריגען פון פענסטער. דער עולם בלייבט פערשטיינערט, און די מחנה ווייבער לאזט זיך ארײַם און שניידט זיך דורך די מענער, וואס טרעטען זיי אב דעם וועג. די ווייבער לאזען זיך מיט א יללה אין גאס ארײַן, און גאס בעהעפטען זיך צו דער מחנה נאך ווייבער. געהענדיג אין מארק צוטהיילען זיך די ווייבער אויף צוויי מחנות, איינע לויפט אין שול ארײַן, די צווייטע — אויפ׳ן בית-עלמין.

אין מארק דרעהען זיך ארום די מענער ווי פערלוירענע שוויינענדיגע שאף, ביז עס קומט איינער מיט אנ׳ערגערע בשורה, דער עולם בלייבט שטעהן פערגליווערט און ציטעריגע ליפען שעפציען!

ברוך דיין אמת! ברוך דיין אמת!

און אצונד איז שוין דער עולם ביי גארנישט געבליבען אהן האפנונג, אהן טרייסט!... איינס גאר — צו בעדויערען די רביצען מיט די יתומים און איבערצוצעהלען זיי. זיך אליין האט שוין קהל אן א זייט א וועקגעשטעלט, געלאזט זיך אויף גאטס בע-ראטה און זיין גזר-דין אנגענומען פאר ליעב. —

די שמשים זענען שוין אויף די פאסט אוועקגעלאפען מיט לאנגע אויסגעשטעלטע דעפעשען. דאס פענסטער פון חדר וואו דער רבי איז געלעגען האט רויט אויפגעפלאמט — און א דין קאלט רעגענדעל טריעפט פון בלייערן פערפאנצערטען הימעל און עס קאפעט און עסט זיך איין אין לייב. אז די גליעדער דרעהען זיך צונויף און קארטשען זיך איין, בעלי-מלאכה׳ס שטעלען די קעלנערלעך אויף און טוליען איין די קעפ צווישען די ארים. מלמדים וויקלען זיך מיט רויטע פאטשיילעס די העלזער ארום און די פנים׳ער ווערען וואס א מאל פינסטערער. בלויהער און איינגע-שרומפענער, די ליפען ציטערן און די אויגען מרוזשען זיך צו.

און נאך ביי נאכט האבען וועגעלעך חסידים אנגעהויבען אנצוקומען פון די ארומיגע שטעדטלעך, און צוזאמען איז געווע,

א געפּאָרעריי — די גאַסען האָבען נישט גערוהט פון דראָשקעס און קאַטשען, צו מיטאָג זענען שוין אַלע געוועלבען געווען פערהאַקט און דער גאַנצער עולם האָט זיך פערזאַמעלט אויפ'ן רבי'ס הויף.

פלוצלונג האָט זיך דערהערט א געשרייעריי אין דער טיהר: מאַכט אויף!... מאַכט אויף!... — די מטה האָט זיך בעוויזען און דער גאַנצער עולם האָט זיך א ריהר געטהון.

מען איז אריין אין בית-המדרש צום הספד, און באַלד איז געוואָרען ענג. א שפּילקע אויף דער ערד נישט צו וואַרפען. און קעפּ אויף קעפּ איז מען געשטאַנען, אויסגעמישט מענער און ווייבער, און איבער די טישען און איבער דעם בלעמער, אומעטום איז פול און שוואַרץ. און די ברענענדיגע ליכט אין די הענגלייכטער האָבען שרעקליך היץ צו געגעבען, אַלע פּנים'ער זענען רויט, בעגאָסען מיט שוויים. און די לופט שטיקט, עס איז הייס און דומפּיג. די מטה האָט זיך אָבגעשטעל'ט פאַר'ן אָרון-קודש, און חסידים חאַפּען זיך איינס דאָס אַנדערע אויף די פּלייצעס, וועלענדיג אַריבער-דערגרייכען מיט די אויגען איבער די קעפּ. און אַלע הענגען אין דער לופטען, אַלע איינס אויפ'ם אַנדערע און אַלע אין איינעם. און שטיל איז און אַלעמענס אויגען האָבען זיך איינגעטשעט צום סאַמע מיטען... און באַלד האָט זיך א דין קול'כעל דערהערט: א צו גרוים משכון נעהמסט דו, גאָט, אונז צו פאַר אונזערע זינד... האָסט אונז אַראָבגעריסען אונזער כֶּתֶר הַתּוֹרָה, און, בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים, צוגענומען די צוואַנג, אָהן וועלכע מען וועט גאָרנישט קאָנען מאַכען...

און ווידער איז שטיל געוואָרען און צווישען די ווייבער און מעדלעך, מיט טיכלעך אויף די קעפּ ביז אין די האַלבע אויגען פערשטעלט, איז געוואָרען אַנ'איינגעהאַלטען געהעשעריי...

די מטה האָט א ריהר געטהון און דער עולם האָט זיך אָנגעהויבען צו פּאַקען דורך ביידע טהירען אַרויס און דורך די אויפגעפּראַלטע פענסטער.

די גאַס איז שוין געווען געשלאָסען — אַ קייט חסידים פון דער זייט און פון דער זייט און אַנ'עולם מיט דער מטה ציהט זיך און ציהט, ווי איין לאַנגער פּאַס מיט טויזענדער פּנים'ער, און א גאַנצען וועג האָט מען פּסוקים געזאָגט. און דער זוהן — דער

יחש, איז נאָכגעגאַנגען צוקאַפּענס אַנגעלעהנט מיט'ן שטערן אויף דער מטה און דאָס פּנים אין די הענד בעהאַלטען...

אויפ'ן נוטען אָרט צווישען די בטמער איז שוין געווען גרייט דאָס קבר און דער אָרון, און בשעת קבורה האָט מען דעם רבי'ן אין אָפענעם קבר אַריין „מזל־טוב" אָבגעגעבען און דער גאַנצער עולם האָט זיך באַלד געווענדט צום זוהן: „מזל־טוב, רבי!... מזל־טוב!..."

דאָס קבר איז שוין צו; דער נייער רבי האָט קדיש געזאָגט.

און אַ טרייסט און אַנייע האָפנונג האָט אָנגעהויבען צו בליהען. די פּנים'ער האָבען זיך צוריק אויסגעלייטערט, און אין די אויגען האָט אַ פרישע אַהבה אָנגעהויבען צו שפּראָצען. און אַלע האָבען זיך אַרום דעם רבי'ן איינגעזאַמעלט און מיט ליבט אין די אויגען געקוקט, ווי די שכינה האָט אויף זיין בלאַס פּנים גערוהט,

אויפ'ן בית־עולם איז שטיל געוואָרען. די בטמער האָבען זיך שטיל געשאָקעלט און „בלחש" תפלה געזאָגט.

דְבוֹרָה'לֶע.

(אַ בּילד).

(פֿאַרנאַכט. דבורה'לע, אַ יונג ווײַבעל פֿון אַ יאָהר 22 זיצט אַליין אין איהר צימער. אברהם, איהר מאַן קומט אַן).

אברהם. גוטנ'אָבענד...

דבורהל'ע. (קוים מערקליך) גוט יאָהר.

אברהם. (רײַבענדיג איין האַנד אין דער צווייטער) וואָס זיצט דו עפּעס אַזוי?... (קוקט זיך אַרום אויף די שטימונג אין שטוב) מען קען שוין, דאַכט זיך אָנצינדען אַ לאָמפּ...

דבורה'לע. אַ דאַנק פֿאַר דער עצה... מיטאָג עסען עסט מען בײַ אַ לאָמפּ... אַזוי פֿיהרען זיך אַלע מענער...

אברהם. (פֿערשולדיגט) איך האָב פֿריהער נישט געקענט קומען, מען קען נישט איבערלאָזען די גאַנצע אַרבײַט צווישען אַזאַ חברה, אַז מען געהט אַוועק ווערט אַלץ הרוב.

דבורה'לע. און איבער דעם זאָל איך זיצען און די אויגען זאָלען מיר פֿון קאָפּ אַרויסקריכען!...

אברהם. און די וואָהנונג צוזאַמען מיט דעם פֿאַבריקעל האָט דאָך נאָך גיבער נישט געטויגט... און אַז מען מוז שוין ווײַ־

טער נעהן א שטיק ווענס. איז נישט אלע מאל קען מען ...

ד ב ו ר ה ' ל ע. איך ווייס ... פאר מיינעט וועגען קענסט דו קיינמאל נישט... (געהט צום פענסטער, מיט'ן פנים אין דער שויב ארײן) איידער אויף אזא ארט, צו ליגען א גאנצען טאג איינע אליין אג־נעבונדען ווי א הונד, צו וואס האט מיר נעטויגט די גאנצע וואהנונג?

א ב ר ה ם. (לאזט ארײן דעם קאפ צווישען די אקסלען וויל זיך דארט איינקורטשען, דבורה'לע בלייבט מיט אגיאפען מויל אין דערמיט) דבורה'לע ...

ד ב ו ר ה ' ל ע. (קוקט זיך אום) וואס מינטערסט דו מיך?

א ב ר ה ם. ניין, דבורה'לע, דא מוז עפעס זיין ...

ד ב ו ר ה ' ל ע (פערשווייגט, קעהרט צוריק אב דאס געזיכט אויף דער שויב).

א ב ר ה ם. (לאזט זיך אראב אויף א שטוהל. א שטילקייט). פון דעסטוועגען, דבורה'לע, האב נישט קיין עגמת־נפש... נעם ציינד אן דעם לאמפ און קום אהער וועלען מיר עסען ...

ד ב ו ר ה ' ל ע (נעהמט דעם לאמפ פון ווינקעל פענסטער, געהט גאפלעסיג צו דער טהיר פון קיך) מן הסתם האב איך מיר אזוי פערדיענט ... דארף אזוי צו זיין... (אב).

א ב ר ה ם. (זיפצענד) אוי רבונו של עולם... אלץ איבער דאגת־פרנסה... מוז איך זי געבעך אליין לאזען ... (פערטיעפט דאס געזיכט אין די הענד).

ד ב ו ר ה ' ל ע. (קומט צוריק, שוין אנגעצונדען דעם לאמפ מיט א בלאהען אבאזשור, שטעלט איהם אויפ'ן טיש, ווייטער אב) און ער וועט אפילו נישט איבערפרעגען, מיט וואס איך האב היינטיגען טאג איבערגעלעבט?...

א ב ר ה ם. אוי רבונו של עולם ...

ד ב ו ר ה ' ל ע. (קומט מיט וואזעלעך יויך, איןביידע הענד, א שטילקייט).

א ב ר ה ם. האסט דו געהערט צו עסען אהן מיר ... (פויזע)

ד ב ו ר ה ' ל ע. און דו וועסט נאך אצינד אויך אוועקגעהן?

א ב ר ה ם. אודאי, איך מוז, דבורה'לע ...

ד ב ו ר ה ' ל ע. נו געה... (ווערט אבהענגיג, לאזט ארויס דעם לעפעל פון דער האנד).

אברהם. נו וואס זאל איך טהון, דבורה׳לע?... (פויזע) דו וואלסט ניט געחען צוקריגענט מיט מײן מאמען, וואלסטו געגאנגען צו איהר אביסעל...

דבורה׳לע. אז איך וואלט מיר געווען, הײסט עס, אפגעהאקט דעם גאנצען קאפ האר...

אברהם. זעה-זשע, דבורה׳לע... פאר וואס עסט דו נישט?...

דבורה׳לע. פאר מיר איז אזוי אויך גענוג... (א שטילקײט).

אברהם. נו געה, דערלאנג פלײש, עס...

דבורה׳לע. (אויפשטעהענדיג) בײ מיר איז ב״ה אלע טאג א תענית, צײט איך האב׳ן דערקענט. (געהט אב, אברהם קוקט איהר נאך, ביז זי קומט מיטין פלײש).

אברהם. זעהסטו דאס איז שוין אנ׳עולה פון דיר. װעלכער מענש פײנינט זיך דאס אלײן... עס פעהלט דיר חלילה דער גראשען צו דער גילדען. דארפסט ווארטען אויף מיר?... דו װײסט דאך, אז איך בין פעריאגט, עס, נעם עס...

דבורה׳לע. (העלפט איהם עסען) א נישט בעקלאג איך מיך דען אויף עפּיס... איך בין נישט ווי אנדערע — — שוין אפשר צווײ חדשים, אז דו האסט מיר צוגעזאגט צו קויפען א בראשקעלע... פון דעסטוועגען...

אברהם. איך וועל דיר קויפען, דבורה׳שי, קויפען בהן שלי...

דבורה׳לע. (שטעהט אב) אט אזוי פיהרען זיך אלע מענער... נישט מען לעבט אלײן, און נישט דאס ווײב ווײסט פון א לעבען... און וואס האסטו דען הײנט געגעסען, אזא טאג א יאהר?...

אברהם. איך, וואס זארגסטו פאר מיר? א מאנספערשוין...

דבורה׳לע. נו, נעם עס חאטש אצינד... (הײבט אויף א שטיקעלע פלײש אויפ׳ן גאפעל) עס, עס. אט דאס, אברהם׳שי...

אברהם. (מיט הארציגער פרײד) נײן, עס דו... (נעהמט זי אן בײן עק טרבעל, ציהט אוים דעם האלדז מיט דארשט, זי שטעלט אונטער דין באק. ער קושט).

ד ב ו ר ה ' ל ע. (צוריקציהענדיג זיך) עס... עס, אברהם...

א ב ר ה ם. ניין, (גלייבט אוים דאָס הימעל, צושפּעקעלט זיך בײַם בענשען).

ד ב ו ר ה ' ל ע. (געהט אָב מיט דעם געפעס און קיך קוקט גאָלר צוריק).

א ב ר ה ם. (שטעהט אויף) נו, איך וועל שוין געהן, מען דאַרף הײַנט אויסצאָהלען די מענשען...

ד ב ו ר ה ' ל ע. און זיין וויַיטער אזוי לאַנג...

א ב ר ה ם. ניין, דבורהשי... (קוקט אויפ'ן זייגער אויף דער וואַנד, געהט צו דער טהיר און בלייבט נאָך אַלץ שטעהן, נאָך אַ קוק, נאָך אַ שמייכעלע אויף דבורה'לען, געהט אַוועק).

ד ב ו ר ה ' ל ע. (בלייבט אַליין, דרעהט זיך נאָך אַביסעל אַרום איבער'ן צימער, דערנאָך פערשאַרט זי די קאָלדרע פון בעט, און לעהנט זיך צו, אונטערגעשפּאַרט מיט דער האַנד אונטער'ן געזיכט, און קוקט אין בלאָהען ברענענדיגען לאָמפּ אַרײַן. אַ שטילקייט, דער זייגער אויף דער וואַנד וויעגט זיך „טיק-טאַק, טיק-טאַק"... עס דערהערט זיך אַ רודער אין דער טהיר פון קיך. שפּרינגט אויף) ווער איז עס? (אַ יונגערמאַן).

י ו נ ג ע ר מ א ן. איך, מנשה!... (בלייבט שטעהן אין דער מיט שטוב, קוקט זיך אַרום די פּאָלעס פון פּאַלטאָ) אַ רייסעניש איך האָב דאָס ערשט געהאַט מיט די הינד...

ד ב ו ר ה ' ל ע. פון וואַנען לויפסט דו דאָס, מנשה?

מ נ ש ה. איך לויף... (אין פערלעגענהייט) דעם גאַנצען פּאַלטאָ האָבען זיי מיר שיער אָבגעריסען... (וואַרפט איהם אַראָב פון זיך, בלייבט שטעהן אין אַ קורץ געהאַקט קאַפּאָטקעלע, מיט אַ היטעלע אויפ'ן שפּיץ קאָפּ, טהוט זיך ממורי'ש אַ נייג צו דבורה'לען) גוט גאָוועננד (גיט איהר די האַנד).

ד ב ו ר ה ל ע. זיץ, מנשה — —

מ נ ש ה. (טהוט זיך אַ זעץ אַנידער, וואַרפט אַרויס די פיס פאַר זיך) אוי בין איך מיעד!...

ד ב ו ר ה ' ל ע. (זעצט זיך אויפ'ן עק בעט) פון וואַנען לויפסטו דאָס אזוי!...

מ נ ש ה. ווער, איך?... איך לויף פון „עסקאַדראָנעס קאָמאַנדיר"... דער טאַטע האָט מיך געשיקט מיט רעכענקעס פאַר אַ

גאנצען חודש האבער צושטעלען... נאר א שנעפסיל האב איך דארט געמאכט... אוי אוי פיינס, א'י א פיינס!...

דבורה'לע. (פערלייגט די הענד אויף די ברוסטען, מיט א שמייכעל'ע) דו לעבסט גאר צווישען די אפיצערען... די בעקעלעך זענען ביי די פארב...

מנשה. הא, הא... פינפענצוואנציגער פליהען... אין דר'ערד מיט'ן קאפ א פינפענצוואנציגער!

דבורה'לע. אויף וואס א שטייגער?

מנשה. א דאגה אויף וואס! אזוי ווי פאניע... וואס איז ביי פאניע דער עיקר?... (שמייכעלט שעלמיש).

דבורה'לע. וואס די מאנסלייט זענען...

מנשה. (מיט א בעוועגונג) און וואס זענען זיי?...

דבורה'לע. מען ווייסט שוין...

מנשה. און דיין מאן?...

דבורה'לע. מיין מאן?... מיין מאן קויפט מיר א קייטעל..

מנשה. און יא... (טהוט א פייפעלע ש'ארק פערוואונדערט) האטש א גוטס?...

דבורה'לע. (שטאלץ) פון בעסטען סארט, וואס קאן נאר געבען!...

מנשה. (קלאפט זיך אין הארץ) און איך, דבורה'לע, איך וואס זאל דיר קויפען?...

דבורה'לע. (מיט פערצויגענע ליפעלעך) איך האב גאט צו דאנק א מאן ביז הונדערט און צוואנציג יאהר...

מנשה. נו טארסט דו שוין ביי מיר גאר נישט נעהמען, דבורה'לע?... (מיט א בעוועגונג) איך וועל דיר אויך קויפען א קייטעל...

דבורה'לע. צוויי?...

מנשה. ס'שאד נישט — — זעהסט אה... (בייגט זיך צו'ן איהר איבער שמייכלענדיג) איינס אויף דער זייט האלז, איינס אויף דער זייט האלז... (קושט זי אויפ'ן האלז).

דבורה'לע. פע... (רייסט זיך ארויס פון איהם) אויף מיין ווארט איך וועל דיך ארויסטרייבען, זאלסט שוין מיין שוועל נישט איבערטרעטען...

מנשה. האסט א ווייך העלזעל...

דבורה׳לע. דו ווילסט מיר אנמאכען אז די גאנצע גאס זאל אויף ווערען מיט מיר... מיינסט מענשען ווערען נישט געוואר?

מנשה. די אפיצערקעס האבען אויך אזעלכע העלזעלעך, נאר זיי טראגען סאמיט-באנד... דיר וואלט אויך געקלײדט אזעלכעס...

דבורה׳לע. אויך מיר א גרויס עסק... און וואס זענען זיי מיר אזוי שען, די אפיצערקעס... ווייל זיי פוצען זיך?...

מנשה. אודאי, פוצען... דו דארפסט אויך האבען אזוינס... (ציהט ארויס פון קעשענע א פאפיר, וויקעלט ארויס א שווארץ-סאמעטענעם באנד) דו זעהסט, דבורה׳לע!... דאס איז פאר דיינעטוועגען... (זעצט זיך נעבען איהר אויפ׳ן בעט און מעסט איהר אן די באנד ארום האלז).

דבורה׳לע. וואס טהוט זיך מיט דיר, מנשה... מען זעהט דאך דורכ׳ן פענסטער יעדעס פיצעל...

מנשה. שא—א—א... (מאכט א שפרונג צום פענסטער און לאזט אריבער דאס פארהענגעל).

דבורה׳לע. (לויפט נאך) מנשה!... אזוי לאנג לעב איך אהן שלעכטס...

מנשה. (צוריקציהענדיג זי) זעץ דיך נאר אנידער, זעץ דיך נאר... (זעצען זיך צוריק אויפ׳ן בעט) און דו ווייסט ווי אזוי דאס ווערט געמאכט?... מען גיט ארונטער א ראזע, אדער א הימעל-קאלירטען זיידען-שטאף אונטער דעם באנד, מיט גאנץ דינעם זייד ארומגעזוימט, און צוויי העקעלעך קומט מיט צוויי גאנץ דינע זיידענע פעטילקעלעך צום פערהעקלען...

דבורה׳לע. (מיט א געלעכטער) הא, הא... ער לערנט נאר מיך... שוין גוטע צייטען...

מנשה. און אמאל האסט דו געהאט האר, איז עס געווען זייד אין דער וועלט... (קוקט אויף די לאקענדלעך, וואס לאזען זיך ערטערהייז אפער פון אונטער׳ן שייטעל).

דבורה׳לע. און היינט וואס מיינסטו?... איך האב זיי נאך ווי פריהער...

מנשה. (ריהרט אן מיט דער האנד ביי איהר שטערען, מיט געבעטע) איך וויל זיי זעהן... לאז אפער א פאר לאקען... דבורה׳לע...

דבורה׳לע. וואס ווילסטו פון מיר האבען... דער מאן קומט באלד אריין, די מהיר שטעהט אפען...

מ נ ש ה. (פערוואונדערט) אָפּען!... (לויפט אוועק אין קיך).

ד ב ו ר ה ' ל ע. מנשה, ניין, ניין!... (נעמט דערווייל אראב דאס שייטיל פון קאפּ, בלייבט אין די בלויזע האר מיט צוואַרפּענע לאָקען איבער די אַקסלען).

מ נ ש ה. (קומט צוריק) פאַר וואס עפּיס ניין?... זעה נאַר, דבורה'לע, ווי שען דו ביזט (נעמט זי אָן הינטען ביי די לאָקען).

ד ב ו ר ה ' ל ע. חעסט דיך נישט אָבגעשטעפּען — ניין?

מ נ ש ה. דבורה'לע! — אצינד ביזט דו שענער, אַכטצעהן מאָל, דבורה'לע! (נעמט זי ארום).

ד ב ו ר ה ' ל ע. (ווערט זיך שוואַך) מנשה'שי, לאָז מיך אָב.

מ נ ש ה. באַלד, באַלד, דבורה'שי (קושט זי).

ד ב ו ר ה ' ל ע. זעה נאַר, האָסט דאָך מיר פון גאַנצען שייטיל אחל געמאַכט!

מ נ ש ה. אוי — א חל! דבורה'לע, איך קויף דיר שוין אַן אַנ'אַנדערס. (נעמט איהר ארויס דאס שייטעל, ווארפט אויפ'ן טיש) אוועק מיט אַזוינע שייטלעך! ביי מיר אז א שייטעל זאָל עס שוין הייסען א שייטעל! (ביידע שווייגען א מינוט, ער לייגט די האַנד איבער איהר אַקסעל) נו דבורה'שי?...

ד ב ו ר ה ' ל ע. אוי, מנשה'שי... כ'האָב מורא דער מאַן וועט אָנקומען...

מ נ ש ה. נו שא, שא... האָב קיין מורא נישט... מיין קעצעלע... (זעצט זיך אויפ'ן בעט מיט איהר אויף דער שויס).

ד ב ו ר ה ' ל ע. ניין, מנשה'ליו, ניין...

מ נ ש ה. נו ניין, נו ניין... (בייגט זי איבער מיט'ן האלז ארויף און קושט).

ד ב ו ר ה ' ל ע. (מיט א צגאַפּענקטע) מנשה'שי — — —

(פערווארפט דעם קאָפּ פּתנמצבמיג. מנשה דרעהט מיעף אראב דעם לאָמפּ, קוים וואָס ער בלישצעט און פאַלט צו איהר אויפ'ן בעט ארויף. א ווייַלע איז שטיל. פּלוצלינג אָבער דערהערט זיך א קלאַפּען אין דער טיהר).

א ב ר ה ם ' ס ק ו ל. דבורה'לע — עפּען!... (מנשה מיט דבורה'לען שפּרינגען אויף פון בעט).

ד ב ו ר ה ' ל ע. אוי, א בראָך איז צו מיר!

מ נ ש ה. דער מאַן, דער מאַן!

דבורה׳לע. אוי גיך, גיך... א בראך איז צו מיר — דער מאן געהט! — בעהאלט דיך, מנשה׳שי!...

מנשה. וואו אהין, וואו? — (עס דערהערט זיך נאך א שטער־קער רודערן אין דער טיהר).

דבורה׳לע. (גיט א חאפ דאס איבערבעט אין דער האנד) אהער, אהער!...

מנשה. מיט די שטיוועל?

דבורה׳לע. אריין! אריין!

מנשה. (גיט זיך א ווארף מיט די שטיוועל אין בעט אריין, דבורה׳לע דעקט איהם איבער, ענטלויפט און קוקט אויפמאכען די טהיר).

אברהם. (קומט אריין נאכגעהענדיג נאך דבורה׳לען) גוט נ'אבענד!

דבורה׳לע. גוט נ'אבענד, גוט יאהר. זעה נאר, שוין ביזטו געקומען! (פערשטעלט מיט זיך דאס בעט).

אברהם. וואס, ס'איז צו פריה?

דבורה׳לע. ניין — אדרבה — געה נאך צוריק אביסעל... דו מוזט דאך מיך שטענדיג לאזען אליין. נאך צו פריה איז פאר איהם גאר!

אברהם. (קוקט זיך ארום) וואס איז עפיס אלץ אזוי צורו־דערט? — גלייב מיר, ביזט שוין געשלאפען?

דבורה׳לע. נאר וואס דען, איך וועל זיצען און ווארטען אויף דיר?

אברהם. נו ווי הייסט, נארעלע, וואס דען האב איך גע־קענט טהון, אז כ'האב פארט געמוזט זוימען.

דבורה׳לע. כ'וויים, כ'וויים... פאר מיינעט־וועגען מוזט דו תמיד זוימען, מוזט דו תמיד אוועקגעהן און קיין איין רגע זיצט דו נישט אין שטוב...

אברהם. נו שוין, דבורה׳לע, מעהר וועל איך דיך שוין נישט לאזען אליין, גוט?

דבורה׳לע. געה, דו זאגסט מיר אלע מאל צו דאס אייגענע.

אברהם. שוין — פון היינט אן, בלי נדר ובלי מסקנא...

דבורה׳לע. דו זעהסט ווי איך האב מיך שוין גערחאט

אויסגעטהון. צעלאָזט די האָר — איך בין שוין געשלאָפען, און אלץ איבער דיר.

אברהם. נו עס שאדט נישט, ס'שאדט נישט, דבורה'לע — נו ביזט דו געשלאָפען — טאָ וואָס איז דאָס אומגליק? — און אז דו האָסט דיר די האָר צעלאָזט איז אויך נישט קיין גרויס אחריות (קושט זיך) - גלייב מיר, אז אזוי ביזט דו נאָך שענער...

דבורה'לע. אזוי שען בין איך דאָס?

אברהם. העֶ, הע — וואָס רעדסט דו, דבורה'לע? הע, הע, האָר איז דאָך דאָס צירונג פון מענש. (רוקט זיך צו איהר צו טריטעלעך-ווייז, ווייל זי אָנריהרען בײַ די האָר).

דבורה'לע. (ציהט זיך צוריק) גיי לאָמיך אָב — איך בין דאָך פערשלאָפען, וואָס ווילסט דו פון מיר האָבען? ——

אברהם. דבורה'שי, איין קוש'שישי נור...

דבורה'לע. גיי, לאָמיך אָב.

אברהם. דבורה'שי — — זעה נור וואָס פאַר אַ שיינע הערעלעך דו האָסט.

דבורה'לע. גיי, לאָמיך אָב — אברהם'שי, וואָס ווילסט דו פון מיר האָבען?

אברהם. ניין — גאָר נישט... איין איינציג קוש'עלע... ווײַז מיר דײַנע הערעלעך... געדענקסט מנשה'לע קעלבאָם האָט דיך געוואָלט פאַר א כלה?

דבורה'לע. אוי א בראָך איז צו מיר! אברהם, פאַר וואָס שווײַגסט דו נישט — יענער איז דאָך אצינד דאָ נישט דאָ — פאַר וואָס האָסט דו צו רעדען אונטער יענעם'ס פלײַיצעס?

אברהם. נו שוין, שוין — ווער רעדט דען, ווער דער-מאָנט איהם גאָר, ער איז נישט דאָ, זאָל ער נישט זײַן — נור גלאַט עס רעדט זיך אזוי, ווײַל דיך זאָגט מען האָט ער דוקא גע-וואָלט פאַר א כלה.

דבורה'לע: נו שוין נו, מיך פאַר א כלה — אנדערש פאַסט מיר נישט! און דו זאָלסט נור הערען, וואָס מענשען ווועלען דיר אָנ'באָמבלען אין קאָפּ אַרײַן!

אברהם. אָבער דו זעהסט שוין, אז ס'איז גאָר אזא קל שבקלים! — אָבער דו זעהסט שוין?! אָבער ערשט טהוט דיר שוין הנאה וואָס דו האָסט מיך און נישט איהם וואָס לויפט נאָך

אלע שיקסעס אין די גאסען און עסט טריפות מיט אלע אפיצערין!

דבורה'לע. הער נור אברהם — איך וועל דיך שוין, זעה איך, נישט פטור ווערען די נאכט. — הער נור, איך האב דיך ערגעץ צו שיקען וועסט מיר מהון א קליין טובה'לע?... ס'אנדערע, איך וועל שוין אליין געהען... (הייבט אן צו געהן צו דער קיך).

אברהם. וואו הין, וואו הין איז דאס? — האסט דו מיר מורא צו זאגען?

דבורה'לע. ניין, לאז געמאך אברהם'עשי, איך וויל דיך נישט בעלעסטיגען אזוי שפעט ביינאכט, איך ווייס, אז דו ביסט אנגעארבייט פון א גאנצען טאג.

אברהם. זאג מיר נור, וואס האסט דו מיר מורא צו זאגען, דבורה? — ווי הייסט, דו וועסט ערשט אליין געהן ערגעץ?

דבורה'לע. נור וואס דען, דיך וויל איך שיקען? איך ווייס דאך אז דו ביסט מיעד פון א גאנצען טאג ארבייט?

אברהם: ס'שאדט נישט דבורה'שי, ס'שאדט נישט...

דבורה'לע. ס'אנדערע — איך וועל דיר זאגען, וואס קען דאס מיך ארען, אז געהען וועל איך דיך סיי ווי סיי נישט לאזען; דו פערשטעהסט? — געהן וועל איך דיך סיי ווי סיי נישט לאזען.

אברהם. נו, נו, לאמיר שוין הערען.

דבורה'לע. אברהם'עשי, אבער דו בעשטעהסט נישט צו געהן וועל איך דיר זאגען.

אברהם. א סוף אנ'עק — וועה איז מיר. זאג שוין אמאל.

דבורה'לע. נו שוין... איך וויל דיר זאגען. אברהם'עשי, זאלסט דו וויסען, אז איך האב מיר היינט פארגענומען אויסצוואשען די האר מיט ווייך וואסער פון סטעקעל...

אברהם. ס'טייטש וואס רעדסט דו — נו ווילכט דו ערשט געהן צו די „וויעטראקים" נאך וואסער?!

דבורה'לע. יא, יא, אברהם'עשי, איך מוז... און ס'אנדערע וואס קענסט דו דערלייגען, אז איך וועל מיך אליין אזוי איבערשפאצירען הין און צוריק...

אברהם. א בראך איז צו מיר... וואס דער מענש רעדט — איבערשפאצירען גאר!... האסט דו געהערט א שפאציר פון צוויי ווירסט וועג. און האלבע נאכט נאך דער צו...

דבורה'לע. נו וואס זשע דען זאגסט דו מיר, אברהם'עשי!

(לייגט איהם ארויף דאס הענטעל אויפ׳ן אקסעל און קוקט איהם מיט א שמייכעלע אין פנים אריין).

אברהם. איך זאל אזוי וויסען פון שלעכטס (דרעהט זיך שנעלער צורודערט אויף און אב איבער דער שטוב, איבערגלעטענדיג מיט דער האנד איבער׳ן שטערען).

דבורה׳לע. (דרעהט זיך איהם נאך מיט דעם זעלבען שמייכעלע און גיט איהם עלע מאל קאקעטיש א קוק אין די אויגען אריין) נו וואס זשע רעדען זאגסט דו מיר אברהמ׳עשי...

אברהם. (בלייבט שטעהן) מילא, איך ווייס... אז דו זאגסט, דו דארפסט.

דבורה׳לע. נו יא, יא, אברהמ׳עשי...

אברהם. נו מילא, וועל איך מוזען געהן...

דבורה׳לע. ניין — דאס וויל איך נישט — גאט בעהיט!

אברהם. ווי הייסט, דו נארישע, נור וואס דען איך וויל לאזען דיך געהן האלבע נאכט— האסט טאקי באלד געפועלט ביי מיר!

דבורה׳לע. נו וואס אי? נו וואס אי? דו ביסט דאך מיעד!

אברהם. נו נישט געטענה׳ט קיין סך, גיב אהער מיר דאס קריגעלע — איך וועל אליין געהן, איך בין פארט א מאנספערשוין...

דבורה׳לע. דו מיינסט, אז איך וועל מיך מיט דיר רייסען (נעמט דעם לאמפ פון טיש אראב) נור איך בעט דיך אברהמ׳עשי, אז דו זאלסט נישט געהן... דאס קריגעלע שטעהט דארט אין קיך...

אברהם: נו קום שוין, נו קום שוין (דבורה׳לע געהט איהם נאך אין קיך מיט דעם לאמפ אין דער האנד. ביידע אב אונטער דער פארטיערע. עס דויערט א ווײַלע, עס הערט זיך א פארען, באלד אנ׳ארויס-געהן און א פערקלאפען פון א טהיר).

דבורה׳לע. (קומט צוריק און שטעלט אוועק דעם לאמפ צוריק אויפ׳ן טיש, שטעהט לעבעדער אב) אוי מאמעשי, ווי שווער מיר דאס איז אנגעקומען, איידער איך האב שוין ארויסגעפטרט פון שטוב— ניין מאס רייד האט ער דאך אין זיך (טרעט צו צום בעט, הייבט אונטער דאס איבערבעט) מנשה?...

מנשה. (שטעקט אפער דעם קאפ) שוין משלם געוועזן?...

דבורה׳לע. (מיט א זיפצעלע) קוים מיט צרות...

מנשה. (שפרינגט אראב, וויל לויפען) א גוטע נאכט, א גוטע נאכט דבורה׳לע!

ד ב ו ר ה׳ל ע. שטעה נור שטעה — ער שטעהט דאך נאך אונטער דער טיהר ...

מ נ ש ה. וואו האסט דו איהם געשיקט, וואו, וואו, וואו?

ד ב ו ר ה׳ל ע. שטעה נור א רגע׳לע — קאך דיך נור נישט אזוי — צום סטעקיל אזש נאך וואסער ...

מ נ ש ה: צום סטעקיל אזש נאך וואסער! אוי, אוי, אוי, (וויל אזש טאנצען פאר פרייד) אט אזוי לייגט מען ארײַן א פרײַער — אט-אזוי, אט-אזוי לייגט מען ארײַן א פרײַער —— ווייסט דו זשע וואס דבורה׳לע — קענען זשע מיר דאך נאך זיטצען א ביסעל.

ד ב ו ר ה׳ל ע. ניין, מנשה׳ליו, ניין ...

מ נ ש ה. נו, דבורה׳שי, מאך זשע מיר שוין נישט קיין קונצען. —— קום נור אהער דבורה׳לע — מיר האלטען דאך עפּיס אין דער מיט... (נעמט זי צו קושענדיגערהייט צום בעט, דרעהט אין גאנצען אראב דעם לאמפּ, אין שטוב ווערט פינסטער. עס הערט זיך א שטיל שארכען. פויזע).

מ נ ש ה. (נאך א לאנגער ווײַלע פלאקערט אויף א שוועבעלע אראבטאנצענדיג פון בעט. אין שטוב ווערט רויט ליכטיג, די פינסטערניש ווערט ווי צושאסען, און מנשה מיט א בעלויכטען פנים פון דעם ברענענדיגען שוועבעלע אין דער האנד צינדט אן דעם לאמפּ) נו שוין, דבורה׳לע ערשט האב מיר שוין א גוטע נאכט (בייגט זיך איבער איהר וואו זי ליגט אין בעט, דריקט איהר די האנד און גיט איהר נאך א קוש) א גוטע נאכט!

ד ב ו ר ה׳ל ע. א גוט יאהר... (מנשה נעמט אראב דעם פּאלטא פון דער וואנד, געהט ארויס. דבורה׳לע זעצט זיך אויף אנגעשפּארט אויף איין עלענבויגען אין בעט, האלב ליגענדיג, האלב זיצענדיג). נו א מין לאנקײַט ער זויסט זיך — שטענדיג וועט ער מיך נור לאזען אליין — (פויזע).

א ב ר ה ם. (קומט ארײַן אײַנגעבויגען, טראגט א קריגעלע וואסער, בלײַבט שטעהן מיט א נאכט-בלישצעל אין די אויגען און קוקט איבער דבורה׳לעס בעט).

ד ב ו ר ה׳ל ע. נו שוין, אבי דו ביסט שוין דא... (נעהט אראב פון בעט לאנגזאם און ברוגז׳לעך).

א ב ר ה ם. (מיט אג׳אונטערטהעניגקײַט) דבורה׳שי... נא דיר וואסער.

דבורה'לע. געה, געה, איך בין מיט דיר ברוגז...

אברהם. דבורה'שי, הא, פאר וואס?

דבורה'לע. ווייל איך האב דיך געבעטען, אז דו זאלסט נישט געהן האלבע נאכט.

אברהם. נו. דבורה'שי, איך בין דאך געגאנגען פאר דיי־ נעטוועגען נאך וואסער.

דבורה'לע. איך דארף שוין אצינד נישט קיין וואסער, איך דארף עס שוין אויף כפרות...

אברהם. (עס בעדעקט איהם א קאלטער שווייס) הא? — דבורה'שי? — — נו, נא, נעם נור א קודם צו!

דבורה'לע. נו שטעל אנידער. (ווייזט איהם אן אויף דער פאדלאגע).

אברהם. ווי הייסט?

דבורה'לע. איך טאר נישט...

אברהם. (קרטשעט זיך איין, דאס פנים ווערט איהם בלאס)

דבורה'לע. יא, יא — שטעל אוועק...

אברהם. (מיט א פערביטערקייט אין פנים) נו, דו האסט דאך מיר אליין געגעבען דאס קריגעלע אין דער האנד אריין?...

דבורה'לע. נו, און אצינד איז שוין אנדערש געווארען... דו ווייסט נישט, וואס פרויען זענען? — א ליאדע עגמת נפש'ל.

אברהם. אוי, וואס פרויען זענען! — — (שטעלט אוועק דאס קריגעלע פאר איהרע פיס) אוי, וואס פרויען זענען... (שטעלט זיך אוועק אן דער זייט).

דבורה'לע. נו אברהמ'עשי, פון וואס האסט דו קרענקונג?

אברהם. ווי הייסט, כ'האב געברענגט וואסער, וואסער האב איך געברענגט, האלבע נאכט, ווען די גאנצע שטאדט שלאפט שוין, און מען זעהט שוין נישט קיין לעבעדיגען הונד אויף דער גאס, אויסער וואס דער „סטראזשניק" מיט די „סטרוזשעס" דרעהען זיך ארום — צום סוף זאגסט דו, אז דו דארפסט עס נאר אויף כפרות, אויף כפרות דארפסט דו עס גאר... און פאר וועמענס וועגען — פרעג איך דיך — האב איך דאס געברענגט? פאר'ן טייוועלס וועגען...

דבורה'לע. אוי אברהמ'עשי, וואס טהוט זיך מיט דיר? וואס דערמאנסט דו עפּיס ביינאכט שדים?...

אברהם. נו שוין נו, וואס האסט דו מורא? — זעהסט דאך, אז מיך האט אפילו דער טײַוועל ניט גענומען אויפ'ן וועג...

דבורה'לע. אוי אברהמ'עשי. עפּיס רעדסט דו דאך גאר ניט ווי דער איינענער... לא'נאר, אברהמ'עשי... זעה נאר צו דו געהסט אין כשר'ע ציצית — ניט געדאכט זאל עס זיין — האסט דאך קיינמאל ניט גערעדט אזוי ביז...

אברהם. (ווישט אב, דרעהט זיך אוועק) יא, יא — ציצית,

דבורה'לע. נו אברהמ'עשי, קרענק דיך ניט, קום וועל איך דיר ליבערשט בעטען דאס בעט, וועסט דו דיך לייגען שלאפען.

אברהם. און דו וואס וועסט טהון?

דבורה'לע. איך, גאר ניט... איך וועל מיר ווייטער בעטען מיין בעט און מיך אויך לייגען שלאפען... (געהט צו, בעט איהם דאס בעט. אברהם דרעהט זיך דערווייל ארום איבער דער שטוב אביסעלע צוטראגען, ווארפט אלע מאל א בליק אויף דבורה'לען, שטעלט זיך אב).

אברהם. דבורהשי, איך קען דאך נאך אבער ניט געהן שלאפען, וואס לייגסט דו מיך שוין שלאפען?

דבורה'לע. נאר וואס-זשע דען וועסט דו טהון?

אברהם. און דו געהסט שוין דען אויך שלאפען? — אפשר וואלסט דו חאטש געזעסען אביסעל ביי מיין בעט, ביז וואנען איך וועל ענטשלאפען ווערען?

דבורה'לע. יא אברהמ'עשי, מיט דעם גרעסטען פערגעניגען...

אברהם. נו שוין — זאל זיין חאטש דאס... (הייבט זיך אן אויסצוטהון, דבורה'לע שטעהט און וואַרט ביז ער לייגט זיך אין בעט אריין, רוקט זי זיך צו א שטוהל נעבען איהם און זעצט זיך. פויזע).

דבורה'לע. נו, אברהם, דו שלאפסט שוין?...

אברהם. נאך ניט...

דבורה'לע. נו ווי לאנג וועל איך זיצען?

אברהם. ביז וואנען איך וועל ענטשלאפען ווערען.

דבורה'לע. (שפּרינגט אויף) אוי! — נו קום-זשע דו צו

מײַן בעט, װעל איך שלאָפֿען און דו זיצען ... (אברהם קריכט אַראָב פֿון בעט אין די גאַטקעס, פּאַמעלאַגענדיג זיך די אײגענע שטוהל, אױף װעלכע דבורה׳לע איז געזעסען — צו איהר בעט. דבורה׳לע קריכט אַרײַן אױסגעשהענגערהײט אין בעט. די ברוסטען זעהען זיך אַרױס דורכ׳ן אױס-געגאָרסירטען העמד, דעקט זי זיך אײַן מיט דעם איבערבעט, פּאַסט אַרום דערבײַ איהר קײלעכדיגע פֿיגורע, װעלכע זעהט אױס אױף דעם אָרט פֿון דער מעליע, װײַך אײַנגעפֿאַלען, האַלב אױסגעשטרעקט דאָס קלאָרע געזיכטעל, ליגענדיג מיט׳ן פּנים אַרױף צום בעליק. די ליכטיגע שײַן פֿון לאָמפּ באַרײַטעט איהר אײַן זײַט געזיכט, די ליפּעלעך האַלטען זיך אַזױ שטיל און בנעימות פֿערשלאָסען, די אױגען דעסגלײַכען — און אברהם זיצט מיט אַ געזונקענעם קאָפּ, אײַנגעװױגט אין אַ טיפֿער שטילקײט און דער זײגער איבער זײַן קאָפּ װױגט זיך אױך אַזױ שטיל צו: טיק-טאַק, טיק-טאַק — טיק-טאַק, טיק-טאַק ...)

א שלעכטע קרוי.

(ערצעהלונג):

אהרן האט ערוואכט פון שלאף, און ליעגענדיג אויף דער סאפע זיך א קעהר געטהון מיט'ן פנים צום פענסטער. די האלבע לבנה קוקט צו איהם אריין בלייך און פערטראכט, שטעהענדיג אין טונקעל-בלאהען הימעל צווישען די זילבערנע שטערנלעך, — קוים בלישצענדע שטערענדלעך. ארום איז שטיל. פון צווייטען צימער הערט זיך דעם זייגערס איינזאמער טיק-טאק ... און דא אין שטוב ווערען די ווענד אלץ טונקעלער, זיי האבען שוין, דאכט זיך, קיין ממשות נישט און זענען צוזאמענגעוועבט פון א גרויען און א טיעפען נאכט-קאליער; און פון אונטערן נאקעטען באלקען לויערט שוין די שטילקייט פון דער טונקעל-גרויער נאכט.

אהרן שטעהט-אויף פון דער סאפע, געהט צו צום פענסטער און מאכט דאס אויף.

— „און וואו איז זי?" קוקט ער אין מארק אריין, — „וואו זענען זיי ביידע? אפשר ביי'ן פאטער איהרען?..."

ער געהנעצט טיעף אב און געהט אוועק פון פענסטער, אריינשטעקענדיג די האנד אין בוזעם-קעשענע. ער נעהמט ארוים

א פאפיראָס, און זוכט ווייטער אין די קעשענעס — „נישט דאָ!...
קיין שוועבעלע אויך נישט"...

און איהם ערגערט דאָס און ער לויפט אריין אין צווייטען צימער. זוכט אויפ'ן טישעל צווישעןביידע בעטען, געפינט אָבער נישט. ער לויפט צוריק אין שטוב און זוכט איבער דער קיך — נישטאָ, קיין שוועבעלע אויך נישט!

„און וואו קאָן זי זיין אזוי לאנג? דער טאטע דארף זי דאָרט נויטיג?! וואָס א נקבה קאָן!..."

ער לויפט ארויס פון שטוב, צוקלאפענדיג די טהיר הינטער זיך.

באלד קומט ער צוריק אריין מיט א פערראויכערטען פאפיראָס אין מויל. ער צינדט־אָן א שוועבעלע און אין שטוב ווערט רויט־ליכטיג.

ער צינדט־אָן דעם לאָמפ און שטעלט איהם אנידער אויף דעם טיש, וואָס אין מיטען שטוב.

ער ווארפט אונרוהיג א בליק און בלייבט שטעהן, ווי פער־טראכט.

„אזוי לאנג, אזוי לאנג?..." מורמעלט ער און געהט ווייטער ארויס פון שטוב.

באלד קומט ער צוריק מיט א מיידעל אין א קרעטאָנען בלוזקעלע, הויך ברוסטיג, מיט געזונטע פולע באקען און מיט א בלאָנדען קאָפ האר פערלעגט אויף צוריק.

ביידע קוקען זיך אן בלייבענדיג שטעהן אין מיטען שטוב, און ער בעט זי:

— איך לויף נאָר אריבער צו'ם שווער, שיק איך זי באלד; א טאָמער טרעף איך זי נישט לאז נישט די שטוב אליין, זיי אזוי גוט...

פלוצלונג מאכט זיך אויף די טהיר און א דיקליכע יודענע מיט א געזיכט פון א טערק, מיט א געשטריקט קאפקעלע אויפ'ן קאָפ בעוויזט זיך אויף דער שוועל. זי טהוט א פינקעל מיט די אויגען און רופט מיט א גראָבער מאנסבילשער שטימע.

— איידעל, איידעל, קום נאר אריין, איך דארף דיר עפּעס האבען...

דאס מיידעל שארט זיך צוריק צו דער טהיר. בלייבענדיג שטעהן פאר דער יודענע ווי א פערזינדיגטע מיט אראבגעלאזטע אויגען.

אהרן בליקט אונרוהיג:

— שפרינצע! וואס איז?... איין מינוט נאר...

— איין מינוט נאר?... מאקע? נישט מיין מיידעל!...—

טהוט זי א חאפּ איידלען ביי'ן ארבעל און א שלעפּ ארויס פון דער טהיר.

אהרן בלייבט א רגע ווי צומישט. פלוצלונג טהוט ער א שפרונג, און שטעקט ארויס דעם קאפּ דורך די אפענע טהיר.

— דו אלטע קאזאצקע! — רופט ער אויס.

— און דערלעב נישט עלטער צו ווערען! — הערט זיך פון דארט אנ'ענטפער און באלד דערויף א קלאפּ מיט א טהיר...

אהרן בלייבט שטעהן ווי אבגעהאקט אין דער מיטען מיט אנ'אפען מויל און אויגען, וואס פלאמען פאר כעס.

„אזא אלטע קאזאצקע,— טענה'ט ער שוין צו זיך, אויס־דרעהענדיג זיך מיט'ן פנים צו דער שטוב — אזא וועלנערישע קאזאצקע!"

ער פערמאכט די טהיר און נעהמט געהן איבער דער שטוב אויף און אב, שטארק צוטראגען:

„איינשפּארען גאר וועט זי מיך! קרענק אזוי לאנג, רבקה'לען דעם קאפּ אפילו זאל מען דיך ארויס'גנב'ענען!..." לויפט ער צו צו דער טהיר.

ערווארפט אבער א בליק אויף די שטוב. דאס פענסטער איז אפען... נעהמט ער צוריק פערמאכען. און דערנאך זעצט ער זיך אוועק אויף דער סאפע.

א ווייל איז שטיל.

די טהיר מאכט זיך אויף, און זיין פרוי, רבקה'לע, מיט זיין שוועסטער דבורה, א מיידעל פון א יאהר צוואנציג, וואס איז גע־קומען צו גאסט, זענען אריין אין שטוב.

— ביזט עפּעס א מבין. ווי לאנג איך האב מיך געזוימט?

— טענה'עט רבקה'לע גלאט אין דער וועלט אריין.

— צי איך בין א מבין? — האפּט אהרן אונטער מיט א

בײַזען שמײכעל — האָ, האָ, האָ, — — צי איך בין אַ מבין ?...

— — זעה נאָר צו, זעה נאָר... — בלײַבט זי שטעהן אין מיטען שטוב, אָנקוקענדיג איהר מאַן אין פּנים אַרײַן — גלײַך עס טענה'ט דאָ עמיצער צו איהם. ס'איז איהם שוין עפּעס געפלויגען איבער דער נאָז...

— זאָלסט פליהען און פליהען. אז עס זאָל דיך די חאָלערע טרעפען וואו דו שטעהסט! און מיט שפּרינצען איבנאײַנעם!...

— חאַ, חאַ, חאַ... — צולאַכט זי זיך אויף אַ דין קול'עכעל, אומקוקענדיג זיך צו דבורה'לע, — דבורה'לע, ביסט חאָטש אַ מבין'טע אויף די רעד, אויף דעם משוגענעם'ס רעד?

— ביזט חאָטש אַ מבין אויף דעם געלעכטערעל, דבורה?

— פרעגט אויך אַהרן — דו בעמערקסט חאָטש, וואָס דאָס געלעכטער'ל איז?...

— וואָס, דיר געפעלט דאָס נישט, אַהרן'לע? — פרעגט רבקה'לע ווײַך — אַבער עס שטעכט דיך?...

— ווער דערשטאָכען, דערפאַר וואָס דו קאָנסט אַוועקגעהן פון דער היים אויף אַזוי לאַנג!

— און בוקא וועל איך מאָרגען אויך געהן. אמת, דבורה'לע? מאָרגען וועלען מיר אויך געהן זיך באָדען אין טײַך? און דו, — ווענדט זי זיך צוריק צום מאַן, — שטעך דיך פאַר צרות.

— זאָל דיר שטעכען און ברעכען!

— און פּלאַצט דיך די גאַל... בע... און וואָס מאַכט דאָס גאַלעכעל?... — שפּילעוועט זי איהם אין די אויגען אַרײַן אַנטקעגען שטעהענדיג מיט אַ שמײכעלע אין פּנים.

— נעה! וואָרום איך מאַך פון דיר אַ תל! שפּרינגט אַהרן אויף דער סאָפע מיט אַ ווילד געשרײַ, אויסשטעלענדיג אַ פויסט קעגען איהר פּנים און די אויגען זײַנע פלאַמען און דאָס געזיכט איז אָנגעצונדען.

אַ שטילקײַט האָט די גאַנצע שטוב פערגליווערט און מאַן און ווײַב קוקען זיך אין די אויגען מיט צומישטע בליקען...

ער קומט דאָך צו־זיך. אָטהעמט לײַכט אָב און לאָזט צוריק אַראָב די האַנד. ער דרעהט זיך אום, מאַכט אַ פּאָר טריט או שטעלט זיך ווײַטער אָב, אָנקוקענדיג זי פון ווײַטענס.

בײַ'ם טײַך ביסט דו געוועזען, אַזוי לאַנג געזעסען. האָסט דו

שוין געדאַרפֿט אַלץ איינס אַריבערגעהן איבער דער בריק צו די קאַזאַרמעס . וואָלסט דו חאָטש געגעבטינגט אין קאַזאַרמע, אָדער אונטערן בערגעל , וואָלט איך געוואוסט פֿאַר וואָס איך זיץ , או פֿערפֿאַלען , ביזט נישטאָ , א סוף !...

זי ענטפֿערט נישט , נאָר קוקט זיך איבער מיט דבורה'ן :

— וואָס שטעהסט דו נאָך , דו נאַר דו ?... לעג אוועק , מיט די וועש אין פֿאַרטוך , זעהסט דו דאָ ? די נחת פֿון דער שוועגערין ?... — פֿרעגט זי מיט א בהכנעות אין קול, ווי איינע וואָס דאַרף מן הסתם אָבקומען פֿאַר אַנ' עונש. נאָר אַהרן חאַפּט אונטער מיט א ווילדען שמייכעל .

— זעהסט , דבורה, זעהסט דאָס צדיקל ?... וואָס פֿאַר א כשר פּנים'ל !...

דבורה טהוט נאָר א קוועטש מיט די אַקסלען און געהט אוועק מיט די וועש אין פֿאַרטוך אין צווייטען צימער .

זי קומט באַלד צוריק .

אַהרן איז אַרויס פֿון שטוב און רבקה'לע זעצט זיך אויף דער סאָפֿע , די האַנד אונטערגעשפּאַרט אונטער דער גאָמבע :

— נו , וואָס זאָגסט דו חאָטש צו דער כפּרה , דבורה'לע ?

— וואָס זאָל איך זאָגען ? — ענטפֿערט זי שטיל, זעצענדיג זיך נעבען איהר .

— זעהסט חאָטש די נחת ? דאָס האַלט מען שוין ב"ה צוויי יאָהר נאָך א חתונה, איז מען דאָס אויף אַזא אופֿן געקלאָגט . זאָג , דבורה'לע , האָב איך נישט געמעגט אויסגערונען ווערען ביי דער מאַמען אין בויך ? כדאַי אויף אַזא אַרט חתונה צו האָבען ?...

— איך וועל דיר זאָגען דעם אמת , א היציגער איז ער שטענדיג . נאָר מיט דיר, האָב איך געמיינט , איז ער אַנדערש...

— אַנדערש ?... אַנדערש ?... האָט רבקה'לע אָבגעזיפֿצט

— נאָר דעם רשע גיט מען דעם ווייערעל ... טהוט אַלדעס ביז... און פֿון וועמען לערנט מען זיך דאָס אָב ? פֿון די הולטייעס , אָפֿי־צערען ! פֿרעסט און זויפֿט מיט זיי טאָג און נאַכט , פֿילט זיך אָן מיט טרפֿות, אויסגעפֿילט , אויסגעטשעטשעט איז מען מיט קעלבאַס —דערצו זעהט ער דאָך ווי אַזוי זיי, די הולטאַיעס טהוען מיט די שיקסעס , די טליקעס ... נו , איך בעט דיך , דבורה'לע , פֿאַר וואָס

וואָל ער נישט טהון אזוי מיט'ן ווייב, ווי דער זעלנער מיט דער טליק?

— אזא גוט לעבען האָבען דאָ אָפּיצערען מיט יודען?

— מיט יודען, יאָ!... וואָס, דיין ברודער איז אויך אַ יוד?... ווער ס'איז אַ יוד, ווי אַ יוד עס דאַרף צו זיין, לאַכען זיי טאַקי קאָנען נישט אָנקוקען, — אוראי מיט ר' לייבעלע דיין'ס זיין וועלען זיי נישט האָבען קיין עסקים. נאָר דיין ברודער, פערשטעהסט מיך, האָט אַ טרפה'נע זעעל, אַ גוי איז ער, נישט קיין נשמה נאָר אַ רוח, — זיי אליין זאָגען דאָך: צראָן, טי חאַראַקטערא ואָיוסיע ניע פּאָחאָדיש נאַ יעוורעיאַ... פערשטעהסט דו שוין? דער שורש, קינד-לעב, ציהט — — —

— מילאָ, דיין טאַטע אליין האָט דאָך איהם געמאַכט אַני' איינגאַנג אין די קושאַרען...

— אזוי?... וואויל ווי די וועלט! הייסט עס, דאַרף מיין טאַטע אויך נישט בעסער זיין, ווייל ער איז דאָך אויך תמיד מיט זיי, אַ פּאָדראַטשיק... גיה זשע נאָר שבת-צו-נאַכטס הערען מיין טאַטען הבדלה-מאַכען, מיין טאַטענס זמירות, שבת ביי'ן טיש... ווייבער שטעהען דאָך אונטערן פענסטער... אַ יוד בלייבט אַ יוד. און אַ גוי איז באַלד אַ גוי!

דבורה פערשוויגט, קוקט איהר אין פּנים אריין, וואָס שפּיעלט אין אלע פאַרבען און אין די אויגען, וואָס גלאַנצען מיט אַ מין צונאָסען פייערעל.

— נאָר וואַרט, — הייבט רבקה'לע וויטער אָן — עס איז איהם נאָך נישט געשוויגען די היינטיגע נאַכט. דו זעהסט, אָה? רוקט זי אַ פּאָר די האַנד פון אונטערן פּנים און מיט אַ פינגער ווייזט זי אָן אויף די האַנדפלעכע — דאָ אָה, מוז זיין גאַל ליגען, דאָס גאַלעכעל מוז דאָ צוריבען ווערען!... — ענדיגט זי מיט אַ נגונ'דעל פול פון בייזקייט און אין די אויגען בלישצעט אַ פייערעל פון נצחון.

— מיין דאגה... — קוקט זי דבורה אָן — ווי דו פערשטעהסט...

רבקה'לע האָט שוין מעהר נישט גערעדט אַ וואָרט, נאָך העכער זיך אַרויפגערוקט אויף דער סאָפע, אויסגעצויגען דעם קערפּער, און דעם קאָפּ מיט'ן האַרשייטעל אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנד. און געקוקט פערטראַכט אינ'ם פייערעל פון לאָמפּ אויפ'ן

טיש. דאָס לענגליכע פּנים האָט זיך געריוועלט, די אויגען האָבען געגלאַנצט ווי בענייסטערט, און אַזוי שטיל, רוהיג, ווי זיי וואָלטען נאָך עפּעס בענקען...

אין אַ ווײַלע אַרום שטעהט זי אויף, און געהענדיג צו דער טהיר פון צימער לאָזט זי פאַלען עטליכע ווערטער, אַזוי גלאַט אין דער וועלט אַריין: — ווילסט נעהם דיר אַריין דאָס בעטגעוואַנד...

דבורה האָט אַריינגעבראַכט פון צווייטען צימער אַ קאָלדרע מיט אַ קישען, אויסגעבעט אַ געלעגער אויף דער סאָפע, דעם לאָמפּ עטוואָס אַראָבגעדרעהט און געלעגט זיך שלאָפען.

שפּעטער קומט אהרן אָן.

— דבורה... — געהט ער צו שטילערהייד קוקענדיג איהר אין בלאַסליכען רונדליכען געזיכט און אין די אויסגעשטעלטע שוואַרצע אויגען — עס שלעפערט דיך?...

— ניין. — ענטפערט זי אַרויסלעגענדיג אַ נאַקעטע האַנד איבער דעם צודעק.

— וואָס האָט זי געזאָגט?... — גיט ער אַ ווינק אויף די טהיר פון צימער.

— וואָס זאָל זי זאָגען?... אַ שענעם דאַנק דיר?...

— איך מיין — זי האָט עפּעס גערעדט?

— איך ווייס?...

— וואָס האָט זי געזאָגט?

— אַז דו ביסט גערעכט...

— מאַכסט חוזק?

— וואָס-זשע פרעגסט דו?

— גלאַט. זי מוז שוין זיין ברוגז?...

איך ווייס רען נישט, מיינסט דו, אַז זי איז גערעכט? וואָס איז אַ זי האָט מיך איבערגעלאָזט אַ ביסעל אין שטוב? זי זיצט דאָך תמיד?...

— אודאי, איז זי גערעכט.

איז אהרן האָט זיך פערטראַכט מיט אַ ביסעל אַ פערזונקענע נעמיטה אויפ'ן געזיכט.

— נו, געה שוין שלאָפען, לאָמיך שוין געמאַך—טהוט דבורה'לע אַ שמייכעל — ביסט נאָך זעה איך דער אייגענער משוגענער.

ער גלייכט זיך אויס, און אַרומקוקענדיג זיך איבער דער

שטוב, ווי ער וואלט געוואלט עפּיס געוואר ווערען און נאך ווארפענדיג א לעצטען בליק אויף דעם ברענענדיגען לאמפּ געהט ער אוועק צו רבקה'לען אין צימער.

אין א ווײלע ארום קומט ער צוריק ארויס בלאס, די אויגען קוקען א ביסל צורודערט, און מיט א שטיל קול זאגט ער דבורה'ן:

— געה נור ארײן, בעט מיר דאס בעט, זי פּיזדרעט שוין וועה איך מיט מיר א ברונגול...

— וואס זי שלאפט נאר נישט?..

— די חלערע ווײסט זי, געה ארײן וועסט די זעהן...

דבורה חאפּט אויף זיך דאס האלבע קלײדעל און געהט מיט איהם גלײך ארײן.

ער צינדט אן א שוועבעלע און זי דערזעהט — בײדע בעטען שטעהען בײ די וואנד פערבעט. אין אײנס, אין זאמטע ווינקעל ליגט איין אײנגעטוליעט גופ'יל אין קלײדער און אין די שיך און דאס קלײנע קעפּיל איז אײנגעקוועטשט צווישען די אקסלען, אויסגעדרעהט מיט'ן פּנים צום קאפּ־ברעטעל און מיט די הענד פערדעקט, ווי צו ליבטבענשען...

— רבקה'לע — רופט דבורה'לע — וואס ליגסט דו עפּיס? האסט דאך נאך נישט געבעט און דו ליגסט שוין...

רבקה'לע טהוט זיך קײן ריהר נישט.

דבורה טהוט א קוק אויף אהרנען און ער אויף איהר מיט א שטילען אויפגערעגטען צער.

דבורה געהט צו נעהנטער, לײגט צו דאס אויהער, צי אטהעמט זי חאטש...

— זי שלאפט... קוקט זי זיך איהם צו אהר'נען.

— זאל אויף איהר קומען א שווארצער שלאף. — טהוט ער א קריץ מיט די צײהן — שטעה נישט, דבורה נעם בעט דאס בעט.

דבורה האט איהם אויסגעבעט שלאפען און איז ארײן צוריק אין דער פארענדיגער שטוב.

פריה־מארגען. דבורה דרעהט זיך ארום אין שטוב, בארימעס, אין בלויזען האלקעלע, רויטע אבגעלעגענע באקען. ווי ערשט אויפגעשטאנען פון שלאף, און די האר נאך צולאזט איבער די אקסלען. זי זעצט זיך אויף א שטוהל, פערלעגט א פוס אויף א פוס, דאס לײבטע האלקעלע ווערט ארײנגעפאלבט טיעף אין דער

מיט אין זי נעמט זיך פוצען בריה'שדיג א קאמאש.

דערווייל מאכט זיך אויף די טיהר פון צימער און רבקהלע רוקט זיך אריין אין שטוב, די קליידער איהרע זענען צוקנייטשט און צודרעהט, דאס לענגליך פנים איז בלאס, ערנסט און זויער, מיט ברוגז'דיגע אראבגעלאזטע ברעהמען, און זי שארט זיך צו מיט א זייט צום פענסטער, רוקט זיך צו א שטוהל און זעצט זיך. די האנד אונטערגעשפארט אונטער'ן פנים און קוקט אויף דער קעגענאיבערדיגער וואנד...

באלד קומט אויך אהרן אריין. ערווארפט א בליק אויף איהר געהענדיג צום קיבעל וואסער, וואו ער נעהמט זיך אבוואשען, דבורה טראגט איהם אונטער א האנדטוך. ער ווישט זיך בעטראכטענדיג דערביי רבקה'לען פון קאפ ביז די פיס. אין די אויגען שפיעלט איהם א בייזער שמייכעל.

ביין אוועקגעהן, שוין האלטענדיג די קלאמקע אין דער האנד, ווענדט ער זיך צו דבורה'ן:

— דבורה, קאך אב קאווע אויף דער מאשינקע און ברענג איבערבייסען, געלד ליגט דארט אין חדר אויפ'ן טישעל.

— קאווע... — לאזט זיך רבקה'לע הערען, — א וואכעטאג אין זולל וסובא'דיגען גארגעל אריין איז נישט גענוג, הא, דבורה'לע ווי מיינסט דו? — קוקט זי איהר אין די אויגען אריין.

דבורה שווייגט.

— אבער ווער טענה'ט צו דיר? דו זויער שלימזול! — בייזערט זיך אהרן.

נו, נו, — רעדט רבקה'לע — זויער און ביטער וועט איהם שוין ווערען דאס לעבען, ער וועט שוין וויסען, וואס א זויער שלימזול קען... ווי אזוי זי געהט אונטער'ן בערגעל ארונטער צו די קאזארמעס... דער טרפה'נער ביין! מן הסתם טליקעט ער זיך דארט ארום נאכט ביי נאכט גלייך מיט די אפיציערען, מיט די זעלנער!

— דבורה, הארך נישט... קאך קאווע! — האקט ער אב און געהט ארויס פון שטוב.

יא, קאווע,... קאכען אין האלז וועט עס איהם שוין! — דערענדיגט זי שוין צו דבורה'ן.

דבורה רופט זיך נישט אב. אין שטוב ווערט שטיל.

דבורה נעהמט אראב א קערבעל פון איבער דער קיך און נעהמט געהן צו'ם צימער. רבקה'לע דערזעהט דאס, שפרינגט אויף און פערלויפט איהר דעם וועג. זי ווארפט זיך צו'ם טישעל אין צימער און צוטומעלטערהייט טהוט זי א חאפ דאס געלד, א ווארף צו'ם פענסטער און א שלייַדער ארויס...

די מטבעות צופליעהען זיך איבערן מארק.

— נא, אצונד געה קויף!... טהוט זי א פאטש צונויף ביידע הענד און אין די אויגען שפיעלט א נקמה־גיפטיגער שמייכעל.

דבורה קוקט איהר גלייך אין די אויגען אריין, נישט רע־דענדיג קיין ווארט.

— און דו מיינסט, אז שוין? — הויבט רבקה'לע וויעדער אן?... שלאגען וועט ער מיך, ווי א זעלנער די טליק! שוין אבגעקומען מיינסט דו?

— איך מיין גארנישט... איך גלויב דיר — ענטפערט דבורה פערביסען — איך זעה, מען קאן זיך אויף דיר פערלאזען.

— ווען אזוי קאן ער זיך באלד העלפען. זאג ער מיר, מענסט דו איהם זאגען, ווארפען א גט צו די פיס.

— איך, איך קאן זאגען?... פון מיינעט וועגען...

דבורה קעהרט זיך אב און געהט ארויס אין דרויסען הינטערן פענסטער. זי קלויבט צונויף די מטבעות און געהט אוועק אין מארק אריין.

רבקה'לע איז אריין אין שטוב און זיך צוריק געזעצט אויף איהר ארט.

דבורה האט געבראכט זעמעל פון מארק, נאר קיין קאווע האט זי שוין נישט געקאכט.

באלד קומט אהרן אן, און שטעהענדיג נאך אויף דער שוועל ווארפט ער א בליק אויף די קיך. ער בעמערקט אויך באלד רבקה'ל'ס פאזע, און ער קוקט זיך איבער מיט דבורה'ן אויף שטום לשון.

אהרן מאכט אפאר טריט, נאר אין מיט'ן שטוב בלייבט ער שטעהן ווי אבהענגיג און נישט הייםליך ווערט איהם. ער פיהלט זיך ווי א פערד אויסגעשפאנטערהייט, אבער אט שטעלט ער אן די בליקען אויף רבקה'לען, די ליפען קרימען זיך שוין בײ

איהם און האלטען זיך אווייַלע, נישט אָפּען, גישט צו, ווי זיי וואלטען וועלען חאפּען וואָג.

— זעהסט ווי זי זיצט, די מאַטקאָ באָסקאָ?...

רבקה'לע שווייַגט, גערט ער שוין צו נעהנטער.

— זאָג, אדרבה. האָסט שוין געזעהען אַזוינס, ווי דו ביסט, אין גאַנץ קרוין פּוילען?...

זי שווייַגט ווייטער און זיין שטימע ווערט בייזערדיג:

— בין איך קיין יוד נישט, אויב ס'איז דאָ אַ חבר צו דיר!..

זי שווייַגט.

— זאָג, מאַטקאָ באָסקאָ. — בעט ער זיך במעט — ס'מוז דאָך עפּיס זיין?...

— זאָל איהם דער נאָמען אויסגעמעקט ווערען! — וואַרפט זי ווייטיג אַ בליק, און דרעהט זיך אוים מיט'ן פּנים אין פענסטער אַרייַן.

אהרן קוקט זיך איבער מיט דבורה'ן, טהוט אַ ציה מיט די אַקסלען און ווענדט זיך ווייטער צו רבקה'לען:

— זאָג, וואָס ווערט מיט דיר זיין? — קוים האָט ער די ווערטער אַרויסגעלאָזט, זי טהוט שוין אַ שפּרונג־אויף פון אָרט און ענטלויפט אין צימער דערלאַנגענדיג הינטער זיך אַ שטאַרקען יעץ מיט דער טהיר.

ער בלייבט שטעהן ווי אַ נ'אָבגעחוזקט'ער, און קוקט נאָך אויף די טהיר מיט אַ נ' אָפּען מויל און אַרויסגעגלאָצטע אויגען — אַ פּלי דאָס איז — שאָקעלט ער נאָך מיט'ן קאָפּ ווי פערחאונדערט.

ער טהוט אַקוק אויף דבורה'ן און ווייַזט מיט אַ האַנד אויף דער טהיר.

— נו זעהסט שוין, וואָס דאָס איז פאַר איינס? — פרעגט ער, צוגעהענדיג צו איהר. — און וואָס, מיינסט דו, דאַרף איך זי? אויף אַ נוטע כפּרה! די קאַהטע דעסגלייַכען... נאָר גלאַט, מען קומט אַרייַן אין שטוב, איז די שטוב מיט דיר ברוגז... נו איז דאָס עפּעס ניחה? זעהסט דו אָה, און גאָט וואָל איך מיר ליעבער טרעפען מיט צעהן שונאים, איידער אין שטוב מיט איהר אַלייַן... מיט יענע, פערשטעהסט דו מיך, אָבגעקריגט, אָבגעהדר'נ'עט— אַ סוף; מען קומט זיך שוין מעהר נישט אויף די אויגען! און דאָ מיט איהר, — אויסגעריסען זאָל זי ווערען! שטענדיג איז זי דיר

אין די אויגען, שטענדיג מיט אַן אַנגעבלאָזענקייט, שיעסט נאָר מיט שטעכהערטלעך... וואָרום זי רעדט דאָך נישט קיינמאָל א וואָרט ווי א מענש... נאָר אזוי שפּיציג גיט זי דיר זייטיג א וואָרף א ווערטעל... און איז זי אין גאַנצען ברוגז, איז נאָך ערגער. קאָן איך איהר דען קוקען אין שטילען פּנים אַריין?... מיין דאגה! רוק איך מיך אַראָב דעם דאַשעק איבער די אויגען: טרעפט דיך די חאָלערע, לאָז זיך מיר דאַכטען, ביסט געשטאָרבען! — האַקט ער אָב און געהט אַריין אין צימער.

רבקה'לע ליעגט שוין איינגעטוליעט אין ווינקעל-בעט מיט'ן פּנים צו'ם קאָפּען-ברעטעל. ער בלייבט שטעהן פאר'ן בעט מיט אַן' אויפגערעגטען בליק.

— זאָג, מוזט דאָך עפּיס וועלען? דיין הונד בין איך?!

זי שווייגט, און אויף זיין געזידלט צוגיעסט זיך א וועהטאָג און פערדרוס.

— הערסט דו... — זאָגט ער דורכדרינגענדיג זי מיט'ן בליק — איך האָב נעמענט בעסער די פּאָפּלעקציע קריעגען, איידער איך האָב דיך דערקענט!

— קריעג... — ענטפערט זי לייכט, און גיעט אפילו נישט קיין ריהר מיט קיין אויג.

— הער זשע! איך וועל דיך אויך איבערקומען! מיט עפּעס שטאַרקערס פאר דיר האָב איך שוין געהאַט צו טהון...

— מיט'ן העמד אויפ'ן לייב...

— נאָר אזא חאָלערע האָב איך נאָך נישט געהאַט!...

— האָב.

— קרענקסט דו אזוי לאַנג, ווי לאַנג דו ביסט נאָך נישט מיין ווייב!

— קרענק.

— מיין ווייב! נא דיר, זעהסט דו, א ווייב!

— א ריס אין לייב.

— זי וועט, זעהסט דו, נישט פערשווייגען...

— ווער שטום. —

— פאַר וואָס, ווייל דו ביסט אזא גוט ווייב?

— א ווייב?... — קוועטשט זי צו איין אייגעל — האָסט דאָך שוין דבורה'לען, וואָס דאַרפסט דו שוין מיך?... געה צו

איהר! די קאווע קאָכען האסט דו דאך אויך איהר געהייסען...

— נו, היים איך דיר קאָכען מיטאָג...

— מיר? נישט מיר! מען קען זיך שוין בעגעהען אָהן מיר..

— חאטש פליישׁ ברענגען...

— לא'מען דיך אויפהענגען! איך וועל דאך נאך ווייטער פערקריכען אונטערן בערגעל?

— ווי אליין שטעהט אזוי פערשריבען אין בוך ביי'ן איהר!..

און אזוי האב איך געזאגט? אזוי האב איך געמיינט?...

— איך זאל אזוי וויסען פון דיר...

— עס האט מיך פערדראָסען, וואס דו האסט מיך איינ־געשפּארט, אָבער ווייטער...

— געהט מען אוועק פון דער היים. דאס האב און גוטס, וואס דו האסט געבראכט פון דיין היים, וואלט מען נישט ארויסגע'גנב'עט...

— אט דאס איז די זאך, זעהסט דו מיט דיר צו טענה'ן...

— איך וויים נישט ווער עס שלעפט איהן ביי'ן קארק?... — ענטפערט זי שוין זייטיג.

— אָבער וואס טויג מיר דארט?... וואס ליגסט דו? האסט שוין היינט עפּעס געגעסען?

— מיין געטרייער מאן... עס זאל דיר אזוי ניחא זיין דיין לעבען, ווי מיינם איז מיר ניחא.

— ווער הייסט דיר?

— זעהסט? ער וויים דאך נאך גאר נישט...

— נו, ליעג נישט, ליעג נישט. — ריהרט ער זי אן מיט דער האנד ביי'ן אקסעל.

— נעהם צו! — ווארפט זי א בייזען בליק — מאך בעסער א פויסט!...

ער קוקט זי אן, האלטענדיג די האנד אויף איהר און שווייגט.

— וואס פאר א פערשטאָכענע אויגען דאס האט נאך! — גיסט זי זיך א דרעה ארוים פון אונטער זיין האנד.

ער טהוט א שמייכעל און זי מאכט זיך אראבגעלאזט די נאז און קוקט אין קישען אריין... זיין געזיכט ווערט מיט א מאל העלער, אויסגעלייטערט, און גנב'יש גליקליך שטראהלט זיין בליק איבער איהר געזיכט.

ער נעהמט ארוים א פאפירָאס, און פעררייכערט.
זי הייבט אויף דעם בליק:

— נו, הכלל, ליעג שוין נישט, — שמייכעלט ער צו איהר.
זי לאָזט צוריק אראָב דען בליק און שווייגט.

— איך נעה היינט דבורה׳ן ברענגען עפּעס עסען, — רוימט ער איהר איין, איבערבייגענדיג זיך איבער איהר און ריהרט זי ווייטער אָן ביי׳ן אקסעל, נאָר זי טהוט זיך ווייטער אדרעה ארוים פון אונטער זיין האנד און שווייגט מיט א ברוגז׳דיג פנים.

— איך נעה היינט געשווינד אָבקאָכען מיטאָג. — לעהנט ער ווייטער אָן די האנד אויף איהר — ווערסט עסען, יאָ? — טהוט ער זי א רודער׳

— איך ווייס נישט ווער עס בעט איהן ער זאל צו מיר טענה׳ן? — זאָגט זי ווי אין דער וועלט אריין.
— דו — שמייכעלט ער.

— איך? — טהוט זי זיך א וואָרף, און א דרעה אויס מיט׳ן פנים צו׳ם קאָפּען-ברעטעל.

ער טהוט א קוועטש מיט די פּלייצעס און שטעהט א וויילע ווי אָבהענגדיג. דערנאָך געהט ער אריין אין שטוב.

דבורה זיצט אויף דער סאָפע, פערלעגט די הענד איבער׳ן הארצען און קוקט אויף אהרן׳ען, וואָס געהט צו איהר צו מיט עפּעס אָנזאָגענדיגע אויגען:

— דבורה — מאַכט ער — דו וועסט געהן ברענגען פלייש, קאָכען מיטאָג.

— איך וועל קאָכען — — נאָר זי... וואָס טהוט זי?
— גאָרנישט. זי האָט שוין היינט עפּעס געגעסען?
— גאָרנישט. איך האָב געבראַכט איבערבייסען, ליעגט עס...
— און דו?
— איך, — יאָ.

— נו גאַנץ גוט — נעהמט ער ארוים געלד, — נאַ, געה ברענג נאָך, איך האָב היינט אויך נישט געהאַט אין מויל, זאָלען מיר אַזוי ביידע נישט קראַנק זיין. נאָר ברענג פריהער א נוטען הערינג, מאַך מיט עסיג, אפשר וויל זי דערווייל עפּיס עסען...

ער קעהרט זיך צוריק אום צו דער טהיר פון צימער, קוקט אריין און רופט רבקה'לע

— רבקה'לע ענטפערט נישט, און ער געהט צו צוריק צו דבורה'ן, וועלכע שטעהט שוין גרייט מיט דעם קוישעל אין דער האנד.

ביידע זענען ארויס פון שטוב.

מיטאג צייט. אין שטוב איז שטיל. אהרן זיצט בײ'ם טיש, דעם קאפ געזונקען, און די פינגער פויקען עפּיס צו שטילערהייט. בײ'ם פענסטער זיצט רבקה'לע, אונטערגעשפּארט די האנד אונטער דער גאמבע, און קוקט אויף דער וואנד מיט פערוואלקענטע, אויסגעשטעלטע אויגען. אין דער זייט, בײ דער קיך, שטעהט דבורה און ניעט אויף עסען.

אויפגעגעבען אין דרײ שיסעלעך, לאזט זי זיך שטעהן אויף דער באנק פאר דער קיך רעקט דעם טיש און טראגט צו דאס עסען.

אהרן גיט דבורה'ן א ווינק אויף רבקה'לען.

— רבקה'לע... — הייבט זי אן, צוגעהענדיג צו איהר — רבקה'לע, ס'איז שוין אויפגעגעבען...

זי שווייגט, און אהרן קוקט מיט ארויסגעגלאצטע אויגען:

— טפו! — טהוט ער א שפּײ אן דער זייט געהענדיג מיט דעם שטוהל הינטער זיך און נעהמט געהן איבער דעם שטוב אויף און אב, די הענד פערלעגט אויף דער ברוסט און דעם קאפ אראבגעלאזט.

די שטוב איז נאך שטילער געווארען אונטער די זעצען פון זיינע האסטיגע טריט.

פלוצלונג הייבט ער אויף דען בליק און בלייבט שטעהן קעגען רבקה'לען:

— איך האב געזינדיגט!... נו, נא! נעהם! שעכט מיך! — טהוט ער א חאפּ דאס מעסער פון טיש און שטעלט עס איהר קעגען פנים.

— ביסט חאטש א מבין, דבורה'לע, — קוקט זי זיך אום

מיט א שמייכלענדיג פנים — זעהסט האטש ווי דאס חזיר רייסט רעם זאק און קוויטשעט...

ער אטהעמט שווער אב, לעגט צוריק דאס מעסער און זעצט זיך.

— גיב אהער דאס עסען — זאגט רבקה'לע דבורה'ן — ווען איך האב דא אבצוטהון!...

דבורה דערלאנגט איהר דאס שיסעלע צום פענסטער. און נעהמט אליין אויך באלד עסען גלייך מיט אהרן'ען.

נאך דעם עסען שטעהט רבקה'לע אויף, ווישט זיך אב דאס מויל מיט'ן פארטוך און נישט אומקוקענדיג זיך, געהט זי ארויס פון שטוב.

— נו ווי געפעלט דיר אזוינס? — קוקט אהרן דבורה'ן אן

— וואס?

— אט זעהסט דאך, דאס זייטיגע ארויסגעהן...

— ווי זאל מיר דאס געפעלען?..

— א... דו ווייסט נישט... דאס איז שוין עפעס א ספיצעל, איך קען זי גוט, אוי קען איך זי!... שאקעלט ער צו מיט'ן קאפ.

דבורה קוקט איהם שטיל אן. און פלוצלונג טהוט ער זיך א הייב פון שטוהל:

— האסט דו געהערט, דבורה? אז איך וויל, האב איך זי טיעף אין דר'ערד!

ער הייבט זיך אויף, ווארפט אראב די קאפאטע פון זיך. און זעצט זיך צום קליינעם טישעל מיט די געצייג עפעס טהון נעהמט עפעס פיילען און קוקט זיך אלע ווייַלע אום צו דבורה'ן.

— שען, הייסט עס. א נקבה זאל מיך ארומפיהרען פאר'ן נאז?... א רוח אין איהר הארץ אריין!

עמיצער קראצט ביי דער טיהר. זי עפענט זיך, און א וואסער־טרעגער מיט צוויי עמער וואסער שטופט זיך זייטיג אריין.. נאך איהם קומט נאך רבקה'לע און זי הייסט איהם אנידערשטעלען די עמער ביי דער קיך.

אהרן און דבורה קוקען פערוואונדערט און זי לויפט ארויס פון שטוב, זוימט זיך א מינוט און קומט צוריק מיט צוויי גרויסע אייזערנע טעפ און שטעלט זיי אנידער פאר'ן וואסער־טרעגער.

ער גיעסט זיי אן פול. עס בלייבט נאך וואסער; שטעהט

אויף דער קיך נאָך צוויי טעפּלעך, — חאַפּט זי זיי, שטעלט אונטער און ער לעדיגט אויס די רעשט פון די עמער.

דער וואַסער־טרעגער איז אַרויס פון שטוב און זי נעהמט פערנאַנדערברענגען אַ פייער אונטער דער קיך. לעגט האָלץ אויף האָלץ און עס פּלאַקערט, קנאַקט און היטשעט.

אַהרן וויל שוין גאָר נישט וויסען. זיצט ער אַרײַנגעטהון אין דער אַרבייט; אויך דבורה אויף דער סאָפע מאַכט זיך נישט ווײסענדיג.

בּרײַה׳שדיגער, פערטוהענער ווי תמיד, פערקאָכט און פערדרויטעלט דאָס פּנים, לויפט רבקה׳לע אַרום פון ווינקעל צו ווינקעל, פון שטוב אין צימער, פון צימער ווידער אין שטוב, זוכט און ברענגט צונויף קופּקעס מיט גרעט, אָנוואַרפענדיג דאָס פאַר דער קיך, זי דערלאַנגט אַחאַפּ אַ טאָפּ וואַסער אויף דער קיך אַרויף, נאָך איינעם און נאָך איינעם, צושאַרט די פייערקעס, צו־רוקט און לאָזט אַראָב די טעפּ צום פייער. זי טהוט נאָך אַ מאַך אויף דאָס טהירעל, אַ קוק אַרונטער און וואַרפט האַסטיג צו אַ העלצעל. חאַפּט ווייטער די טעפּ, דרעהט, הויבט פון איין פייערקע אַרויס אין די אַנדערע אַרײַן, עס ברענט אונטער די הענד, דאָס פּנים פּלאַמט און אין די אויגען גלאַנצט אַ בייזער שמייכעל, אַ ניעדעריגער, פערבעהאַלטענער מיין.

פאַרנאַכט איז שוין רבקה׳לע געשטאַנען אין אונטער־קליידעל און אין בלויזען העמד. די אַרבעל פערקאָלערט ביז אונטער די אָרעמס, און געוואַשען דאָס גרעט שטעהענדיג איבערגעבויגען איבער אַ באַליע מיט הייסען וואַסער, פון וועלכער עס געהט אַ לייכטע פּאַרע אין רבקה׳לעס פּנים אַרײַן. זי רייבט, זייפט, האָ־רעוועט מיט׳ן גאַנצען קערפּער.

אַהרן שטעהט שוין אָנגעטהון די קאַפּאָטע נעבען דער טהיר מיט דעם מיין אַרויסצוגעהן. ער קוקט אויף רבקה׳לען, וויל עפּעס זאָגען און שלאָגט זיך נאָך מיט דער דעה.

— רבקה׳לע, — הייבט ער שטיל אָן — וואָס האָסט דו אוועקגעיאָגט דבורה׳ן פון זיך? זי וויל דאָך דיר העלפען, טויג נישט?

רבקה׳לע איז פערטיפט אין דער אַרבייט, און ער רוקט זיך צו נעהנטער:

— רבקה'לע, צי איז דאס פאר דיר אנ' ארבייט ? ביסטו דאס געוואוהנט ? . . .

— נעטרי גאר געווארען פלוצלונג — רעדט זי צו זיך, — איך ווייס נישט, ווער עס בעט איה'ן ?

ער חאפט אן דאס שטיקעל גרעט אין איהר האנד:

— גענוג געוואשען!

— נואף! — רייסט זי זיך ארוים, אבשפרינגענדיג מיט אנ' אויפגעפלאמט פנים.

ער מעסט זי אב מיט א קאלטען בליק פון אויבען ביז אראב.

— לאז דיך טרעפען די ערשטע חאלערע, רויטער משוואק! — טהוט ער זיך אלאז צו דער טהיר און לויפט ארוים.

— זאל דיר דער נאמען א היים קומען! — שרייט זי איהם נאך, און נעהמט זיך ווייטער צו די וועש.

און געוואשען האט זי ביז שפעט אין דער נאכט און אויף מארגען — נאך א גאנצען טאג. זי האט די ערשטע די לאדענס געעפענט און באלד זיך צו דער באליע געשטעלט. געקראכמא-לעט, געבלויט, און ארויסגעהאנגען צו'ם טריקענען. און א גאנצען טאג האט זי זיך ברויגז'ליך געפיהרט, דבורה'ן אויף די אויגען נישט צוגעלאזט, — זי דארף נישט איהר הילף, — און צו אהרנ'ען מיט דעם רוקען געשטאנען, — זאל זי איהם אין פרצוף ארייַן נישט קוקען, — און ער האט זיך א גאנצען טאג געדרעהט אריין און ארוים פון שטוב און נישט געקאנט זיך קיין ארט געפינען.

פארנאכט האט רבקה'לע אריינגענומען די וועש פון דרויסען און אנגעווארפען זי אויף דער סאפע. דערווייל איז די נאכט צוגעפא-לען און זי האט דעם לאמפ אנגעצונדען.

דער נאך האט זי גענומען אבגעקליַיבען אביסעל וועש בע-זונדער און פערבונדען אין א לייַלעך. מיט א טוך אין איין האנד און דעם לאמפ אין אנדערער געהט זי אריין אין צימער, וואו אהרן און דבורה זיצען. זי נעהמט צונויף דאס בעטגעוואנד פון איהר בעט און פאקט עס אייַן אין טוך. אהרן און דבורה קוקען זיך אן פערוואונדערט, און זי — גארנישט... קוקט זיך אום איבערן צימער, ווי זי וויל זיך אן עפּיס דערמאנען, און אזוי שטעהענדיג ווענדט זי זיך צו דבורה'ן מיט א זיס שמייכעלע:

— זעהסט, דבורה'לע? אצונד לאז איך דיר שוין אב מיין

אָרט אין גאַנצען. מען׳סט שוין אפילו זיין ווייב אויך ווערען, איך טרעט איהם שוין אָב . . .

— ווי הייסט ? — קוקט זי דבורה אָן.

— גאָרנישט, איך געה מיר אהיים צו׳ם טאַטען . . .

— דאַרפסט דו מיר געבען אַ מאַן ? ווער איך ווילען, וועל איך קריגען אָהן דיר אויך, און טהו מיר נישט קיין טובה !

— דיר אַ טובה ? ... איך מיין נאָר מיין טובה...

— הער נאָר ! — רופט זיך אהרן אָן מיט אַ געלאַסענהייט — טהו וואָס דו ווילסט און דערצעהל נישט קיינעם קיין מעשיות. קיינער פרעגט דיך נישט.

— אז נישט, דערצעהלט מען איהם ! וועמען עס איז דאָ דאָ צו דערצעהלען ...

— אָבער זעהסט שוין, דבורה, — האַקט ער איבער — האָב איך דיר געזאָגט ? זעה־זשע מיין קוק... אַ גאַנצען טאָג זאָג איך דיר, אז זי שפּיצט שוין עפּיס אויס ! ...

— אַ וודאי אזוי — שמייכעלט רבקה׳לע גוטמיטהיג — און וועמען עס געפעלט נישט, זאָל ער צופּלאַצט ווערען קוקענדיג.

— ווער צופּלאַצט. — ענטפערט ער.

— וואו נעהמט מען אַ טרעגער ? — דרעהט זי זיך אוים מיט׳ן פּנים אויף דער שטוב, פרעגענדיג אַ׳עצה גלאַט אין דער וועלט אריין.

— מילא, פּיהר, פּיהר אויס. — שאָקעלט ער צו מיט׳ן קאָפּ.

— אַ פּנים, עמיצער פרעגט איהם אַ דעה ? — ווענד זי זיך לאַנגזאַם צו דבורה׳ן — דבורה׳לע, רוף מיר אַ טרעגער.

— זי איז נישט קיינעמ׳ס משרת׳טע, — לאָזט אהרן דבורה׳ן נישט אויפשטעהן.

— געה איך אליין — ענטפערט רבקה׳לע, פּאַמעלעך ארויסגעהענדיג פון צימער.

אין אַ ווייל׳ע אַרום קומט זי צוריק מיט אַ טרעגער, — אַ הויכער יוד מיט אַ ברייטע באָרד, אין אַ בלויזען לייבעל און מיט אַ שטריק אַרום גאַרטעל.

— גוט׳ן אָבענד. — זאָגט דער יוד, קנייצענדיג די אויגען קעגען ברענענדיגען לאָמפּ אויפ׳ן טישעל. קיינער האָט איהם נישט

נעענפערט. רבקה'לע לויפט צו צום פעקעל בעטנעוואנד, בעקוקט דעם קניפ און פרובט'ן, צי איז ער פעסט.

— וואס קוקסט דו? — פרעגט אהרן מיט האס — האסטו מורא, מען האט דיך בעגנב'ט?...

— און נאר ער העקעלט זיך צו מיר! — טהוט זי ווייטיג א זאג — שווארץ יאהר ווייסען איהם, ווער עס טענה'ט צו'ן איהם! ווי געפעלט דיר דבורה'לע? ס'ביסל בעטגעוואנד איז איהם אויך צו גרויס אין די אויגען; נאקעט וואלט ער געוואלט זאל איך א היים געהן!

— געוואלט וואלט איך?... הייסט עס, ווען איך וויל אזוי, וואלסט דו עס גענומען?

— ר' משה, — טהוט זי א רוף דעם יוד — נעהמט דאס פעקעל!

דער יוד קוקט אמאל אויף איהר, אמאל אויף אהרנ'ען, און אין זיינע אויגען זעהט זיך א פערלאנג עפעס צו פרעגען.

— וואס שטעהט איהר, איהר ווילט נישט פערדינען?

איך וויל — ענטפערט ער, — נאר...

— וואס, נאר? — חאפט זי אונטער, — ווייל ער איז א גזלן? איהר האט מורא פאר איהם. — ווייזט זי אן מיט א האנד אויף אהרנ'ען.

פון די לעצטע ווערטער ווערט אהרן ווי אנגעצונדען.

— מ!! — טהוט ער א ברום — וואס טהוט מען מיט אזא קאלבאסניצע?! וואס טהוט מען, וואס טהוט מען?!

דער יוד טהוט זיך א רוק ארויס פון דער טהיר, רבקה'לע מאכט א טריט, וויל איהם נאכלויפען, האלט זיך אבער צוריק בלייבענדיג שטעהן קעגען אהרנ'ען פנים צו פנים, אויג אין אויג...

דבורה שפרינגט אריין אין דער מיט, צודריקענדיג זיך צו זיינע קניע, אננעהמענדיג איהם פאר די עלענבויגענס, און שרייט אויסער זיך:

— זיץ אהרן, זיץ!

— לאז נעמאך, דבורה, לאז געמאך, — נעהמט ער זי אן ביי די הענד — גאר נישט... דו זעה בעסער, ווי זי שטעהט שוין אויף די שפיץ נעגעלעך...

— זיץ, זיץ...

— אַ גאַרנישט דאָס איז! ווער קען מיט איהר אויסקומען? אַז זי בלײַבט אַ גוטעטשקע פֿאַר דער גאַנצער וועלט, פֿאַר'ן יוד אויך... איך בין אַ גזלן, דאָס ווײַזט, הײַסט עס, ווי מען שרעקט זיך פֿאַר מיר... נאָר זי נעבעך איז אַ פֿערפֿאַלענע... אַרײַנגעפֿאַלען אין מײַנע הענד...

— אַ קלאָג זאָל איהן טרעפֿען, ווי ער קען צושפּרײַטען אַ זאַך... פּלאַמט איהר דאָס געוויכט, וואָס דען בּיסט דו, נישט קײן גזלן? און אַ זעלנער אויך! און ווילסט, איך זאָל אויך זײַן אַזוי... איך — אַ טליק און דו — אַ זעלנער, פֿריהער מיט'ן קוש, דערנאָך מיט דער פֿויסט!

— פֿריהער מיט דעם קוש?... שאָקעלט ער מיט'ן קאָפּ — עפּעס אַ סך האָב איך דיך שוין געקושט?

— חאַ, חאַ, חאַ! — שפּיעלט איהר דאָס געדל אין די אויגען — אַ מערכה, — איך לאָז מיך.

— אַזוי... אַזאַ מערכה האָסטו דו?... און לאָ'דיך טאַקי טרעפֿען די ערשטע חאַלערע פֿאַר'ן שמײַכעל דײַנעם!...

— און אויף די פֿויסט — ציהט זי ווײַטער — האָב איך מיך אויך נישט געוואָלט לאָזען, נאָר ווער האָט אַזוינע גזלני'שע פֿויסטען?

— פֿויסטען פֿעהלט איהר נאָר! פֿון אַלעם, זעהסט דו, גיב איהר נאָר פֿויסטען, וואָס אַ נקבה קאָן אײַנפֿאַלען! — שאָקעלט ער צו דבורה'ן מיט'ן קאָפּ.

— נו שוין, נו, לאָז שוין זײַן געענוג—בעט דבורה.

— אַ נישט, ווער רעדט? זאָל זי טהון, וואָס זי וויל. וואַשען, איז וואַשען, נישט קאָכען, איז נישט קאָכען, אַ הײם צו טאַטען, געה... נו טאַקי נו, ווער האָט אַ דעה?

— אַ וודאי נישט. און איך וועל טאַקי געהען צום טאַטען, בע... וואָס מאַכט דאָס גאַל'עכעל? און עס וועט באַלד זײַן אַנ' אַנדערער טרעגער.

— אַפֿילו פֿונפֿצען! איך מיט דיר האָב שוין סײַ ווי סײַ געענדיגט, אונזער רעכענונג איז אויס... דו געה דיר צום טאַטען, און איך בין אויך נישט קײן זעלנער, אַפֿילו בײַ'ם סאַמע טײַוועל...

— און אַ ווײַב? — שמײַכעלט זי.

— דאָס איז שוין מײַן זאַך.

— אונטער דער קאַזאַרמע?...

— און זײַן זאָל ...

— איך ווײַס, מען קריגט . . . מאַכט זי שוין אַנ'ערנסטער מינע, צולײַגענדיג אײַן פינגער צום גאָמבע — אַזוינע אָרענטליכע מענשען קריגען.

— איז גוט ...

דבורה זעצט זיך צוריק אויף איהר אָרט און בײדע קוקען זיך שוין גלײַך אָן.

— און אין דער אמת'ן — הײבט זי ווײַטער אָן — וואָס אַ חײַב, אַנ'עול, אַז אַ מליק איז אויך גענוג ? ... וואָס ביסט דו, דען מעהר יַחסן ווי דער זעלנער ?

— אַ געשעפט, אַבי מען קריגט, פערשטעהסט ? ... און מען קושט אויך, און מען קריגט צוריק געקושט אויך ? ..

— אַ קלאָג האָב איך צו דײַן קאָפּ — מאַכט זי מיט אַ שמײַכעל איהם מיט די הענד איבער'ן קאָפּ — ברענג דיר, חאַטש, אַ מאָל אַ הײַם ... לאָ'מיך די זכיה האָבען צו זעהן ... אפשר וועל איך מיך אויך אויסלערנען קושען.

— און וועֶר וועט זײַן ברוגז ?

רבקה'לע פערשוויַגט. זי האָט זיך ווי דערמאַנט אָן עפּעס, און דער שמײַכעל איז צוריק פון פנים פערשוואונדען ...

— נו וואָס שווײַגסט דו ? ... וויל ער צוריק דערחאַפּען.

— מיט וועמען מען האָט דאָ צו רעדען, זעהסט דו !

— וואָס, איך בין נישט ווערט ?

— זי שווײַגט. שאָקעלט מיט דעם קאָפּ, ווי מען בעדויערט אײַנעם.

— זאָג פאַר וואָס ? — בעט ער זיך.

— דערפאַר ...

— ווײַל איך בין נישט גוט ?

— אַ שאלה ? די הענד מעגען דיר אָבגעריסען ווערען ...

— וועל איך שוין זײַן בעסער.

— זעהסטו אָה, דעם הונר אין דרויסען מעג מען גיכער גלויבען.

— מאַכען אַ צלם פאַר דיר ? שטעלען זיך אויף די קניע ? ...

זי שווײַגט מיט אײַן אָראָבגעלאָזט פנים, טרעט אָב

אונטערוויילעכס א פאר טריט, און זעצט זיך אויפ'ן בעט הינטער דבורה'ס שטול.

— ער שווייגט אויך און קוקט אויף איהר. ענדליך טהוט ער א רוף:

— דבורה, גיב נאר א קוק דארט אין שטוב. די פושקע פאפיראסען האב איך געלאזט אויפ'ן טישעל...

דבורה שטעהט אויף און געהט.

— דבורה, דבורה — רופט ער צוריק — נא, נעהם דעם לאמפ, וועסט נישט געפינען אזוי...

ער טראגט איהר אנטקעגען דעם לאמפ, און נעהט ארײן אין שטוב צום קלײנעם טישעל צו...

זוכט, זוכט, און געפינט נישט. זי ווארפט נאך א בליק אויף דעם גרויסען טיש אויך, און קעהרט זיך צוריק מיט דעם לאמפ אין דער האנד. זי דריקט אן אויף דער קלאמקע, — די טיהר איז צו — — —

א רגע שטעהט זי, ווי אבהענדיג, נאר באלד קומט זי צו זיך, לאזט לאנגזאם נאך די קלאמקע און טראגט זיך אב אויף די שפיץ נעגעל, שמייכלענדיג פאר זיך . . . .

שפעטער א ווײלע איז אהרן ארײנגעקומען מיט צוויי קישענס און מיט דער קאלדרע, און מיט א שײנענדיג פנים איבערגעגעבען עס דבורה'ן.

דבורה האט אראבגעדרעהט דעם לאמפ און האט זיך גע- לעגט שלאפען.

אויף מארגען איז אהרן אויפגעשטאנען פריה. רבקה'לע איז געשלאפען א ביסל לענגער.

דבורה זיצט ביי דעם טיש און בייסט שוין אן.

רבקה'לע געהט ארײן, מײדט זי אויס מיט די בליקען און געהט גלײך צו דער קיך.

די מאשינקע איז אויפגעשטעלט, קאווע קאכט זיך אין א פענדעל און די פארע שווינדעלט און הויבט זיך איבער דער קיך.

רבקה'לע גיעסט זיך אן קאווע און זעצט זיך צום טיש קעגענ- איבער דבורה'ן.

— די קאַיוע וועט קאַלט ווערען, און מען זעהט איהם נישט... — רופט זיך דבורה אָן.

— ווי געטריי זי איז איהם — רעדט רבקה׳לע ווי פאַר זיך, קוקענדיג אין גלאָז אַריין — אַ קליינינקייט, אַזאַ ברודער...

— איך בין נישט געטריי, ער האָט געהייסען קאָכען, און עס ווערט קאַלט.

— ער האָט געהייסען?... ווייסט דו דאָס מיטאָג אויך קאָכען, אַז דו ביזט יאָ אַזוי געטריי!

דבורה שווייגט, זי ווייסט. אַז עס איז אויף אַ שטאָך, און רבקה׳לע שטעלט אַוועק דאָס לעדיגע גלאָז און געהט אַוועק פון טיש.

רבקה׳לע וואַרפט אַ בליק איבער דער שטוב און ווענדעט זיך צו דבורה׳ן:

— די אייזערנע טעפּ דאַרף מען צוריק אַריינטראָגען... דער מיט די צוויי אויערן, — ווייזט זי מיט אַ האַנד אין ווינקעל קיך, — איז פאַריידעלט, דער אַנדערע — שפּרינצעס.

אָבגעזאָגט, געהט זי צוריק אין צימער.

דבורה נעהמט די טעפּ און געהט אַרויס פון שטוב.

דערווייל קומט רבקה׳לע צוריק אַריין און באַלד איז דבורה אויך דאָ, און דערצעהלט, אַז שפּרינצע קנייפּט זיך די באַקען אויס. — דער נאַנצער טאָפּ איז איהר איבערגעפיהרט, דאָס גע נלעז איז אָבגעשפּרונגען.

אין דער אייגענע רגע פּלאַצט אויף די טהיר און די גראָבע שפּרינצע מיט׳ן צופלאַמטען טערקישען פּנים, די קופקע אָנגערוקט, טהוט מיט אַ ירגזון אַ שטעל־אַריין דעם טאָפּ איבער דער שוועל:

— עס זאָל אַזוי מיינע שונאים שטעכען און ברעכען, ווי מען האָט מיר מיין טאָפּ צושטאָכען און צובראָכען! — שרייט זי אויס און טהוט באַלד אַ קלאַפּ־צו די טהיר.

דבורה און רבקה׳לע קוקען זיך אָן מיט שטומע בליקען, נעהמענדיג זיך בעטראַכטען דעם טאָפּ.

דערווייל קומט אהרן אָן.

ער דרעהט זיך איבער דער שטוב און קוקט אַלע ווייל אויף רבקה׳לען. ער וויל עפּיס זאָגען, צי פרעגען, נאָר זי איז פערטהון מיט׳ן טאָפּ.

— דבורה , גיב דו עסען ! — רופט ער .

דבורה האפט דאס טישטיכעל און דעקט צום טיש . רבקה'לע מיט דעם טאפ אין דער האנד געהט ארויס פון שטוב , אפּגעלאַזענדיג די טהיר נאך זיך . אין הויז קעגען־איבער עפענט זי א צווייטע טהיר , און אויף דער שוועל שטעהט איהר שוין אקעגען , פנים צו פנים , שפרינצע די בעל־הבית'טע פון טאפ .

— שפרינצע , — הייבט רבקה'לע גלייכגילטיג אן — וואס ווארפט איהר מיר עפעס צו דעם טאפ .

— וואס ? טרעף – וואס ?... זאלסט האבען א סך צו קאכען!

— איהר זענט גרעבער און דארפט מעהר צו עסען !

— זאל'ץ אין די אויגען , פעפער אין די נאז , שטיינער אויפ'ן הארץ און א שפיז אין בויך ... צעהלט שפרינצע אויס ווי א מעשה גלאט אין דער וועלט אריין — וואס ! זעה נאר די פריצטע , — הייבט זי אויף דעם טאן — זעה נאר , א טאפ צופלאצט , מיינט זי , ס'וועט איהר זיין געשוויגען !

— צופלאצט ? ציז איז ער נישט אזוי געוועזן ?

— אזוי שווארץ , אזוי אבגעריסען ? נעה דיר געזונדערהייט , וועסט אבקויפען !...

— דער איז אויך א נייער ?

— א ודאי , האסט'ן אזוי צופלאצט !

— אזוי וואהר זאלען מיינע שונאים ווערען חושך , ווי — נישט .

— אזוי וואהר זאלסט ד ו ,— ווערט שפרינצע אנגעצונדען , און שאקעלט צו מיט די בענש־הענד איבער רבקה'לעס קאפ , זאלען מיינע שונאים ווערען שווארץ ווי א קויל , ווי—יא !

אוןביידע ווייבער שפרינגען זיך אין די אויגען אריין מיט אנ'אנגעצונדענעם כעס ; רבקה'לע לאזט אב דעם טאפ און הייבט אויך אויף די הענד איבער שפרינצעס קאפ . א שטורם פון כרענענדיגע קולות און יללות חאפט זיי ארום און די נעוואלדען מישען זיך צונויף , איינע די אנדערע וויל איבערשרייען און די קולות ווערען העכער און שטארקער , ביז רבקה'לע קריגט א שטויס־אראב פון דער שוועל און עס פליעהט איהר נאך דער טאפ הינטער דער פערקלאפטער טהיר . זי פרובט רייסען , ברעכען די קלאמקע און שרייט :

— שפרינצעלע, אבער ווערעס מאמען האט מען געשמיסען אין דער פאוסטאניע? שפרינצעלע, הא?... און זי לאזט אב די שהיר, און לויפט א צומישטע אויף דער נאס קעגען איבער שפרינצעס אפענעם פענסטער. שכנים לויפען זיך אן און עס ווערט א גאנץ רעדעל מיט רבקה'לען אין דער מיט, וועלכע שרייט אין פענסטער אריין.

— שפרינצעלע, הא? ווערען האבען וועלנער געשמיעסע גאקעמערהייט איבערן גאלען?...

— אבער דיין מאן, — שרייט שפרינצע פון פענסטער ארויס,— האב איך ארויס געיאגט?... ער האט זיך אריינגענומען מיין טיידעל? אבער ד'האב איהן ארויסגעיאגט?...

— אבער ער האט איהר אנגעפאטשט אונטערן קלייד פאר דיר אין די אויגען?...

— אזוי וואהר זאלסט דו געפאטשט ווערען פון גאט! רבקה'לע! דאס פלעשעלע רויטס צומארגענס אונטער די פלאכטע רבקה'לע, רבקה'לע! די גאנצע שטאדט וויים!

און רבקה'לע טהוט זיך א ווארף ווי א שלאנג און דרעהט זיך ארויס פון רעדעל, און האפט א שטיין פון דער ערד און מעסט זיך אן קעגען פענסטער מיט אנ'אויפגעהויבענער האנד. נאר ווייבער בעפאלען זי און זי ראנגעלט זיך, דאס הארשייטעל רוקט זיך ארונטער, און עס זעהען זיך ארויס עטליכע צעהנדליג אייגענע האר אויפן קאפ.. און זי רייסט זיך און ווארפט זיך, און מען האלט זי:

— רבקה'לע, אין גאלען קאפ. אין נאלען קאפ!... טומלען די ווייבער מיט דערשראקענע פנים'ער. און זי ווערט ווי אבהעגען דיג, לאזט אב דעם שטיין און חאפט אן דאס שייטעל. זי שטעהט א ווילע א צומישטע, און לויפט פלעצליך אריין צו זיך אין שטוב

די שטוב איז לעדיג, לויפט זי דורך מיט א געשריי אין צימער אריין. וואו אהרן און דבורה זיצען.

— בעהאלטען זיך?... בעגעגענט זי איהם מיט א פלאמענדיג געזיכט—איך וועל מיך דאס מיט דער גאנצער וועלט אויסשעלטען פאר דיינעטוועגען? זי האט דיך געחאפט, וועט זי דאס זאגען! מיט דער מויד איהרער?...

אהרן נעהמט נישט אראב קיין אויג פון איהר.

— און וואָס נאָך האָט זי געזאָגט ?.. בייסט ער זיך די ליפּען
— אַז זי האָט דיך אַרויסגעיאָגט ?...
— און דו האָסט נעבעך געשוויגען ?... דו שטילס!
— געענטפערט, אַז מיין מאַן זאָל זיין די כּפרה פאַר כּל ישראל !!

— אוועק! — טהוט ער אַ ברום, אַבמעסטענדיג זי מיט אַ שאַרפען בליק, און געהט אַרויס אַ צוקאַכטער אין שטוב.

— זעהסטו, דערשלאָגען זאָל ער ווערען—קוקט זי איהם נאָך אין דער אָפענער טהיר, צולעגענדיג אַ פינגער צום פּנים,— דאָס ווייב צו שלאָגען איז ער אַ בריה...

— אָננעהמען זיך פאַר דיר ? קעהרט ער זיך צוריק אום. קוקענדיג איהר אין פּנים אַריין.

— פאַר מיר ? טפו זאָלסט דו ווערען! — טהוט זי איהם אַ שפּיי גלייך אין פּנים אַריין.

ער טהוט אַ ציטער פאַר כּעס, און לאָזט איהר אַראָב אַ פּעטשיל, און זי מיט אַ פערשטיקטען ברום פאַלט איהם אַריין מיט די נעגעל אין געזיכט און מיט די צעהן אין בערדעל אַריין ער טהוט זי אַ חאַפּ ביין האַלז, און—אַ קוועטש!

— אוי! — טהוט זי אַ ריס-אַוועק דען קאָפּ און ער טהוט זי נאָך אַ שטויס פון זיך און טרעט אָב צום טיש. זי וואַרפט זיך נאָך ווי אַ שלאַנג, שפּרינגט אַרויף אויף דער כאַפּע, שטרעקט אויס די הענד צום שרענקעל מיט די געפעס, חאַפּט איין טעלער נאָך דעם אַנדערן און שליידערט מיט איםפּעט, ציעלענדיג זיך איהם אין קאָפּ אַריין, און ער מיט אויפגעשטעלטע הענד חאַפּט אונטער יעדען טעלער, אימליבע כּלי, און די טעלער גליטשען זיך אַראָב און צושיטען זיך אין צעהנדלינגער שטיקער, און די שאַרבענס צופליהען זיך מיט געוואַלד איבער דער פּאָדלאָגע. דבורה וויל צולויפען צו איהר, נאָר זי קען נישט צוקומען... אהרן פערליערט שוין די געדולד צו בייגען זיך, איועק צו חאַפּען דעם קאָפּ אַלע רגע... לויפט ער רבקה׳לען אַנטקעגען, חאַפּט זי אָן ביי די הענד און שלעפּט זי אַראָב פון דער כאַפּע. אַצונד נעמען זיי זיך אַרומפיהרען ביי די קעפּ די גאַנצע שטוב, און מען וואַרפט זיך און מען שליידערט זיך פון אָרט צו אָרט, זי איבער איהם און ער איבער איהר, ביידע צוזאַמען און דבורה נאָך...

און רבקה'לע מיט אנ'איינגעשפארטקייט וויקעלט זיך ארום איהם און ער קען זיך פון איהר נישט ארויסדרעהען, און דבורה רייסט זי מיט אלע כוחות ביי די הענד און קען נישט פאנאנדער רייסען .. ביז ער בייגט רבקה'לען איבער מיט דעם רוקען איבער'ן טיש און איהרע הענד פערשליעסט ער אין זיינע, פעסט צודריקענדיג צו'ם ברוסט. רבקה'לע האט זיך דערשפירט געפאלען, בעזיעגט אז זי קען זיך קיין ריהר נישט געבען, און איהרע אויגען האבען געשפיעגען אין דער רגע מיט דעם שרעקליכסטען סם! דבורה שרייט און רייסט איהם די הענד, נאר ער איז אזוי צוקאכט און דאס פנים מיט די אויגען פערגאסען מיט א בלוטיגען כעס, אז ער פיהלט נישט קיין שום זאך.

נאר ביסלעכווייז לאזט ער זי אליין אב, רבקה'לע נעהמט זיך אויפס ניי וויקלען ארום איהם און אנהענגען זיך אויף די אקס־לען, און דבורה שלעפט זיך זיי נאך מיט א געשריי, און אלע דריי שלעפען זיך צו דער טהיר פון צימער. דא טהוט ער רבקה'־לען א שטויס פון זיך און מיט א ווילדען אימפעט טהוט ער א קלאפ צו די טהיר, בלייבענדיג מיט רבקה'לען אליין פון יענער זייט. דבורה'ס א האנד בלייבט פערקלעמט, און א מורא'דיג געשריי פערהילכט די שטוב.

די טהיר לאזט פלוצלונג נאך, און דבורה חאפט ארויס די האנד: די פינגער טיעף איינגעקארבט און ברוין־און־בלאה פערלא־פען ... זי צעווייגט זיך אויף א קול און לויפט אוועק צום טיש צוהאלטענדיג דאס בינטעל פינגער מיט דער אנדערער האנד. און רבקה'לע שטעהט, ווארטענדיג אונטער דער טהיר מיט א גיפטיג פייערעל אין די אויגען ...

אין פענסטער בעווייזען זיך קעפלעך, מיט פנים'ער ווי אנ־געקלעבט אויף די שויבען.

פלוצלונג רייסט זיך אויף די טהיר פון צימער און אהרן שטויסט אב מיט האסט רבקה'לען, וואס וויקעלט זיך איהם נאך, און לויפט ארויס פון שטוב . . . .

דבורה ווייקט די האנד אין א גלאז קאלט וואסער.

לאנג האט געדויערט איידער רבקה'לע האט זיך בערוהיגט. ביסלעכווייז פערציעהט זיך איהר געזיכט מיט א מרה שחורה, די אויגען ווערען טונקעל און טרויעריג, עס ליעגט אין זיי פער־

ונקען א טיעפער האס און א נישט ניחה'קייט צום לעבען.

זי נעהמט אנ'אלט קלייד פון דער וואנד אראב, שפרייט עס אויס אויף דער ערד פאר דער סאפע און לעגט זיך אנידער איינגעטוליעט... און דבורה געהט אוועק אין צימער.

און די שטילקייט אין שטוב ווערט שווערער און שווערער. דאכט זיך, א סוד האט זיך דא אריינגעגאסען און די שטוב האט דעם אטהעם פערהאלטען. צייטענווייז הערט זיך נאר א פערשטיקטער זיפץ פון רבקה'לעס צוגעדריקטע דינע ליפען. דאס פנים ביי איהר איז נאך רויטליך און די ברעמען אראבגעלאזט, ווי צום דרעמלען, און אויף דעם גאנצען געזיכט איז אויסגעגאסען א מין טרויעריגע רוהיגקייט, ווי ביי איינע, וואס האט שוין אלץ אויף דער וועלט אבגעטהון, האט שוין אלץ געהאט, און האט שוין גאר נישט, אויף וואס צו ווארטען מעהר.

די זון שיינט אריין אין פענסטער און מאלט רבקה'לען צו-פוסענס צוויי זעקס-געקעסטעלטע ראמען...

די שטילקייט ווערט טיעפער, שווערער.

פון באקאוועס גיעסט זיך דאס טרויעריגע גרילצען פון א גריל, און מאכט נאך די שטילקייט שרעקליכער, שווערער...

אַ טאַטע מיט בָּנים.

(ערצעהלונג.)

שלמה דער גראָבער קאָפּ, — אַזוי האָט איהם חנה לאה, זיין ווייב, אַ צונאָמען געגעבען, ווייל פרייטאָג פאַרנאַכט, ווען יודען געהען שוין אין שול אריין, נעהמט ער מיט זיינע צוויי בנים ערשט דעם טאָפּ צימעס צווישען די פּיס אריין, און אַלע דריי מיט די קעכער-לעפּעל אין די הענד און מיט רויטע דערהיצטע פּנים'ער, ווי די טערקען, רייבען לעפעל איין און לעפעל אויס אין די „פּיסקעס" אריין, ביז עס בלייבט קיין שריד ופליט נישט איבער פאַר חנה לאה'ס ווענען אויף שבת אין דער פריה, — אָט דיער „שלמה דער גראָבער קאָפּ" נעהמט זיך זונטאָג בעגינען דאָס זקיל מיט דעם שטעקיל אין האַנד אריין, — ער האָט זיך די נעגעל אפילו נישט אָבגעגאָסען — און מאַרש אין דאָרף אריין, ער מיט דעם יונגערן זוהן, משה'לע ברוטאַן. דעם עלטערן, פנחס'לען האָט ער מורא צו טשעפּען. ווי אַנ'אמת'ער „סאָלדאַט", די מוטער רופט איהם טאַקי „זעלנערטשיק" — ליגט ער זיך אויסגעלעגט אויף זיין טאַפּטשאַן פון לאָקשען-ברעטער אויף שטולען מיט מול־

טערס צוקאפענס און מאכט פול מיט זיין חראפען דאס קליינע שטיבעל מיט די גראהע ווענד, ליגענדיג מיט די נאזלעכער צום בעליק אנגעשטעלט און מיט די נאקיטע עלענבויגען פערווארפען אונטער'ן קאפ.

— זאל ער שלאפען, דער יונג — ניט שלמה צום יונגערן זוהן א זאג, אויף די שפיץ נעגעל צולעגענדיג א פינגער צום מויל, ווי איינער רעדט: האב איהם א שווארץ יאהר, און לאמיר זיך ארויספאכען או ענטלויפען אין דארף אריין, וועסט דו האבען דאס „אנרייסעניש"...

און מען גנב'עט זיך שטיל מיט דעם זעקיל אויף די פלייצעס און מיט דעם שטעקען אונטער'ן ארים פון שטוב ארויס, אז חנה לאה אין דעם ווייסען שלאף-קופקעל, וואס ליגט דארט בעגראבען מיט'ן קאפ אין קישען אריין, הויבט גאר ניט אן צו הערען אפילו דעם סקריפ פון דער טהיר. ווען איהרע צוויי פרנסה-געבערס שטריגען זיך ארויס אין דרויסען.

אין שטוב ווערט שטיל. דער ווייסליכער טאג לייכט שוין דורכ'ן פענסטער אריין און ווייסט דאס שטיבעל אויס. נור שלמה מיט דעם זוהן זענען שוין אצונד צוויי פרייע פויגעל.

— זעהסט, טאטע — ווייזט איהם משה'לע ברוטאן א צוקאליעטשעטען בארוויסען פוס, הויבענדיג איהם אין דער הויך און אונטערטאנצענדיג דערוויילע איינ'ן צווייטען — זעהסט, דאס האב איך מיר אן א שטיין אבגעכמאלעט... ער ווייזט איהם א רויטע תאונד פון רוי-פלייש אויף א שווארצען פערבלאטיגטען פוס.

— א כפרה פאר א הונד! — ענטפערט איהם דער טאטע מיט א זייטיגען קוק. — איך קען אויף אייך מיין קאפ ניט ארויפזעצען. יונגען זאלען זיך טאג און נאכט ארומיאגען.

און משה'לע ברוטאן פערשנירט זיך שטארקער די הויזען און מארשירט מיט דעם טאטען גלייך. פיהלענדיג, אז ניט פנחס'ל נור ער איז דעם טאטעס רעכטע האנד. אין דער וועסטיל-קעשענע האט ער א פינגער-הוט, א נאדעל-טעשיל מיט נאדלען, דאס, וואס געהערט צו א מיטהעלפער. צו א האנד-יונג, און דער טאטע האט ביי זיך אין זעקיל דאס. וואס געהערט צו א מייסטער — א שלאך א מאס צו נעהמען, א קויל וויים-ליים צום צייכענען און א שער צום שניידען. און זיין בן, משה'לע ברוטאן, איז איהם מקנא.

ער וועט נור האפען דעם שניט פון טאטען — וועט ער זיך אליין אויפהאפען אין א זונטאג בעגינען און אוועקלויפען אין דארף אריין איינער אליין, אזוי אז מען זאל נישט וויסען, וואו ער איז אהינגעקומען: די מאמע וועט ארומלויפען, ווי פער'סמ'ט, און ברעכען די הענד, ווער ווייס, אפשר איז איהר זוהן דערטרונקען געווארען, אדער אפשר האבען איהם טייוואלים אוועקגעשלעפט אין א וואלד און חתונה געמאכט מיט א קאלב... אפשר אזוי... — און ער, משה'לע ברוטאן, וועט זיך זיצען ערגיץ אין א דארף א גאנצע וואך, עסען געבראטענע קארטאפלעס מיט זויער-מילך, און פרייטאג פארנאכט וועט ער ערשט געבען א קום צוריק אין שטעדטיל אריין, — די ברענענדיגע בענש-ליכט וועלען שוין פון אלע פענסטער ארויסשיינען, און ווייבער וועלען איהם נאכקוקען, וואס פאר אנ'איינרייסער (א פערדינער) פון א יונג ער איז... ווי ער געהט א דערהיצטער פון וועג, א פערשטויבטער... — און דעמאלט וועט ער געבען א קום אריין צו זיין מאמען חנה לאה'ן, וועט געבען א ווארף אראב דאס זעקיל פון זיך, און געבען איהר א גיב אוועק א גאנץ פינפער-קערביל, אחוץ א „קאלענדרע“, וואס ער האט אין זעקיל געבראכט: אטא דא האסט דו — נא מאמע!... — וועט ער איהר געבען א זאג: — אטא דאס האב איך פערדינט, און אט דאס נא דיר!...

און ער שטעלט זיך פאר, וואס פאר א שבת עס וועט דעמאלט זיין, ווי די מאמע וועט איהם רוקען שיסלען, איינע נאך דער אנדערער, און ער וועט זיך מאכען דעמאלט פאר אנ'איידעלען, פאר א שטילען, און א קליינעם עסער...

פאר גרוים פרייד גליהען ביי משה'לע ברוטאן די אויגען, און ער קוקט מיט א גלאנץ אין זיי אויפ'ן זאמדינגען וועג ארויס, שוין ארויסקומענדיג מיט דעם פאטער אויפ'ן בארג אונטער דער שטאדט, וואו דאס גרינע פעלד מיט דעם ווייטען בלאהען וואלד שפרייטען זיך פאר זיינע אויגען אויס, ערגיץ אין דער ווייטער וועלט אריין.

משה'לע קוקט, ווי אין מזרח-זייט פאר זונען-אויפגאנג שפיעלט דער הימעל אין אלערליי פאסען, פייער-רויטע און ברוין-רויטע — און ער בלאזט אן די בעקען און פרעגט דעם טאטען, צי עס האט נישט אמאל געברענט די נאכט אין דארף, וואו זיי געהען ערשט?...

— גראָבער קאָפּ... — זאָגט דער פֿאָטער — דו זעהסט ניט, אז די זון געהט אויף?...

און משה'לע קוקט זיך נאָך אַמאָל אײַן אויף יענער זײַט, זעהט, ווי די זון שטעהט טאַקי אין לאַנגען תכלת'נעם וואָלקען־פּאַס אַרונטער פֿערדוקט, און שײַנט אַפֿער פֿון אויבען מיט שפּי־צען ליכטיגקײַט אין הימעל אַרײַן, ווי מיט לאַנגע הערנער — און פֿערשטעהט ערשט, אז דער טאַטע איז גערעכט...

ער זעהט, ווי פֿריה ס'איז נאָך... אין טיעפֿען פֿעלד, ווײַט אין טאָל — שטעהען אַ פּאָר אָקסען און אַ פּויער מיט דעם העמד איבער די הויזען און אַ ברײַטען שטרויענעם קאַפּעלוש אויפֿ'ן קאָפּ — און אויף אַלץ אַרום ליגט נאָך די נאַכטיגע שטילקײַט. און אַ טונ־קעלע רוהיגקײַט רוהט אונטערן ווײַטען בלאָהען וועלדיל, — אַזוי אז די אָקסען און דער פּויער זעהען דאָ אויס ווי פֿערסוד'עט, ווי גלאַט אַרויסגעשטעלט אונטערן בלאָהען הימעל אַרונטער.

נור אין דער לופֿט קעגען דעם לאַנגען בלאָהען וואָלקען־פּאַס, וואָס ליגט אויסגעשפּרײַט איבער'ן מזרח־ראַנד צווישען הימעל און ערד — דערהויבט זיך שוין אַנ'אײַנציגער פֿויגעל, הויך און גלײַך איבער אײַן אָרט, און דאָס שאַרפֿע מאָרגען־געשוויטשערײַ פֿון דעם קלײַנטשיקען בעשעפֿעניסעל, וואָס טונקט זיך מיט פֿלאַ־טערדיגע פֿליגעלעך אויף און אָב אין דעם וואָלקען־פּאַס — פֿילט אָן די לופֿט מיט אַ זיס געשפּילערײַ, און אַ זיסקײַט צוגיסט זיך אין דעם מאָרגענדיגען ליכט — ביז דער פֿויגעל קומט אַלץ העכער און העכער, ווי אַ שוואַרץ פּינטעלע אין וואָלקען אַרײַן. און דאָס פּישטשען זײַנס הערט זיך קוים, ווי פֿון אונטער אַ ווײַטער וועלט אַפֿער. און אָט אונטער יענער ווײַטער וועלט, וואו דער פֿויגעל איז שוין איצט, וועט משה'לע זײַן שפּעטער, ערשט אין צוויי שעה אַרום, ער מיט דעם טאַטען זײַנעם. דער פֿויגעל מוז שוין אַוודאי אַרויסזעהען, קוקענדיג פֿון דער הויך אַראָב, יענע ווײַטע שטרויענע דערפֿלעך מיט די אָבגעווײַסטע ווענד, מיט די אײַנציגע פֿענסטער־לעך, וואָס קוקען אויפֿ'ן זאַמדיגען וועג אַרויס. דער פֿויגעל מוז זי שוין אַוודאי זעהן — און ער וועט ערשט זײַן שפּעטער דאָרט.

ווי גוט וועט דאָס — טראַכט ער — זײַן... דער טאַטע וועט זיך שטעלען דאַווענען אין פּאַכטערס טלית און תפילין, אין פּאַכטערס שטוב בײַ דעם פֿענסטער, ער וועט זיך אויך שטעלען

ראָוונען, — און דער פֿאַלטער וועט דערנאָך געבען אָנבײַסען א שיסעל צוואָריך מיט א שטיק שווארץ „אָקריץ" — אז דער רוח וועט עס נעהמען.

נור דער טאַטע שלאָגט איהם איבער, און מיט א וויש פֿון זײַן ארבעל אָן משה'לעס. ווי ער וואָלט איהם געוואָלט עפּעס א טשעפּע טון, גיט ער איהם א פֿרעג:

— צי דו, משה'לע. האָסט נישט געהערט, די מאַמע האָט עפּעס געקרעכצט?...

— וואָס געקרעכצט? — פֿרעגט משה'לע ברוטאַן, אָנקוקענדיג דעם טאַטען מיט א האלב אָפּען מויל און אויפֿגעבלאָזענע ליפּען.

— צי זי האָט נישט געקרעכצט?...

— וואָס געקרעכצט?

— געה, דו בהמה דו! — גיט ער איהם צוריק, ווי א וואָרף אָב פֿון זיך. און ווײַטער מיט א זײַטיגען קוק: — דו פֿערשטעהסט ניט, וואָס מען רעדט צו דיר...

נור משה'לע מאַכט זיך גאָר נישט פֿערשטעהן... ער ווייס אז דער אלטער מאַכט נאָך א ברית, און די מאַמע, חנה לאה. ריבט זיך א ליאַדע טאָג ארויסוואַרפֿען נאָך א בן פֿון די געדערים ארויס... נור וואָס אַרט דאָס איהם? לאָז דער אלטער מיינען, אַז ער פֿערשטעהט זיך גאַרניט אויף אַזוינע געשעפֿטען...

און אַזוי נאַרענדיג זיך איינער דעם אַנדערן, הויבען בײדע די לעפּעל, שטעלען וואָס אַמאָל געשווינדערע פּיס אין דאַרף ארײַן.

— רודער צו מיט אַנ'אַבר!... — טענה'ט דער טאַטע צו זוהן. — איך בין מיט א יאָהר עלטער ווי דו — טענה'ט ער — און זעה, ברוך השם, ווי איך געה!

און אַזוי געהענדיג מאַכט ער וואָס אַמאָל גרעבערע שפּרײַזען, שאַרכענדיג מיט די חאַליאַוועס אָן די פֿאַלעס. און ווען ער שטעלט זיך נאָך אָב א מינוט אויפֿ'ן גראָז בײַ דער זײַט וועג און וואַרפֿט די שטיוועל אראָב פֿון זיך — דעמאָלט לויפֿט שוין משה'לע אונטערטאַנצענדיג א גאַנצען וועג אויף דעם צוקאַליעטשעטען פֿוס־ און קאָן איהם דעם גאַנצען וועג ניט דערהאַפּען. ביז זײַ ווערן פֿערשוואונדען ווײַט איבערן פֿעלד אַהעק...

ערשט דעמאלט חאפט זיך חנה לאה אויף פון שלאף. דאס ערשטע זעהט זי, א ביסעל אונטערהויבענדיג דעם קאפ פון געלעגער, אז דאס צווייטע בעט איז שוין לאנג אויסגעליידיגט. און דערנאך — װען זי גיט א קוק אין פענסטער אריין און זי דערזעהט, װי הויך די זון שטעהט שוין אין בלאהען הימעל — שטעלט זיך איהר פאר דאס פעלד מיט איהרע צוויי פרנסה־געבער, ווי זיי ביידע בארוויסערהייט, די היטלען פערקאשערט איבער די שטערענס, די פנימער רעריאבמערט, און ער, דער אלטער, טראגט די שטיוועל אויף דעם אקסעל. זי גיט א קוק צום זוהן אויפ'ן געלעגער, ווי שנארכען ער שנארכט מיט זיין געזונד רויט געזיכט, ווי די ליפען בלאזען זיך און ווי די נאזלעכער הויבען זיך. עפעס פונקט ווי א גאנצע פארע־מאשין װאלט דא געארבייט — טראכט זי זיך: רבונו של עולם, וואס פאר א נבוזראדן האסטו דו דאך דא אנגעשיקט אויף מיר?.. — נור, אז זי גיט א קוק אויף זיינע צוויי פערמאכטע אויגען, טראכט זי שוין א ביסעל שטילער, אז ס'איז נאך פארט גוט, וואס דער רשע שלאפט אמאל... און דעמאלט פיהלט זי ערשט, וואס פאר א מחיה ס'איז פאר דער וועלט ווען דער רשע שלאפט.

ווארום פנחס'ל טוט נישט מעהר ווי אזוי: פאקט זיך אין דער פריה אן צוויי קעשענעס מיט פלעץ — און היידא ארויס אויפ'ן פלאץ צו א חברה יונגען, צו א חברה טויבען. אדער ער גיט נאר א כאפ אין מיטען העלען טאג א פערדיל פון מארק אראב, נישט קיין נפקא מינה, ווער עס האט עס אנידערגעשטעלט — און ענטלויפט דערמיט צ[illegible] טייך באדען עס אויף א גאנצען טאג, און פאשען עס אויף א גאנצען טאג אויפ'ן „פאסטערניק" אונטער דער חאסער־מיהל. און טאמער וויל ווער קומען פון שטאדט, דאס פערד אבנעהמען, אדער א פאר יונגען מיט טייטלענדיגע הענד ווילען לויפען פאראוים: אטא דא, דא — איז ער... — שטעהט ער די גאנצע צייט, מיט איין אויג קוקענדיג אויף יענער זייט לאנקע... און ווי נאר עס מאכט זיך עפעס א שטיקעל מהומה, ער זעהט, אז דער שטומפ קומט אן, — גיט ער זיך א ווארף אויף דעם פערד ארויף — און — „פאשאל און פאשאל" — גאר מיט א הינטער־חעגיל אונטער סמענטאריש — גלייך אויפ'ן שאסיי ארויף. דארט איז ער שוין ווייטער א פרייער פויגעל, — און געהט טוט איהם

עפּעס, ווען ער זיצט אויפ'ן פערדיל... דאס פערדיל שטעלט ער צוריק אב אויף דעם ארט. וואו ער האט עס גענומען, ווען זיין הארץ גלוסט, און ווען דאס גאנצע שטעדטיל ריכט זיך שוין נישט דערויף. און אין אלע ווינקעלעך קאכען רעדלעך מענשען · אז פנחס'ל האט געגנב'עט א פערדיל...

נור איינמאל האט ער טאקי אבגעטהון א מאוס'ע מעשה, ער האט ביי א שיקסע, געהענדיג פון „טומאה" צווישען נאך פויערים און פויערטעס, ארויסגעכאפּט א בינטעל שפּראצינגען, — די ערשטע שפּראצונגען פון זייערע גערטנער, צונויפגעקליבען פון אלע מינים, וואס זיי ברענגען זיי, דער גלח זאל בעשפּריצען, אז ס'זאל היי־יאהר געראטען — האט ער אזא בינטעל ארויסגעכאפּט ביי א שיקסע און זי נאך גאנץ גיט אנגע'הרג'עט. דעמאלט האט מען געשמועסט אז אהא, פנחס'ל וועט שוין די ליכטיגע שיין נישט אנקוקען. און דער טאטע האט איהם פארגעווארפען, וואס ער כאפט שיקסעס אין מיטען דער גאס. נור פנחס'ל האט דעם טאטען געגעבען צוריק אנ'ענטפער, אז ער ווייסט נישט, וואס ער האט געטאן בחור־הזה, איידער ער האט מיט זיין מאמען חתונה געהאט... אזוי האט ער איהם געענטפערט, און דער טאטע מיט דעם זוהן האבען זיך דעמאלט געפיהלט אנגעשטויסען איינער־אויף דעם אנדערען, ווי צוויי ציגען, אנטרעפענדיג זיך הערנער אין הערנער אויף איין ברעט...

נור פנחס'ל האט שוין געוואוסט, ווי אזוי דעם טאטען איבערצובעטען... פון דער מאמען האלט ער נישט, נור מיט דעם טאטען וויל ער נישט פיהרען קיין ברוגז'ן...

האט נאט געהאלפען, און אין שטאדט אריין איז פערבלאנדזשעט א „קאראזעליע" מיט קונצען־מאכערס. פנחס'ל איז דערפרישט געווארען, און ווי נאר דער עלסטער קונצען־מאכער מיט דעם גאנצען געזינדעל שיקסעלעך און שווארצען ווייבער'ל, וואס האט אויסגעזעהן, ווי א ציגיינערין מיט צעפ — ווי נאר זיי האבען דעם מיטעלסטען סלופ אויפגעשטעלט אין מיטען מארק, האט שוין פנחס'ל געהאלפען די שטריק מיט די פלאכטעס אויפציהען, די הילצערנע פערדלעך צו די געפארבטע בריטשקעס צוטשעפען און אויף די דרענגער אנטון. און דעם ערשטען זונטאג, ווען די שיקסעס מיט די שקצים פון די ארומיגע „פאראפיעס" וענען גע-

קומען אין שטאָדט אַרײַן מיט די גלאַנצינגע דאשקעס. מיט די ווײַסע אויפגעשטעלטע פאה'לעך — און די שיקסעס מיט די ווײַסע פּאַטשײַלעכלעך אויף די קעפּ — האָט די „קאַראַזועליע" תּיכּף אָנגעהויבען צו רודערן.

פּנחס'ל האָט שוין שטאַרק געהאַט נושא חן געווען בײַ דעם עלטסטען קונצען-מאַכער; ווען ער וואָלט מיט איהם מיטפאָהרען, וואָלט ער איהם אפשר אויך אַ שיקסעל געגעבען פאַר אַ ווײַב — מי יודע, וואָס פאַר אַ לײַט, וואָס פאַר אַ קונצען-מאַכער מיט אַנ'אײַגענער „קאַראַזועליע" ער וואָלט שוין הײַנט אַלײַן געווען פאַר זיך... נור עפּעס האָט איהם דאָס האַרץ נישט געלאָזט מיטפאָהרען, כאָטש דער אַלטער האָט איהם צוגערעדט, און דאָס עלטסטע שיקסעל, אַשוואַרצע מיט קאַרעלען-ליפּען, האָט איהם דוכט זיך, צו געוואונקען און געקוקט אין די אויגען אַרײַן, ער זאָל בעשטעהן... נור ער האָט נישט געוואָלט... האָט ער גענומען דעמאָלט דעם טאַטען זײַנעם, ווײַזען כאָטש, וואָס פאַר אַ כּבוד ער האָט בײַ דעם עלטסטען קונצען-מאַכער — און אַרויסגעפיהרט איהם אין מאַרק אַרײַן.

און ווי שלמה האָט דערזעהן דעם קײַלעכדיגען דאַך, אַ קאָפּעל פון פלאַכטעס אויפגעצויגען מיט אַ רויט פעהנדעל אין סאַמע שפּיץ, און ווי אָרום און אָרום שטעהט אַ האַלבע שטאָדט יונגען און מײדען און ווײַבער אויסגעמישט מיט שיקסעס און שקצים פון די דערפער, — און ווי איבער זײערע קעפּ, פון אונטערן דעכיל אַפּיער, מיט וואָס פאַר אַ סאַמעט און פערשיעדענע צירונגען פון אַלערלײַ פאַטשערקעס דאָס מיטעלסטע בודעלע איז עס בעקלײדט— און וואָס פאַר אַ מיני מעשׂענע טרומײַטען עס שטעהען עס מיט די אָפּענע מײַלער גלײַך אין מאַרק אַרײַן אָנגעשטעלט — האָט עס איהם אַזש בײַ דעם האַרץ פערכאַפּט, נאָך מעהר ווי דעם זוהן, אַז אַזאַ שענקײַט זאָל זיך גאָר קאָנען געפינען בײַ קונצען-מאַכער אין דער וועלט. און ער האָט זיך געריכט, אַז קונצען זאָלען דאָ פאָרקומען, שוין אײַנמאָל קונצען!... און ער האָט אַ פרעג געגעבען דעם זוהן:

— וואָס פאַר אַ קונצען וועלען עס דאָ פאָרקומען?—

— הילצערנע פערדלעך וועלען אַלײַן לויפען, און ווער עס וועט בעצאָהלען אַ זעקסער — וועט רײַטען, ווער אַ פיערער—וועט

פאהרען ... — האט דער זוהן צוריק געענטפערט קורץ און שארף,

שלמה האט זיינע אויגען ניט געגלויבט: פאהרען און רייטען אויף הילצערנע פערדלעך?... און ערשט ארײַנשטופענדיג זיך צווישען עולם און דערזעהענדיג די פערדלעך געזאטעלט, הינטען בריטשקעס און נאך די בריטשקעס ווייטער פערדלעך — האט ער מויל און אויערן אויפגעמאכט...

— און דאס אלץ — האט איהם דער זוהן דערצעהלט מיט גרויסקייט — האב איך געהאלפען צונויפשטעלען. — דו מיינסט, אהן מיר וואלטען זיי שוין אזוי גיך צונויפגעשטעלט?... און אז דו ווילסט, טאטע, וועסט דו קענען רייטען אויף א פערדיל אויך, אומבעצאהלט, ווי דו זעהסט מיך לעבען, אומבעצאהלט.

שלמהן, דעם גראבען קאפ, האבען זיך אויך די באקען צושפּײַבעלט, און די אויגען זיינע האבען געקוקט מיט גלאנץ אויף דעם געבעטען סאמיט און צירונג פון אלערליי פאטשערקעס...

— ווארט, וועלען מיר זעהן... — האט ער זיך א גלעט געגעבען איבער דער בארד מיט א בליק אויפ'ן זוהן.

און ווי נור די מעשענע אבגעפוצטע טרומייטען האבען געגעבען א זעץ ארויס: טא-טא-טא-ר-ר-רא! טא-טא-טא-ר-ר-רא! — האט זיך שוין שלמה נישט געקאנט איינהאלטען און אין זיך אנגעהויבען מיטצוזינגען דעם מארש, וועלכען ער האט זיך באלד אויסגעלערנט און זינגט נאך עד היום מיט איהם די שבת'דיגע זמירות, אזוי אז זיין ווייב חנה לאה זידעלט איהם אוש: ווי האט עס א מענש נישט קיין חרפה, טאג מיט נאכט דעם איינענעם ניגון?

— נור דאס איז נישט שלמה'ס דאגה, נישט שלמה'ס עסק: טא-טא-טא-ר-ר-רא! האבען די טרומייטען געקנאקט, און ער האט אונטערגעהאלפען: טא-טא-טא-ר-ר-רא!... — און אנגעבלאזען זיך מיט דעם קארק, ווי ער וואלט געוואלט בשעת-מעשה מאכען פון איהם א טרומייט. און די „קארזעליע" מיט די פערדלעך, מיט די בריטשקעס און מיט דעם דעביל — אלץ איז שוין געפלויגען אין א ראד, און דערהיצטע פנים'ער מיט בליצענדיגע אויגען פון שיקסעס און שקצים האבען געמידניעט פאר'ן אויג, אזוי אז שלמה האט זיך שוין לענגער נישט געקאנט איינהאלטען, און האט צום ווהנדיל אלע מאל געווארפען א פערליעבטען בליק. — ביז די „קאראזעליע" האט זיך געשטעלט — און פנחס'ל האט געחאפט דעם

טאַטען און געגעבען אַ וואַרף אַרויף אויף אַ פֿערד, און אַ ווינק זיך איבער מיט דעם קונצען-מאַכערס ווײַביל, אַז דאָס איז זײַן פֿאָטער — און אַליין איז ער אַרויף אין דער הויך אונטער דער פּלאַכטע פֿון דעכיל, דרעהען דעם דראָנג און פֿיהרען די גאַנצע קאַרוזעליע.

שלמהס אויגען האָבען געבליצט מיט פֿײַער אויף די אַלע מיידען און ווײַבער, וואָס זענען דאָ געשטאַנען אַרום און צוגעזעהן, וואָס פֿאַר אַ גדולה ער האָט דורך זײַן זוהן דערגרייכט. און ער האָט אַ פֿײַף געטאָן אין דער הויך: — פּנחס׳ל, פֿאָהר!...

באַלד האָט זיך דערהערט אַ קלינגען אויף אַ גלעקיל פֿון אונטער דער סאַמעטענער בורקעלע אַפֿער, וואָס איז געווען אויסגעהאַפֿטען מיט אַלערליי ווײַסע און בלאָהע פּאַטשערקעס — די פּאַסאַזשירען האָבען גיך געחאַפּט די בילעטען, אַרויף אויף די פֿערדלעך, און די פּאַסאַזשירקעס אַרײַן אין די בריטשקעס, און די טרומייטען האָבען ווײַטער געגעבען אַ זעץ אַרויס: טאַ-טאַ-טאַ-ר-ר-ראַ! און שלמה דער גראָבער קאָפּ האָט אָנגעהויבען צו פֿליהען, ער מיט דער גאַנצער קאַראַזעליע — אַלץ האָט זיך געדרעהט און געפֿלויגען, נור צווישען די אַלע רויטע דערהיצטע פּנים׳ער איז שלמהס רויט דערהיצט פּנים געווען דאָס איינציגע יו דישע — און חברה יונגען, וואָס זענען געשטאַנען אַרום דער קייט, ווי צונעקלעפּט, מיט שטעקענס אָדער באַטישקעס אין די הענד — האָבען זיך מישב געווען און אָנגעהויבען אונטערצושמייסען שלמהס פֿערדיל. אַרום און זענען אַ וואַכט יונגען געשטאַנען, און פֿון אַלע זײַטען איז געוואָרען אַ געקאָכערײַ מיט אַ מין הילבעדיג געלעכטער: וויאָ, וויאָ! — און געהאַלטען נור אין איין אונטערפּאַטשען און אונטערשמײַסען. שלמהן האָט זיך דער קאָפּ פֿערדרעהט, די באָרד איז זיך צופֿלויגען אויף בײדע זײַטען לאַצען, ווי אַ צעוואָרפֿענער בעזים, די אויגען האָבען געבליצט און געפֿליצט, און יונגען האָבען געקאָוועט און געכמאַליעט איבער איהם דאָס פֿערד — און פֿלוצלונג, מען גיט זיך אַ קוק אום, יאָגט שלמה נאָך אַ שיקסע, די שיקסע, וואָס איז געזעסען פֿאַראויס איהם אויף אַ בריטשקע, און ער הינטער איהר אויף אַ פֿערד: זי, די שפּיצען פֿאַטשײלעכיל צופֿלויגען איבער׳ן קאָפּ. מיט די ציטער שפּילקעס — און ער, מיט דער באָרד צופֿלויגען אויף די

לאַצען — האָט עס אויסגעזעהן, ווי ער יאָגט זי בסדר אָהן אויפהער, און עס האָבען נישט געהאָלפען די געשרײען און דאָס געפּײפערײַ, וואָס די יונגען האָבען שלמה'ן אויסגעפּײַפט, — שלמה האָט געהאַלטען אין אײן נאָכיאָגען די שיקסע — ביז דעם זוהן האָט זיך דאָרט אין דער הויך דער קאָפּ פערדרעהט, און ער האָט פריהער געגעבען אַ בראָך אַראָב דעם טאַטען אויפ'ן קאָפּ, מיט וואָס ער האָט פאַר צעהן יאָהר געגעסען, און אָבגעוואַשען איהם אַז עס האָט גערונען איבערן פּנים און איבער דער באָרד — און דערנאָך געגעבען אַ פאַל אַראָב פון בוידים אַראָב צו דער שיקסע אין ברישקע אַרײַן. ס'איז געוואָרען אַ געקלינגערײַ — און די „קאַראַזועליע“ האָט זיך אָבגעשטעלט.

דעמאָלט איז דער טאַטע מיט דעם זוהן ענטלאָפען, ווי צוויי אָבגעשמיסענע, איבערן מאַרק — און אַ חברה יונגען נאָך זײ מיט אַ געטומעל און אַ געלאַף. עס האָט געקאָכט, ווי צווישען די ביהנען: שלמה, דער גראָבער קאָפּ, האָט געיאָגט אַ שיקסע!.. נור יודען האָבען זיך נישט געשראָקען פאַר דעם חטא. אַלע האָבען געוואוסט, אַז דאָס מײנט מען אויף דער „קאַראַזועליע“ — און קרעמער, פערקעהרט, האָבען זיך נאָך מיט פערגניגען געשטעלט אויף די שוועלען פון די געוועלבער און מיט אַ שמײכעלע אין דער באָרד אַרײַן נאָכגעקוקט שלמה'ן. ווי ער איז געלאָפען, מיט צופלויגענע פּאָלעס, איבער'ן מאַרק פאַראויס, ווי אַן אַלטער אשמדאי, דאָס זיהנדעל נאָך איהם און אַ חברה יונגען — ווי אַ מחנה צונויפגעקליבענע פויגעל צום אוועקפליהען — פון הינטען...

חנה לאה איז אַקעגען פון שטוב אַרויס מיט אויסגעשפּרײטע הענד דעם מאַן און דעם זוהן צו בעשיצען. זי האָט געמײנט, מי יודע בײ וואָס פאַר אַ גנבה מען האָט זײ געכאַפּט, און, אַרײַנכאַפּענדיג זײ גיך אין שטוב אַרײַן, איז זי געוואָר געוואָרען, אַז דער אַלטער אשמדאי איז גאָר געפאָהרען אויף דער קאַראַזועליע...

זי האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געקוקט אויף שלמה'ן מיט רחמנות: ווי פערגינט זיך דאָס אַ טאַטע פון קינדער זיך אַזוי נאַריש מאַכען.

שלמה האָט געפיהלט, אַז זי איז גערעכט, אַז ער האָט געטהון אַ נאַרישקײט — האָט ער אָבגעלעגט דעם גאַנצען בײזעל אויפ'ן זוהן, נאָר מיט דעם זוהן האָט זי גאָרנישט געקאָנט מאַכען.

זי האָט געזעהן, וואָס אַ טאָג ווערט ער אַלץ ערגער — און פֿון היינטיגען טאָג אָן האָט זי זיך שוין איינגאַנצען מיאש געווען פֿון איהם, און פֿעסט בעשלאָסען, אַז פֿון דעם יונג וועט שוין קיין גוטס ניט אַרויסקומען...

און איצונד, ווען זי זעהט איהם ליגען אויפ'ן געלעגער, פֿערקאַשערט די אַרבעל פֿון העמדיל, זעהט זי בחוש, ווי דער זעלנער שפּיעלט איהם פֿון פּנים אַראָב — און זי דאַנקט און לויבט גאָט, וואָס דער רשע שלאָפֿט חאָטש, און וואָס די וועלט איז זיך גאָר מחיה מיט זיין האַלטען צו די אויגען...

חנה לאה שטעהט אויף פֿון געלעגער, נעהמט די פּאַטשײַלע אויפ'ן קאָפּ און געהט צו דער שכנ'טע אַריין מיט אַ שטאַרץ אין דער האַנד נאָך אַ קויל פֿײַער.

די שכנ'טע שאַרט איהר אַ פּאָר לעבעדיגע קוילען, און דערפֿון הויבט זיך אָן אַ שמועס. חנה לאה רעדט פֿאַר איהר אויס דאָס האַרץ, אַז זי האָט נישט קיין נחת פֿון קינדער, די שכנ'טע פֿרעגט זי, ווי זי האַלט שוין מיט דעם איצטיגען אין דער וועלט... — ענטפֿערט זי איהר צוריק, אַז זי ריכט זיך שוין אַ ליאַדע שעה אין בעט אַריין.

און עס טוט איהר באַנג די גאַנצע מעשה... בײַ משה'לע ברוטאַן האָט זי זיך פֿערשוואָרען... זי געדענקט, וואָס פֿאַר אַ שווער האָבען זי האָט געהאַט. — זי האָט געהײַסען דעם מאַנ'ס אַ פּאָר הויזען אַראָברײַסען פֿון וואַנד, ווײַל זײַ זענען געהאָנגען געגענאיבער איהר, און זי האָט דעם מאַן געשאָלטען דעמאָלט מיט טויטע קללות, — צום סוף האָט זי זיך ווײַטער געלאָזט אַרײַננאַרען...

די שכנ'טע טרייסט זי, אַז אדרבה, גאָט קאָן העלפֿען גאָר אַ גרינג האָבען, און עס קומט ווײַטער אַרויס אַ שמועס, ווי קינפּעטאָרינס דאַרפֿען שמירה.

און חנה לאה דערצעהלט, אַז נישט היינט געדאַכט, אויף אַלע ווינטע וועלדער געדאַכט, האָט זי געהאַט אַ קינד צווישען דעם עלטערן און דעם יונגערן, אַזוי ווי איינס פֿון אַ האַלב יאָהר.

און די שכנ'טע דערצעהלט איהר צוריק, ווי טשײַטיל די קופּקע-מאַכערין איז איינמאַל געזעסען אין אַ שבת צו נאַכט און האָט גענייט אַ קופּקעלע בײַ אַ לעמפּיל, און דאָס פֿענסטער איז

ארויסגעגאנגען אין א מיטשאנקעלע — האט זי דערזעהן, ווי פאר דעם פענסטער איז פארביינגעפלויגען א נקבה מיט צולאזטע האר און צום בוזים האט זי געהאלטען צונעטוליעט א קינד ... דאס איז געוועזן פון יוטע מאטעל'ס שנור. מ'שטיינם געזאגט ...

חנה לאה שפייט אב דריי מאל און נעהט א היים.

און זי בעט פנחס'לען, ויען ער שטעהט אויף, אז ער זאל אראבנעהמען די מזוזות און נעהן צום סופר איבערזעהן.

זי האט זיך וויקעלעך אנגענרייט. העמדעלעך, א קלאר לייליך דאס בעט צו פערהענגען — און ביינאכט איז זי שוין נישט געגאנגען שלאפען אהן א חומש צוקאפענס, נאר דא האט שוין ניט געטויגט איהר טייטש-חומש, דוקא דעם מאנ'ס.

און וואס קלערט איהר? אין דער אייגענער נאכט האבען זי שוין א פאר שכנ'טעס געווארטעוועט, און ארום דריי פארטאג אני געקלאפט ביי דער „באבע"...

זי האט געבוירען א יונג, און באלד מיט א שווארצען קעני שער האר, ווי נור ער איז אויף דער וועלט געפאלען ... נישט אומזיסט האט שלמה איבערגעטראכט, ארויסגעהענדיג הינטער'ן שטאדט, צי האט זי שוין נישט געקרעכצט. ער האט זיך געריכט אויף א פרעהליכען שבת, ער וועט אם ירצה השם א היים קומען, און זיין חנה לאה וועט שוין האבען בשלום איבערגעקומען.

איצונד איז זיך שוין חנה לאה געלעגען אין בעט ווי א גרע פין צולענטערהייט, פערהאנגען מיט א פארהאנג, אויף א שנירעל אונטערן בעליק אויפגעצויגען, בעקלעפט מיט שיר-המעלות-בריווי לעך, און נור פון צייט צו צייט, אז זי האט געדארפט, מען זאל איהר וואס דערלאנגען, האט זי דעם קאפ מיט דער שלאפקופקע לע אפער געשטעקט פון אונטער דעם פארהאנג — — אויף איהר פנים האט זיך שוין אנגעזעהן אנ'איבערגעלייטערטקייט. זי האט גערעדט ווייכער און צארטער, ווי שוין אנ'איבערגעקומענע, נור איין זאך האט זיך נאך געהאט אויפ'ן זינען: דאס קינד צו היטען, עס זאל חלילה נישט טרעפען ווי מיט יענעם, אדער מיט דעם, וואס די שכנ'טע האט דערצעהלט. זי האט בעשלאסען דאס קינד פון דער האנד נישט ארויסצולאזען, פון אונטערן ארים נישט אפערצורוקען, און אין שלאף צו האלטען עס מיט אלע כחות, צו ליגען דעריבער, ווי א טרייע מאמע.

און אט איז געקומען דאנערשטאג ביינאכט. זי ווערט ענט־שלאפען מיט זיסע געדאנקען. מארגען ווערט שלמה אהיים קומען און וועט דערזעהן, וואס פאר א יונג זי האט איהם אנגעגרייט, גאר אהן זיין וויסען — שוין איצונד דעם דריטען...

און זי שלאפט — —

און עס דאכט זיך איהר, אז די אייגענע מלכת־שבא מיט די נאקיטע ברוסטען, מיט די לאנגע צולאזטע צעפ אין עפיס א פארצייטיש קיילעכדיג קלייד — א קרינעלינע פון טערקישען סיץ מיט אזויגע בלימעלעך און אויגעלעך — פאקט זיך צו איהר דורך א האלבער קווארטיר אין פענסטער אריין — און פאקט זיך, און פאקט זיך — אזא גראבע און אזא שווערע — אז חנה לאה'ן חאפט אן א פארכט, און מיט פערדומפענע קולות שרייענדיג אין זיך אריין, דריקט זי דאס קינד צו זיך. און עס האט שוין טאקי קיין בעסערע מלכה־שבא נישט געדארפט, ווי עס האט געהאט...

עס איז קוים טאג אין דרויסען, עס בלאזט דורכ'ן פענ־סטער. שלמה קלאפט שטיל אן אין טיר, און פנחס'ל, צונויפ־געמישט אין דער גראהקייט פון דער נאכט און יונגען מארגען, וואס פאלט אין שטיבעל אריין — לויפט פון געלעגער אראב די טיר אויפמאכען. שלמה קומט אריין אויף די שפיץ נעגעל, משה'־לע נאך איהם, עס האט איהם די נאכט נישט געלאזט רוהען אין דארף, און ער איז געקומען צולויפען מיט'ן טאג צוגלייך — און איצונד, דערזעהענדיג דעם אויפגעצויגענעם פארהאנג איבערן בעט — לייכט א שטילער בלישטש אין זיינע אויגען אויף און, ווענדענדיג זיך צום זוהן, גיט ער איהם א צופ ביים ארבעל, אויף שטיל געהאנדעלט, ווי צווישען זיך:

— וואס האט זי געהאט?...

— א יונגעל — ענטפערט פנחס.

— א יונגעל? צוגיסט זיך איהם א ליכטיגער שמייכעל אי־בערן גאנצען פנים. משה'לע ברוטאן חאפט באלד אונטער, אונטערטאנצענדיג:

— וועט זיין א שלום־זכר, וועל איך האבען א פולען קויש מיט ארבעס!...

— שא, דו בענקארט! די מאמע שלאפט. — טוט איהם דער טאטע א שטורך.

— שא, א רוח אין דיין! ... — קומט פנחס'ל אויך צו הילף.

— די מאמע האט אודאי געמוזט ערשט ענטשלאפען ווע-רען? — מאכט דער פאטער.

— ניין, זי שלאפט א גאנצע נאכט ... — האט פנחס'ל געענפערט.

— א גאנצע נאכט? ... —

ביי שלמה'ן האט זיך עפיס אין הארצען אבגעריסען. מיט שטילע פאמעליכע טריט האט ער אנגעהויבען צוצוטרעטען צום פארהאנג:

— חנה לאה, חנה לאה ... — רופט ער שטיל מיט אנ' אנגעצויגענעם בליק אין זיך אריין, ווי ער וואלט געוואלט דאס קול נישט לאזען געהן צו וויים. — חנה לאה ...

חנה לאה שלאפט.

— לאז, טאטע, וועל איך זי אויפוועקען — רופט זיך אב משה'לע ברוטאן מיט א גראב קול.

— שטיל, בענקארט — פערבייסט שלמה מיט א פינגער די צעהן צו איהם — דו וועסט זי איבערשרעקען ...

— — חנה לאה, חנה לאה ...

— הא-א-א ... — הערט זיך א לאנגער אויסגעצויגענער קרעכץ פון אונטער דעם פארהאנג.

— חנה לאה, וואו האסט דו דאס קינד? ..

— געוואלד, דאס קינד ... — טוט זי א געשריי מיט אנ' אויסגעשטעלטע, אנ'אויפגעהאפטע פון שלאף און שלמה טוט זיך א ווארף נישט טוויט נישט לעבעדיג אונטער דעם פארהאנג ארונטער. ביידע זיהן בלייבען פערשטיינערט מיט גלעזערנע אויסגעזעצטע אויגען אויף'ן פארהאנג.

— געוואלד דאס קינד! — טוט זי נאך אמאל א געשריי אויס און א הויב עס אין דער לופטען ביי איין הענטיל, ווי א טויט געזיל, דאס קינד טוט א דרעה מיט'ן קעפיל, טוט זי עס א האפ מיט דערשראקען ארויסגעזעצטע אויגען ביים פנים'על און הויבט עס אן צו רייסען.

— און לאז דיך שוין די ערשטע חאלעריע טרעפען! ... —

ניט שלמה איהר א בענש מיט ביידע הענד איבערן קאפ. — חנה לאה'לע די קאלבאסניצע, האסט מיר שוין געהרג'עט א זוהן אויף טויט — שרייט ער אויס, דערוועהענדיג, אז דאס קינד האט קיין אטעם נישט און איז שוין קאלט, ווי א שטיק טייג. מיט אנ'אראפ־געלאזטען קאפ רוקט ער זיך צוריק טאקע פון אונטער דעם פארהאנג.

חנה לאה מאכט א געוואלד, די זיהן נאך — שלמה לויפט אום אויף און אב איבער דער שטוב, ווי א בערען־טרייבער מיט געזונטע גראבע שפרייזען און ווארפט גלאנצענדיגע אויגען אויף דעם פארהאנג, באלד קומען צו לויפען א פאר שכנ'טעס, און מען הערט געהאר, אז דאס קינד איז טויט.

דעמאלט ערשט נעהמט חנה לאה זינגען א קלאגליעדעל.

— איך האב דאך אנ'אומגליק געהאט, די מלכת־שבא האט זיך דאך נעפאקט צו מיר דורכ'ן פענסטער, דורך דעם פענסטער... אזוינע צוויי גראבע ציצען האט זי געהאט, האט זי מיר דאס קינד דער'הרג'עט מיט די ציצען...

— ציצען?! — שרייט שלמה — מען דארף גרעבערע ציצען, ווי דו אליין האסט? — גיך צום רב, גט. טרעפט דיך די ערשטע חאלעריע:

— שלמה'שי... וואס ווילסט דו?... — האט זי געוואלט אנהויבען פאר איהם צו וויינען. נור עס האט גארנישט געהאלפען, די צוויי זיהן האבען זיך ווי איינגעקארטשעט אין א ווינקעלע, און געדאנקט גאט, אז זיי זענען אין דעם נישט שולדיג... און שפעטער, ווען א חברה־מאן האט דאס קינד צוגענומען אין בוזים אריין — האט די מאמע געמוזט צוריק דאס בעט פערבעטען, צוריק דעם פארהאנג אראבנעהמען און געהן מיט'ן טאטען צום רב.

— גוטער רב! — האט שלמה א צוקאכטער און מיט האר״ץ געט'ענ'ט — זי האט דאך מיך בדלות געשטעלט, זי האט דאך מיר שוין צוויי זיהן דעם טויט געמאכט! צוויי זיהן! — — — —

— און וואס זאגט איהר, ווייט זשע מוחל, יודענע — האט דער רב געפרעגט.

— צוויי זיהן נעבּיך ... — גיט זי אַ וויין אַרויס מיט אַ צושיטענדיג מאַמע־קול.

— וואָס ווילסט דו פֿון איהר, שלמה? — אַ יודענע ... זי האָט אודאי געוואָלט זיי זאָלען לעבּען — בעט זיך בּיי איהם דער רב.

טאַטע, דו געהסט אַהיים! — פֿאַלט אַריין פּנחס'ל צום רב אין שטוב אַריין מיט אַ קנאַק אויף דער טיר, ווי אַ דונער, און נאָך איהם משה'לע בּרומאַן מיט אַ ריטש: מאַמע! ...

דער רב חאַפּט זיך אויף אַ דערשראָקענער, מיט בּיידע הענד אויסגעשטעלט צו פּנחס'ן.

— דו וועסט גט'ן מיין מאַמען? — טוט ער אַ קנאַק מיט אַ פויסט אין טיש אַריין — אַהיים, ווארום איך האָק דיר אַ זייט אונטער ... — —

— אַט האָט איהר, רבּי, געהט נעהמט זיך אַן פּאָר קינדער! ניט ער אַ וויי אַן אויף פּנחס'לען און אויף דער מאַמעס בּויך — און גיט אַ לויף אַרויס, פֿערהאַקענדיג נאָך זיך די טיר.

— און דו, מאַמע — נעהמט פּנחס אַרויס אַ מטבע פֿון קעשענע — נאַ דיר אַ פֿערציגער און געה אַהיים און קאָך אָנבּייסען!

צוריק געהענדיג פֿון רב דורך אַ הינטער־געסיל פֿארבּיי אַ פּליים, עס זאָלען איהר ניט קומען קיין היימישע אין פּנים אַריין, וואָס איז איהר אַזוי פֿערשעמט געוואָרען געגנוג פֿון גאָט אַליין, — האָט איהר משה'לע אַ גאַנצען וועג געדרעהט דעם פֿאַרטוך, זי זאָל צושטעלען דעם נרעכערן סאַגאַן צום קאָכען, ניט דעם קלענערן, און פֿול זאָל ער זיין אָנגעפּאַקט מיט קאַרטאָפֿלעס, ווארום ער האָט שוין ניט געגעסען פֿון דאָרף אָן ...

אַזוי איז זיך חנה לאה צוריק אַהיים געגאַנגען. אויפ'ן אַנדערן פֿרייטאָג איז שוין שלמה צוריק געזעסען מיט דעם טאַטע צימעס צווישען די פּיס — און די צוויי בּנים ווי די בּיקעס— צרום איהם, אַלע מיט די קעבּער־לעפֿיל אין די הענד, מיט דערהיצטע פּנים'ער, ווי די טערקען — און חנה לאה האָט ווייטער געהאַלטען אין איין שרייען, פֿאַרוואָס זיי לאָזען ניט איבּער קיין שריד ופּליט אויף שבּת אין דער פֿריה.

נור פֿרייטאָג צו נאַכטס, ווען די ליכט אין די לייכטער האָבּען געבּרענט, און שלמה מיט די צוויי בּנים זענען געזעסען

בײם טיש און געהאלטען בײ „בנים ובני בנים" — האט זיך חנה לאה פערקוקט מיט ליבלטיגע אויגען אויף די צוויי זיהן, זי ווייס אליין נישט, עפיס פנחס'ל איז איהר גאר ליבער געווארען. און זי האט אליין נישט געפיהלט, ווי א טרער האט זיך איהר צראָבי־געקייקעלט איבער דער באק און אריין אין שיסעלע באבעלעך מיט יויך. נור דעמאלט האט ערשט שלמה געקוקט אויף איהר מיט נקמה: האָב איהר אבט און אכציג שווארץ יאהר! שיסקא!... מיט אזוינע פיער זיהן וואלט ער געקאנט א ויעלט מיט א מדינה איינגעהמען. און נישט ווילעדיג שוין מעהר קוקען אין איהר זייט אריין, האט ער צו די בנים א מאך געטהון מיט דער האנד, און אלע דריי האבען געגעבען א זעץ ארויס דעם מטרש פון דער קטראזעליע" מיט א שבת'דיגען זמר! — —

בּערִיל און שְׁמעריל.

(ערצעהלונג.)

איינמאָל האָבּען זיך צוויי חברים געוואָהנט אויף איין וואָהנונג. איינער האָט געהייסען בּעריל און דער אנדערער שמעריל. האָבּען די צוויי חברים געהאַט איין חבר'טאָרין, וואָס האָט, ווייטער, געוואָהנט אויף אַ בּעזונדער וואָהנונג. וואו הין זיי פלעגען אמאָל פערבּלאָנדזשעט ווערען צו גאַסט.

אַלע דריי זענען זיך געווען שטילע נשמות: מען האָט נישט געבּענקט, זיך נישט געריסען איינס צו דאָס אַנדערע, נור אַזוי זיך — איז מען זיך צונויפגעקומען, האָט מען זיך געזעהן, נישט — זענען זיך די חברים געזעסען אין זייער היים, און די חבר'טאָרין אין איהר היים.

מאַכט זיך אַ מעשה, אונזערע חברים ווערען פערבּלאָנדזשעט איינמאָל בּיינאַכט צו אונזער חבר'טאָרין, גלאַט אַזוי זיך, אומגעריכט — און האָבּען דאָרט געטראָפען נאָך אַ פריילין זיצען, אויך גאָר אומגעריכט.

שמעריל, וואָס האָט זי גאָר אין גאַנצען נישט געקענט, פערבּייסט אַזש מיט די ליפּען פאַר איהר שענקייט:

„פאַראַן שענע מיידלעך אויף דער וועלט"... — האָט ער זיך געטראַכט. אראָבּלאָזענדיג בּאַלד די אויגען, ווי נור ער האָט מיט דעם ערשטען בּליק דערהאַפּט איהרע שוואַרצע בּרעמען מיט איהר שוואַרצען קאָפּ האָר. ווען ער האָט אָבּער דערזעהן, אַז בּעריל דערלאַנגט איהר אַ האַנד, ווי אַן אַלטער בּעקאַנטער — האָט זיך אין איהם אַ שטיק נשמה אַריינגעזעצט, און שטילינקערהייד, מיט

די שפּיץ פֿינגער, האָט ער אָנגעהויבען אונטערצוקיצלען בערלען בײַם אָרבעל, ער זאָל איהם אויך בעקענען מיט איהר.

דערווײַל האָט דער לאָמפּ אָנגעהויבען אויסצוגעהן, און אונזערע חברים און חבר'מאָרינס זענען זיך געבליבען אין דער פֿינסטער, נאָך אײדער שמעריל האָט זיך צײַט געהאַט פֿאַרצושטעלען פֿאַר דער נײַער חבר'מאָרין.

אין דער פֿינסטער חברים מיט חבר'מאָרינס — האָט יעדער געהאַלט ווײַזען זײַן אָרענטליכקײַט, רוקט זיך די ערשטע, וואָס האָט דאָ געוואָהנט, אוועק צום אויוען ווארימען — שמעריל לאָזט זיך אַראָב אויפ'ן בעטעל; נאָר בעריל, וואָס האָט זיך שוין געקענט מיט דאָס פֿרעמד מײדעל, בלײַבט זיצען נעבען איהר, ער אויפ'ן טישעל און זי בײַ דעם טישעל. עס האָט זיך איהם פּשוט נישט געגלוסט אַנדערש. און וואָס איז ער שולדיג געוועזען!

דערווײַל האָט ער זיך אָנגעהויבען עפּיס אונטערצוזינגען אַלײן פֿאַר זיך. ווי גלאַט אַזוי, אין דער וועלט אַרײַן... און שמעריל. וואָס איז געזעסען פֿון דער ווײַטענס, — אַ נאָך נישט-פֿאַרגעשטעלטער, האָט איהם נור אונטערגעבאָמקעט. נישט מעהר'ן און אויך גלאַט אַזוי זיך, אין דער וועלט אַרײַן... און אפֿשר האָט זי עפּיס דער שוך געקוועטשט, ווער ווײסט?

נור דאָס נײַע מײדעל — נישט אַרײַנגעהענדיג אין בײדענס לאַנג, האָט זיך ווײַטער, סתם פֿאַר זיך, אויך אָנגעהויבען עפּיס צו זינגען — און זי האָט זײַ געוויזען, וואָס עס הײסט זינגען: נישט הויך, נאָר מיט אַ זיס פֿרויען-קולכעל, האָט זי עס געמאַכט אַ ביסעל מעלאַנכאָליש. וואָס עס האָט זעהר געפּאַסט צו דעם זיצען אין דער פֿינסטער.

און דאָס זינגען האָט אַזוי אָנגענומען אונזערע צווײ חברים בײַ די הערצער, אַז מען האָט זיך גאָר פֿערגעסען אָן יענער, נײַ בעך, וואָס האָט זיך געוואַרימט בײַם אויוען — און אײנגאַנצען זיך אָנגעשטרענגט אין דעם שטילען, שטילען געזאַנג, וואָס האָט זיך געגאָסען פֿון אַ קלײן אָפֿען מײַלכעלע אַרויס אין דער פֿינסטער און זיך צוגאַנגען אַרום די ווענד פֿון דעם קלײנעם שטיבעל.

מען האָט זיך פֿערגעסען אַזוי ווײַט, אַז בעריל האָט נישט געפֿיהלט. ווי אַזוי זײַן האַנד האָט זיך דערנעהנטערט צו דער פֿרײַלינס האַנד און זי אַרומגעהאַלטען, און שמעריל חאָטש גאָר

נישט געשפירט, ווי פערדריסען ער זיצט מיט א האלב אפען מויל פון דער וויטענס, אריינגעדרונגען מיט אלע חושים אין דעם זיסען פרויען-בעשעפעניש — און אלע דריי צוזאמען האבען נישט אנגעהויבען צו הערען דאס זיפצען פון יענעם מיידעל, וואס איז זיך געשטאנען די גאנצע צייט פאר'ן אויווען.

עס האט זיך עפיס אבגעטהון אין דער נאכט. די אלמע חבר'טארין, וואס האט געזיפצט אן א זייט, האט פון צומארגענס-אן זיך אנגעהויבען צו זוכען א ניי וואהנונג, גאר נישט אויסענוייענדיג דערמיט, נור זאל מען איהר נישט זינגען אין די אויערען אריין דעמאלט, ווען איהר ווילט זיך גאר זיפצען. בעריל, ווייטער, האט זיך פון דער נאכט אן דערוואוסט, אז דאס לעבען האט א סך פאזיע, און ער האט זיך גענומען צום פארשען פון די ביכער ארוים אויך די פאעטישע און פסיכאלאגישע זייטען פון לעבען. אנשטאט דעם, וואס ער האט זיך ביז אהער געהאט אבגעגעבען מעהר מיט איזעלבע, וואס געהערען צו א „עקסטערן".

שמעריל איז שוין געווען א ביסעל צוטראגען אויף א רעכטען אמת, און געזאגט, אז אזא זיסקייט אויף דער נשמה האט ער שוין נישט געהאט פון א גאנץ לאנגע צייט... הא, דא, אזא זיסקייט פון א קול, אזא זיסקייט... און דערהויפט איז איהם א לאנגע צייט דערנאך געשטאנען פאר די אויגען איהר ווייס בלוזקעלע, וואס האט זיך אין דער פינסטער אזוי געבליבט אויף איהר בוזים, איהר ווייכע איינגעקארבטע טאליע — און וואכעדיגלאנג, איז איהם אין חלום אויסגעקומען צו זעהן זיך מיט איהר ליבטיג געשמאלט אויג אויף אויג, און דעמאלט פלעגט אונזער שמעריל פיהלען א מין הימליש פערגעניגען. עס האבען זיך אנגעהויבען פאר איהם גליקליכע נעכט און גילדערנע חלומות.

פאר דעם חבר. אבער, בערלען, האט ער א ווארט נישט נעדאכט. ווי ווייט שען זי איז, און ווי זי קומט איהם אלע נאכט צו חלום.

נור איינמאל, אין א פיער וואכען ארום — אויך אין א אבענד, זיצענדיג ביי זיך אין שטיבעל ביי א גלעזעל טהע, פערקריכען זיך אונזערע צוויי חברים אין געדאנקען, יערער פאר זיך; בעריל, א שטייגער, פערטראכט זיך וועגען די גייסטיגע זייטען פון דער פרויענצימער אין אלגעמיין. וואס איז דאס פאר א מין

בעשעפעניש — און שמעריל, ווידער, פערטראכט זיך שוין מעהר וועגען נשמיות, וועגען דעם גלאטיגען קערפעריל פון א פרויענצימער, און אויך נישט אין אלגעמיין, ווי בעריל, נור אין ענגערען זין פון ווארט, ס׳הייסט, טאקי נור פון דער וועגען וועלכע ער טראכט...

און אזוי, פערקריבענדיג זיך, וואס א מאל ווייטער, ווייטער אין די געדאנקען — האט זיך שמעריל געווענדעט צו בערלען גאנץ סאליד, נישט געאיילט, מיט אגאנץ קעלטליכען אויסדרוק אויפ׳ן פנים, ווי עס פאסט פאר אזא, שטייגער, רוהיגען יונגען מאן און געשטעלט איהם נישט מעהר ווי אזא, שטייגער, פראגע:

— צי האסטו בעריל שוין געליעבט אמאל?..

— פון וואנען פאלסטו עפים פלוצלונג אויס? — פרעגט בעריל צוריק אויך זעהר געלאסען, אונטערשפארענדיג דעם נאגעל פון גראבען פינגער אונטערן קליינטשינקען בלאנדען בערדעלע.

— ניין, גארנישט... גלאט אזוי... ענטפערט שמעריל צוריק, מאכענדיג זיך אביסעל תמ׳עוואטע, ווי ער איז גאר נישט אויסען געווען.

און שוין. דאס איז געווען אינגאנצען דער שמועס אויף רערוויל.

אין א צווייטער נאכט, האט ער איהם ווייטער געפרעגט, ווער יענע נייע פריילין איז געווען, וואס איז געזעסען מיט זיי אין דער פינסטער.

און בעריל האט איהם אנגעקוקט:

— וואס פאר א שאלה?

— ניין... גאר נישט... — האט שמעריל ווייטער גענענטפערט, און ביי גארנישט איז אלץ נאך דערוויל געבליבען.

נאר אויף דער דריטער נאכט, פרעגט ער איהם ווייטער:

— ווער איז זי? —

— זאלסט מיר לעבען, שמעריל, וואס דרעהסט דו מיר עפים א קאפ? — האט זיך שוין בעריל אנגעהויבען בייזערן — דער בעל־בית׳טעם איז זי פון דארט, פון יענעם שטוב דארט, דער בעל־הבית׳טעם!..

„אזוי איז שוין עפעס אנדערש"... — האט זיך שמעריל גע.

טראכט מיעף ביי זיך אין הארצען. און אין א שענעם פריה-מארגען איז געווארען דער סוף פון דעם שמועס אזוי:

שמעריל האט זיך פערפאקט זיינע זאכען, דאס בעטעל, מיט דעם קישען, מיט די קאלדרע, ווען בעריל איז גאר נישט געוועזן אין דער היים; און—ואיננו! פייף מיר אויפ'ן דראנג.—

די זאך דערפון איז געשעהען גאנץ איינפאך. שמערלען האט די לעצטע צייט אנגעהויבען צו נודזשען די שטוב. שוין א צייט, ווי ער חלומט עפעס וועגען א גוט אנגעהייצט אפען אייוועלע מיט רויטע פלאמען, און ער מיט א מיידעל, זי מיט צולאזטע האר און פערלעגט דאס קעפיל אויף זיין אקסעל, זיצען זיך ביידע מיט אויסגעצויגענע פיס קעגען אייוועלע און די פנים'ער פלאקערן מיט א רויטע צונאפענע שיין. אזוי האט שמעריל געחלומט—נור נישט געשעהען זאל עס—אז ער קוקט זיך נוט ארום. בעגעגענט ער אויף איין ארט אנ'איבערגעבליבען קאלט האלבע גלאז טהע, איבערגעדרעהט אין דעם טעצעלע, צוזאמען מיט דעם לעפעלע, און עפעס א מונדשטיק מיט אנגעפרישט אש שוויםט ארום פון אויבען, א געלער, א דורכגעוויקטער, מיט א שווארץ קעפיל, אויפ'ן צווייטען ארט, ליגען צוריסענע שטיקלעך זעמעל, מיט עפעס אנ'איבערגעלאזט פערהיליצט שטיקעל פוטער אויף א פאפיר אזוי, אז עס שלאגט שמערלען שטארק צום הארץ, און דערצו נאך, איז איהם דאס גאנצע שטיבעל ענג געווארען און פינסטער. ער האט געטווזט חאפען די זאכען נאר אומגעזעגענט מיט דעם חבר און אנטלויפען אין דער וועלט אריין.

בעריל האט דערנאך זיך געבראכען דעם קאפ, קלערעני-דיג, וואו איז איהם זיין חבר פערשוואונדען געווארען — נאר זיין חבר האט שוין געוואהנט דארט ביי יענער בעל-בית'טע, פון וועל-כער מען האט גערעדט— און טאקי אין יענעם אייגענעם צימעריל.

די מעשה, ווי קומט ער אין צימעריל איז אויך געשעהען גאנץ איינפאך. שמעריל פלעגט אין דער לעצטער צייט זעהר אפט פערבלאנדזעט ווערען אהין, פאר יענעם טויער. ער ווייסט אליין נים ווי אזוי — עס פלעגט אבער דאך אזוי זיין. האט ער איינמאל בעגעגענט, ווי מען הענגט ארויס א צעטעל, דאס איי-גענע שטיבעל צו פערדינגען—און אזוי איז עס געשעהען.

א נייער לאקאטאר—האט ער געוואלט, די היימישע מענ-

שען פון דארט זאלען זעהן זיין געשמאק וועגען ריין און ציכטיג וואהנען. אז גאר ניט—א טאמער וועט ווער עס איז פון דארט נור אריינשטעקען דעם קאפ אין דער אפענער טיר,— זאל מען זאגען, אז דאס שטיבעל בלאנקט ווי א פינגעריל... האט ער זיך אויסגעקלאפט אלע ווענד מיט קארטעס. אנגעשטעלט פאטאגראפיעס אויפן טישעל, וואס איז געווען בעצויגען מיט לעש-פאפיער — אוועקגעשטעלט א טינט און פעדער, ארויפגעלעגט א צוויי שענע ביכלעך מיט די רוקענס אויף דער שטוב ארויס, און אנגעצונדען זיך א שטעהענדיג לעמפעל מיט א בלאהער שיין. אז אין שטוב זאל רוהען שטענדיג א טונקעלע שטילקייט — און זיך אליין האט ער אויך אנידערגעזעצט אין א זעהר אנשטענדיגער פאזע איבער א בוך.

טילא, איבער א בוך. זיצט ער אב דעריבער איין נאכט, און די טיר פון זיין צימעריל עפענט זיך ניט, די צווייטע און די דריטע — און אויף דער פיערטער האט ער קוים אין צרות דערהערט איהר קול דורך דער פיערטער וואנד, ווייטער א זינגענדיגם, די אייגענע גרויסארטיגע שטימע, און ער איז א פערגליווערטער געבליבען שטעהן אין מיטען שטוב, מיט צוויי אנגעשטרענגטע אויערן, ווי א האז אונטער א וועלדעל. דערהערענדיג א ווידער-קול אבקלינגען פון צווישען די בוימער ארויס.

ערשט אין א צייט ארום איז ער צו זיך געקומען.

— אזוי איז די מעשה... — האט ער פערביסען מיט דער הינטערשטער ליפ, און זיך שטארק גע'חדוש'ט פאר וואס זי קומט ניט אריין.— ס'איז דאך אין איין שטוב... — האט ער זי ביי זיך אין געדאנק געוואלט פערענטפערן — וואסי, זי וואלט איהם דען עפים אבגעגריזשעט? —

און ער איז זיך מישב און לעגט איינמאל אן א טיש מיט פאמעראנצען און פערבעט זי אריין...

איז זי נישט פויל און שיילט כסדר איין פאמעראנץ, די צווייטע מיט איהרע קלארע, ווייסע פינגערלעך, מיט איהר שמייכעלע אויף די רויטע ליפען — און פאקט קליינטשינקע, האלבע פעניצלעך פאמעראנץ אין מויל אריין, פערציהענדיג דערביי גאנץ שמאל די ליפעלעך, אז עס זאל אויסקומען א מיילכעלע, נישט קיין מויל, און גארנישט...

עסט זי איהם איין נאכט אויף די פאמעראנצען און צום אויפקגעהן, נעהמט זי זיך צוריק ארויס מיט א גאנץ ערנסט פנים, מיט אראבגעלאזטע ברעמען, און זאגט איהם אפילו קיין גוטע נאכט נישט, און עסט איהם אויף אויף דער צווייטער נאכט די בוקאליעס, וואס ער האט אנגעלעגט פאר איהרטוועגען — און נעהמט זיך ווייטער ארויס און זאגט איהם קיין גוטע נאכט נישט. און אויף דער דריטער נאכט, ברענגט זי מיט זיך מיט א בחור, א הויך געוואקסינער מיט א פנים א ראזעוועס, אויגען ווי די רעדער און ציינער וואס בלאנקען פאר ווייסקייט. און די בעל-בית'טעס טאכטער געהט צו איהם צו און בעט איהם זעהר איבער, אז ער זאל איהר ענטשולדיגען, וואס זי מוז אויפנעהמען געסט דא ביי איהם. ווייל דאס שטיבעל, זאגט זי, איז עפיס בעסער צו דער האנד, ווי ביי זיי אין שטוב...

— אך, מיט דעם גרעסטען פערגעניגען!... — חאפט זיך שמעריל אויף מיט צוויי אויפגעשטעלטע הענדלעך, אקעגענשטעלענדיג זיך איהר ברוסט מיט איין אייגנעקארטשעט קעפיל, ווי א וואבקעלע א שטייגער, אז עס פערנעהמט זיך מיט די פארערשטע צוויי פיסעלעך א האפטשע איבער צו מהון פון איין שטיקעלע פלאץ אויפ'ן צווייטען — אוי, דאס ווען זי גיט איהם נור איין וואונק, פליהט ער אינגאנצען ארויס פון שטיבעלע מיט א פראלאויף די טיר.

ס'איז אבער נאך נישט געווען אזוי געפעהרליך. און שפעטער, גארנישט — איז זיך די בעל-הבית'טעס טאכטער געלעגען צולענט אויף שמעריל'ס בעטעל, ווי ביי'ם טאטען אין ווייגארטען, דער בחור איז זיך געזעסען נעבען איהר און אויך אין בעטעל, און שמעריל — שמעריל איז זיך געזעסען ביים אפענעם בוך — און מורא געהאט דעם קאפ אומצודרעהען. און ביי יעדען גריבעל, ביי יעדען סקריפ וואס דאס בעטעל האט געטון, און ביי יעדען שארך ביי זיי ביידען, וואס זיי האבען א ריהר געטהון מיט אנ׳ אבר - איז שמעריל רויט געווארען איבער די אויערן, און דער קאפ האט איהם די גאנצע צייט נישט אויפגעהערט צו שווינדלען. ערשט בעגינען האט מען איהם צוריק אבגעלאזט דאס בעטעל. דער בחור האט זיך ארויסגעמאכט פון שטוב, די טאכטער איז אוועק צו דער מוטער — און שמעריל איז געבליבען אליין.

— אָה, הא.. — האָט ער ערשט דעם אָטעם אָבגעכאַפּט אויפשטעהענדיג פון טישעל, און דרעהענדיג זיך שוין איבער דעם צימעריל אויף און אָב, האָט ער זיך ערשט אַ פּאַטש געטון מיט איין האַנד איבער'ן שטערען און אויסגעשריגען:

— וואָס פאַר אַ וועלט דאָס איז!...

און ער האָט בעשלאָסען אויף צומאָרגענס, זי צו פרעגען, צי האָט זי זיך ניט אַמאָל אָנגעלעזען מיט הערמאַלינ'ס ביכער...

— עס קאָן זיין... אַ פּראָסט מיידעל... — האָט ער געטראַכט, נור אויב יאָ... וועט ער איהר ערשט געבען צו פערשטעהן, ווי ווייט נאַריש אזא מחבר איז — און ווי ווייט זיינע אידעען טראָגען נור אריין שעדליכקייט און אונרוהיגקייט הן אין געזעלשאַפטליכען, הן אין געשעפטליכען לעבען..

נאָר דערווייל האָט זיך שטעריל שוין געדרעהט, ווי אַ וואָרים, און שטאַרק בייז זיך אָראָבגעפאַלען אין יענער נאַכט.

— — וואו איז די מאַראל — האָט ער מיט זיך אליין גע'טענ'עט — דער פערנונפט... ער איז דאָך פאָרט געזעסען אין דעם וועלבען צימער. אַט אָ-דאָ ביי דעם טישעל?..

„ביי דעם טישעל!" — האָט ער עס זיך ניט געקאָנט מוחל זיין.

און שפּעטער, ווען ער איז אַנטשלאָפען געוואָרען, האָבען זיך ערשט אין איהם די אמת'ע ליידען צושפּיעלט. איהם האָט זיך געחלומ'ט אַ חלום, אַז ער איז אַראָבגעפאַלען פון אַ בוידעם, און אַז עס איז געוואָרען אַ גרויסע מהומה, און מענשען פון אַלע זייטען זענען געקומען צו לויפען, און ער איז געלעגען אַ צו'הרגע'ט ער אויף דער ערד עפּיס אין אַ הויז, ערגיץ אונטער אַ לייטער, ער ווייסט אליין ניט, ווי אַזוי ער קומט דאָרט אַהין. און אין מיטען קומט אַנצולויפען דער בעל-הבית'טעס טאָכטער אויך, און מענשען קוקען מיט אַזוי פיעל רחמנות אויף איהם. שטעהענדיג אַרום איהם אין אַ רעדעל מיט איינגעבויגענע פּנים'ער צו איהם:

— נעהמט מיך גוטע מענשען אין אַ שפּיטאַל אריין — האָט ער זיך געבעטען ביי זיי. און די בעל-הבית'טעס טאָכטער האָט איהם נאָכגעקריכט:

— נעהמט מיך... ע... ע... — — —

און זי האָט איהם אַ צונג אַרויסגעבלייזט.

יענעם פֿריה-מאָרגען איז שמעריל אויפֿגעשטאַנען פֿון שלאָף. שטויסען נעהמט מען אַ שענערען פֿון דער ערד אַרוים — די נאַז איז איהם געווען פֿערשפּיצט און די אויגען פֿערגאָסען מיט אַזאַ פֿין פֿײַכטקייט, אַזוי פּישטשענדיג, אַז איין גאָט האָט זיך נעמעגט איבער איהם דערבאַרמען. און אַ גאַנצען טאָג איז ער אַרומגעגאַ-נגען מיט אַ צובראָכען געמיטה און ניט געוואוסט צי לעבט ער, צי איז ער געשטאָרבען. ווען ער וואָלט זיך ניט געוועזען פֿון זײַן חבר בערלען אַרויסגעחאַפּט אַזוי בגנבה, וואָלט ער זיכער אַריבערגע-גאַנגען צו איהם, זיך אָברעדען אַביסעל פֿון האַרץ.

נאָר פֿערפֿאַלען.

— איך בין אַרײַנגעפֿאַלען מיט דער דירה — האָט ער זיך געטראַכט — נישטאָ אין איהר קיין אָברוה...

און אַ גאַנצען טאָג האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט ווי אַ שאָטען איבער די גאַסען, און אַ גאַנצען טאָג איז דער בעל-הבית'טעס טאָכטערס מויל געשטאַנען פֿאַר זײַנע אויגען און זיך איהם נאָכגעקרימט:

— נעהמט מיך... ע... ע... —

און האָט איהם די צונג אַרויסגעבלײַזט. און דאָס האָט איהם שוין גאָר דאָס לעבען דערעסען און געטריבען איהם פֿון איין אָרט אויפֿ'ן אַנדער'ן.

ערשט בײַנאַכט, אַז ער האָט זיך שוין צוריק געהאַט אָנ-געצונדען דאָס לעמפּיל מיט דער בלאָהער שײַן און געוואָלט זיך אַנידערזעצען אין זײַן צימעריל אָברוהען פֿון אַ גאַנצען טאָג — האָט זיך די טיר ווידער שטילינקערהייד אויפֿגעמאַכט און די בעל-הבית'טעס טאָכטער מיט דעם זעלבען בחור זענען זיך ווײַטער אַרײַנגעקומען און אַוועקגעזעצט זיך אויפֿ'ן בעטעל.

און אַצינד האָט שמעריל געטראַכט, אַז אָט אַדאָ ווערט ער שוין ניט שווײַגען.

נאָר פֿונדעסטוועגען, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ רוהיגען יונגען מאַן, ניט צו אײַלען, ניט צו קאָכען זיך, האָט ער גאַנץ געלאַסען אָנגעהויבען מיט דעם בחור אַ שמועס וועגען הערמאַליג'ען...

און אַז די פֿרײַלין האָט דערהערט פֿון ביכער — גיט זי אַ שטעל-פֿאַר אונזער שמערלען פֿאַר איהר בחור, „אַז דיזער מאַן איז זעהר אַ געלערנטער מאַן"...

און איהר בחור דערלאַנגט שמערלען אַ האַנד און צו איהר זאָגט ער אַזוי:

— יאָ, די לײַט אין די צימערלעך קענען גוט אין די ביבער... — און בשעת־מעשה קוקט ער אויף איהר מיט אַ ממזר׳יש אויג, און דאָס היטעלע, אַ ביסעל פערשפּיצט אָן אַ זײַט, זי אַנ־דערע רעדט: דער ערל ווייסט, וואָס ער דבר׳ט...

און זי זאָגט איהם צוריק מיט אַ שטיפעריש שמייכעלע.

— און דו וואָלסט דיך יאָ געוואונשען, אַזוי צו קענען אין די ביבער, ווי דיזער מאַן קען...

און ער ענטפערט איהר נאָך אַ מאָל:

— יאָ... די לײַט אין די צימערלעך קענען גוט, אין די ביבער... — און נאָך אַמאָל אַ וואונק־צו מיט אַנ׳אויג אַזוי, אַז אונזער שמערלען ווערט אוש פינסטער פאַר די אויגען. און ער זעהט אַז ער האָט שוין ניט מיט וועמען צו טענה׳ן... נאָר זיך אויסדרעהען אין גאַנצען, פּאַסט ניט, דאָס וואָלט הײַסען חײַזען אונצופרידענהײַט, און ער מוז זיצען און קוקען, ווי איהרע אויגען קוקען שטיפעריש אויף דעם בחור, און מיט אַ ממזר׳יש געלעכטערל פרעגט זי איהם:

— און דו וואָס קענסט?...

נאָר מײַן בחור שווײַגט, קוקענדיג אויף איהר מיט אַ פּײַערל אין אויג. און זי ווײַטער מיט דעם זעלבען פײַערל קוקט אויף זײַנע געזונדע לאַפּעס און שטאַרקע אָרעמס, און אַ פערשמייכעלטקײַט צוגיסט זיך איהר אין די ווינקלען ליפּען, שפּירענדיג מיט וואָס פאַר אַ כח ער וואָלט זי געקענט געבען אַ דריק־צו, צו זײַן האַרץ.

„און דו וואָס קענסט?..." — קלינגט עס אונזער שמערלען אין די אויערן. און וואָס אַמאָל ווערט מיט איהם ערגער, און ביסלעכווײַז, ביסלעכווײַז הייבט ער זיך שוין ווײַטער ניט אָן צו קענען קיין אָרט געפינען...

און ער האָט זיך מיישב געווען — און איבערגעקעהרט זיך מיט׳ן פּנים צום טישעל, צוריק אויפגעטישט אַ בוך, און דער בעל־הבית׳טעס טאָכטער מיט דעם בחור ווײַטער אָבגעלאָזט דאָס בעטעל אויף אַ האַלבע, און אַפשר אויף אַ גאַנצע נאַכט.

נאָר צו מאָרגענס אין דער פֿריה האָט שמעריל געשפּירט, אַז שוין, דאָ איז עס שוין איבער די גרעניצען...

— אַזאַ אונערהערטע אונמאָראַליטעט, בײַ יענעם אין שטוב, אויף יענעם'ס בעטעל אין נעגענוואַרט... אַך, אַך, אַך!..

און ער האָט זיך שוין אויף דער דריטער נאַכט ניט געקענט אײַנהאַלטען. ווען זיי האָבען זיך ווײַטער אַוועקגעזעצט אויף זײַן בעטעל — און ער איז אַוועק אין קיך אַרײַן: מילא, וואָס זאָל ער טון?...

דערווײַל איז נאָך די דינסט נישט געשלאָפֿען, זי האָט זיך נאָר־וואָס געהאַט געלעגט אין בעטעל אַרײַן נאָך דעם צורוימען די קיך מיט די שיסעל און טעלער. און אַזוי ווי אונזער שמעריל איז אַהין אַרײַן, דעם קאָפּ אַ ביסעל צורודערט און צוטראָגען איבער דער מעשה אין זײַן צימעריל, האָט די דינסט ניט געקאָנט פֿער־שטעהן, פֿון וואַנען דער גאַסט נעהמט זיך פּלוצלונג האַלבע נאַכט צו איהר אין קיך אַרײַן, אַ צוטראָגענער.

אָבער אונזער שמעריל מאַכט זיך גאָרנישט וויסען, נעהמט אַ בענקעל און זעצט זיך אַוועק נעבען איהר בעטעל, זי אויפֿקלע־רען מיט אַ פֿלאַם־פֿײַער, ווי ווײַט דאָס לעבען איז הײַנט פֿערזונ־קען און אַראָבגעפֿיהרט פֿון די רעלסען, און אַז אַזאַ מײַדעל, ווי זי, די דינסט, אַ שטײַגער, איז, טוען מיט איהר הײַנטיגע יונגע לײַט אַזוי: פֿריהער ווערט זי פֿערפֿיהרט, דערנאָך זינקט זי וואָס אַ מאָל טיעפֿער און טיעפֿער, דערנאָך קומט זי אָן אין די געמײַנע הײַזער און מוז האַנדלען מיט איהר גוף, און איהר לעבען ווערט צוטראָ־טען אויפֿ'ן טראָטואַר!... און איהר לעבען איז קיין גראָשען ניט ווערט, האָט ער צום סוף אַ פֿינקעל צוגעגעבען מיט די אייגען.

און ווי די מויד הערט דאָס, אַז זי מוז האַנדלען מיט איהר גוף, אַז זי מוז אַוועקגעהן אין די געמײַנע הײַזער, און אַז איהר לעבען מוז צוטראָטען ווערען אויפֿ'ן טראָטואַר — גיט זי אויף איהם אַ זעץ־אויס אַ פּאָר אויגען און, נאָך ניט פֿערשטעהענדיג קלאָר, וואָס ער וויל איהר דאָ טון, מאַכט זי אַ גוואַלד, אַז אין שטוב זענען אַלע פֿון די בעטען אַרויסגעפֿאַלען. און שמעריל, ווידער, זעהענדיג, ווי זי מאַכט אַ געשרײַ, שפּרינגט ער אויף און הויבט זיך אָן קאָנוואולסיוו צו האַפּען אָן איהר, זי אײַנצושטילען, נאָר איהר גוואַלד ווערט, אַ דאַנק דעם, נאָך גרעסער. די טיר פֿון שטוב טוט

זיך אַ פּראַל-אויף, עס פֿאַלט אַריין די בעל-הבית'טע, אַ נאַקעטע מיט בלישטשענדיגע אויגען און צושויבערטע האָהר אויפ'ן קאָפּ פֿאַר שרעק. נאָך איהר לויפֿט אַריין די טאָכטער מיט דעם בחור און אַלע בלייבען שטעהן פֿערגליווערטע, טרעפֿענדיג שמערלען מיט דער דיענסט.

— שמעריל, וואָס טוט זיך מיט אייך? — האָט מען איהם אָנגעכאַפּט. און די בעל-הבית'טע האָט ערשט אָנגעהויבען אויסצובייטלען:

— צו מיינע שונאים'ס קעפּ, צו מיינע שונאים'ס הענד און פֿיס!... האָט זי זיך אין גאַנצען געטרייסעלט, וואָס האָט איהר צו טון ביינאַכט ביי מיין דיענסט?...

— איך נישט, איך נישט!... שרייט שמעריל — אַז מיין בעטיל איז געוועזען פֿערנומען...

— קריכט מען דעריבער צו אַ דיענסט?! האָט די בעל-הבית'טע געגוואַלדעוועט.

— אַז אייער טאָכטער איז געלעגען אין מיין בעטעל — האָט שמעריל אַ ווייזגעטהון מיט דער האַנד — מיט אָט דעם בחור...

— שאַ... מיין טאָכטער?...

— מאַמעליו — גיט די טאָכטער זיך אַ חאַפּ ביי ביידע באַקען — מאַמעליו, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מענש..

— גאַנץ גלייך, גאַנץ גלייך... איך האָב אַ הנאה אויף אייך!... — האָט דער בחור געפֿינקעלט מיט די אויגען.

און שמעריל האָט זיך שוין אינגאַנצען געהאַט פֿער־אָרען...

צו מאָרגענס האָט מען שמערלען די זאַכען אַרויסגעשטעלט פֿון צימעריל, און גענומען דעם שליסעל צו זיך — און אונזער שמעריל האָט גענומען דאָס פּעקעל אונטער'ן אָרעם און איז אַוועק צוריק צו זיין חבר בערלען.

אַזוי האָט ער געהאַט אַ נייע דירה. און אַ גאַנצען וועג, געהענדיג צוריק אויף דער אַלטער דירה, האָט ער אַלץ געטראַכט וועגען דעם, וואָס פֿאַר אַ גרויסער אונטערשייד עס איז צווישען לעבען און לעבען... אָט, למשל, ער ווייסט, ווי לאַניש ס'איז דאָס, וואָס ער ווייסט... אָט, ווי למשל, ביי „דאָסטאָיעווסקען" בלאָנזשען אַרום טיפֿען און טוען דאָס, וואָס זיי ווילען נישט... און וואָס זיי ווילען טאָן — טוען זיי נישט... אָבער פֿינדעסטוועגען,

דאך ? .. נע-אוזשעלי ? ... — בלייבט ער שטעהן מיט א קלאץ קשיה אין מיטען דער גאס ... — און ער האט ביי זיך בעשלאסען, „אז דאס לעבען איז א גראבע האנד !" ...

אנ'אנדערש מאל האט ער עס גענליכען צו א „קולאק", צו א פויסט. נור אצינד איז איהם עפיס גראד איינגעפאלען — א גראבע האנד ...

נור סיי-ווי-סיי איז שוין אלץ איינס, ער איז אוועק צוריק אויף זיין אלטער דירה, און ארייננעכאפט זיך אויך שטילינקער-הייד, אהן רעש, אז די פיער ווענד זאלען נישט וויסען און בעריל אודאי נישט, אזוי ווי ער האט נישט געוואוסט, ווען ער איז ארויס.

נאר ערשט ביי נאכט, ווען די צוויי חברים זענען זיך צוריק נעזעסען ביי א גלעזעל טהע, ווי גאר אין די פריהערדיגע טעג. האט בעריל איבערגעפרעגט שמערלען, וואו ער איז געלאפען אהן זיין וויסען, און אנגערופען איהם שליטזול'ניק ...

נאר שמעריל האט זיך פערענטפערט :

— עס שאדט נישט. אמאל זיך איבערצולויפען אויך ... — האט ער ארויבלאזענדיג די אויגען געזאגט.

נאר אלע פארנאכט, ווען ער שטעהט פאר זיין פענסטער, קוקט אראב אויף דער גאס און זעהט דעם בחור פערביינעהן צו דער בעל-הבית'טעס טאכטער — קאן ער זיך עס גאר נישט שענקען, מיט וואס פאר א שעלמיש אויג דער בחור האט דעמאלט געקוקט אויף איהר און צוגעוואונקען :

— די לייט קענען נוט אין די ביכער ...

און אז ער דערמאנט זיך נאך, ווי שטיפעריש און מיט וואס פאר א ברענענדיגען לוסט אין די אויגען זי האט צוריק געקוקט אויפן בחור, און דערנאך, וואס פאר א סוף ער, שמעריל, האט געהאט פון דער דיענסט און פון דער בעל-הבית'טע — שטעלט זיך איהם א טרעהר אין אויג, און אבווישענדיג זי מיט דער האנד פון דער באק, קעהרט ער זיך צוריק אב פון פענסטער, פערגעהט זיך ביז געוויין, און אין הארצען צופט א מאדנע מין בענקעניש און א שטילע בעלייידיגונג.

— „די לייט קענען גוט אין די ביכער" ...

צווייטע אפטיילונג

דער בעל־תשובה.

(אַ מעשה)

אמאָל איז געווען אַ יוד—אַ געהער. איז ער געגאַנגען איבער די דערפער מיט'ן פעקעל סחורה אויף די פּלייצעס — נאָדלען, בענדלעך, קאָרעלען און נאָך אַנדערע קליינינקייטען און דערפון האָט ער זיך מפרנס געווען מיט זיין ווייב און קינד, קוים בדוחק,

און איינמאָל, ווינטער צייט. געהט דער יוד אין אַ לייכט חאַלאַטעל מיט אַ גאַרטעלע אַרומגעבונדען און מיט'ן פעקעל אויף די פּלייצעס. אונטערוועגנס מאַכט זיך אַ גרויסער שנעע מיט אַ ווינד גלייך אין פּנים אַריין, אַז ער קאָן קוים דעם אָטהעם חאַפּען. און מיעד איז ער אויך, קוים וואָס ער שלעפּט די פּיס פון שנעע אַרויס. דאַנקט ער גאָט, אַז ער קומט צו צו'ן אַ וועלדעל און נעמהט און זעצט זיך אַנידער אונטער אַ בוים אָברוהען. זיצט ער אַזוי אַביסעל פערשטעלט פאַר'ן ווינד, איז ער דאָך אָבער זעהר מיעד, פאַלען איהם די ברעמען צו, און ער דרימעלט איין, און פערגעסט, אַז עס איז אַ גרויסע סכּנה איינצושלאָפען אויפ'ן פראָסט, אַז מען קאָן חס ושלום, דערפרוירען ווערען. דרימעלט ער אַזוי איין מיט'ן פעקעל אויף די פּלייצעס, אָנגעשפּאַרט מיט'ן קאָפּ אַ

בוים, און האָט נאָך גוטע חלומות — עס דאַכט זיך איהם, אז ער האָט איין אוצר געפונען און צעהלט רענדלעך — און דערווייל פֿריהרט ער וואָס אמאל מעהר, און ער וואָלט בודאי אזוי גע־פֿרוירען געוואָרען צעהלענדיג די רענדלעך אין חלום און אוועק־געגאַנגען פֿון דער וועלט.

איז אָבער אין וואלד אריין אַנגעפֿאָהרען א גויה מיט א שליי־קעצעל איינגעהילט אין א „קוליעם" מיט א פעלץ, האָבען זיי דער־זעהן דעם יוד ליגען, האָבען זיי גרויס רחמנות געקראָגען און גענומען איהם ראַטעווען. האָבען זיי איהם אזוי לאנג געריבען מיט שנעע, ביז דער יוד האָט אנ' אנדערע מראה געקראָגען און האָט שטיל אָבגעזיפֿצט, האָבען זיי איהם געחאַפּט אויפ'ן שליטען און אויסגעדרעהט צוריק אהיים אין דאָרף אריין. מען האָט אריינ־געחאַפּט די קאַריטע, אָנגענאָסען מיט קאַלט וואַסער פֿון דעם ברונען און אויסגעטהון דעם יוד, ווי די מאַמע האָט איהם געהאַט אריינגעלעגט איהם אין די קאַריטע און גענומען איהם רייבען דאָס לייב מיט'ן קאַלטען וואַסער, ביז ער האָט זיך דערהיצט און רויט געוואָרען און ער האָט אָנגעהויבען ביסלעכווייז צו זיך קומען, העלפֿען זיי איהם ווייטער איין אין א פלאַכטע און לעגען איהם ארויף אויפ'ן פּיעקעליק, ער זאָל זיך איבערשלאָפֿען.

חאַפּט זיך דער יוד אויף צומאָרגענס בעגינען — דער טאָג האָט נאָר־וואָס אריינגעבלויט דורכ'ן קליינעם פֿענסטערעל, אויפ'ן בוידעם האָבען ערשט אָנגעהויבען די העהנער צו קרעהען — זעהט ער, אז ער ליעגט אויף א פֿרעמדען פּיעקעליק אין א שטאַרקער וואַרמקייט, ווערט ער נבהל ונשתומם; קוקט ער אראָב אין שטוב אריין, זעהט ער, אז אין ווינקעל העננט א הייליג בילד און א קנייטעל בלישצעט... ביי דער וואַנד שטעהט א „וועריקיל"[1] און דערינען שלאָפֿט א גויה מיט צולאָזטע האָר און מיט א צלמ'ל אויפ'ן האַלז. און פֿאַר'ן אויבען אויף א באַנק ליעגט א שייקעצל און שנאָרכט... ווייסט ער נישט וואָס דאָס בעדייט, טראַכט ער: א חלום. פֿערלאָזט ער זיך אויף גאָטס בעראָט און מאַכט צוריק די אויגען צו און שלאָפֿט ווייטער איין...

חאַפּט ער זיך נאָך אמאָל אויף, זעהט ע' הי: די גויה האָט

---

[1] בעט.

זיך שוין אויפגעהויבען, נעהמט אויף זיך דאס האלבע-קלייד [1]) און קומט צו צום פיעקעליק א קוק טהון, ווי ער ליעגט ... פערמאכט ער ווייטער די אויגען. ער איז נאך אלץ זיכער, אז דאס איז א חלום, און אז ער עפענט ווייטער די אויגען, זעהט ער ווי די גויה האט זיך אבגעוואשען און קניעט אין ווינקעל פאר'ן "בילד" און זאגט עפעס שטילערהייט מיט אויפגעהויבענע אויגען און צלמ'ט זיך ... רייבט ער זיך איבער די אויגען, דאכט זיך ער שלאפט נישט, וויל ער נאך ריהרען מיט איין אבר, דאס קאן ער נישט, אלע גלידער ברעכען איהם, נאר פערשטעהן פערשטעהט ער שוין, אז עס איז קיין חלום נישט, אז איהם האט זיך עפעס א סבה געטראפען און ליגט לא עליכם קראנק. נאר ער קאן זיך באין אופן נישט דערמאנען, וואו און ווען ער איז קראנק געווארען. און ווי ער קומט אהער; דערווייל איז די פויערטע אויפגעשטאנען פון קניען און דרעהט זיך אוים און אז זי זעהט, אז ער שלאפט נישט, שמייכעלט זי צו איהם לייטועליג צום פיעקעליק ארויף און זאגט איהם "דזיען דאברי". האט ער אלץ נאך מורא צו ענטפערן, טאמער איז ער חס ושלום ערגעץ פערפיהרט געווארען ... זעהט זי, אז ער שרעקט זיך, בערוהיגט זי איהם אויף איהר לשון. פערצעהלט זי איהם אלץ, וואס איז מיט איהם געשעהן און ווי ער קומט אהער. ווערט נעביך דעם יוד זעהר ביטער אופ'ן הארץ, זעהט זי דאס און פרעגט איהם וואס ער איז אזוי טרויעריג.

זאגט ער איהר: ווי זאל איך נישט זיין אזוי טרויעריג, אז איך בין ווייט פון דער היים און בין אזוי קראנק. טרייסט זי איהם און נעהמט און לעגט אן א פייער און קאכט איהם אב אין א געגלעזטען טאפ א ביסעל מילך און דערלאנגט אין א ריין גלאז, וויל ער נישט נעהמען, זאגט זי איהם, אז א קראנקער מוז טרינקען. האט ער געקלערט א מינוט און גענומען. און זי האט דערווייל אויפגעוועקט דאס שקעצל, ער זאל געהן די קוה אנטרינקען און זי האט זיך צוריק גענומען צום פייער, צוגעשטעלט צוויי גרויסע טעפ וואסער אויפצוקאכען, צו פערמישען קלייען פאר די קוה אונ חזירים. און דאס שקעצל איז שוין געשטאנען אין מיטען

[1]) ספאדניצע.

שטוב און האָט זיך אָנגעטהון און וואָס אַ מאָל אַרויפגעקוקט צום יוד און געשמייכעלט. האָט דער יוד פערשטאַנען, אַז דאָס טהוט איהם אַ הנאה, וואָס ער מיט דער מוטער האָבען איהם דערהאַלטען ביי'ן לעבען, האָבען זיך איהם געשטעלט טרעהרען אין די אויגען... דערנאָך איז נאָך אַמאָל די פויערטע צו איהם צוגעקומען און האָט איהם איבער געפרעגט, אויב איהם איז נישט צו היים צו ליגען אויפ'ן פיעקעליק און זי האָט איהם אַריינגעברענגט אַ בינדעל שטרוי און האָט איהם אויסגעבעט אַ געלעגער פאַר'ן אויבען. איז ער, דער יוד, אַזוי אָבגעלעגען אַ צייט, און זי האָט איהם בעדינט מיט גרויס געטריישאַפט און האָט איהם מאכיל ומשקה געווען פון אַלעם גוטען, וואָס אַ יוד מעג גאָר עסען און טרינקען אין אַ גוי'ש הויז.

און דערווייל האָבען אין דער היים דאָס ווייב און קינד איהם אויסגעקוקט, און אויפ'ן שטעדטעל האָט מען שוין געשמועסט, אַז ער איז אומגעקומען אין פרייען פעלד פון פראָסט אָדער פון הונגעריגע וועלף און דער שנעע האָט'ן פערשיט און זיין גוף אָדער חאָטש די ביינער וועלען ערשט געפונען ווערען פסח-צייט, ווען עס וועט צוגאַנגענווערען דער שנעע. און אַזוי איז געגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג און דער יוד איז שוין געזעסען געזונדערהייט אין דאָרף ביי דער גויה. ער האָט זיך שוין אַזוי צוגעוואוינט צו איהר און זי צו איהם, אַז ער האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבען צו פערגעסען אָן דער היים.

און איינמאָל ביינאַכט — דאָס פענסטערעל איז פערקראָכען מיט אַ ווייסען פראָסט און אין שטיבעל איז שטיל, דער יוד ליגט אַזוי פאַר'ן אויבען אויף זיין געלעגער און די פויערטע איז געזעסען אויף דער לאַנגער הילצערנער באַנק מיט אַ שפינדעל אין דער האַנד און געשפונען פלאַקס ביי'ן אַ שטיק קיהן, וואָס האָט געברענט אויפ'ן קוימען. גיט דער יוד אַ קוק אויפ'ן פענסטערעל, ווי דערפרוירען דאָס איז, געהט איהם אַ דורך אַ גרויל איבער'ן לייב און ער טראַכט מיט אַ ביטער הארץ: מי יודע, וואו ער וואָלט אַצונד שוין געלעגען אונטערן שנעע, ווען נישט זייער הילף!... פערגעהט איהם דאָס הארץ און טהוט אַ זיפץ. הערט דאָס די פויערטע, הויבט זי די אויגען אויף און זעהט, ווי זיין פנים איז אַזוי נשתּנה געוואָרען, קריגט זי אויף איהם גרויס רחמנות און

פרעגט איהם: — וואס איז דיר, ליעבער יוד, וואס דו זיפצט אזוי און דיין פנים איז אזוי פערענדערט געווארען!

ענטפערט ער איהר:

— וואס זאל איך נישט זיפצען, אז דאס לעבען מיינס איז פול מיט צרות.

הייבט זי איהם אן צו טרייסטען:

— זעה, ביסט נאך אזא יונגער מענש, צו וואס זאלסט דו דיר צולאזען אזוי פיעל זארגען! זאג מיר וואס דיר פעהלט, און מיט וואס איך וואלט דיר געקאנט העלפען?

— איך פערלאנג נישט פון דיר גארנישט און וואס די האסט געטהון פאר מיינעטוועגען ביז היינט וועל איך אויך נישט אימשטאנד זיין דיר אבצודינען.

— ניין, מיין ליעבער יוד, — ענטפערט זי איהם — איך האב נאך פאר דיינעטוועגען גארנישט געטהון, און זאויב דו לעבסט אזוי אין בחקות ביי דיר אין דער היים, בלייב ביי מיר, עס וועט דיר דא גארנישט פעהלען. איך האב א גאנצע ווירטשאפט, אפעלד, תבואה אין דער סטאדאלע און א גארטען מיט ביהנ־שטאקען און עטליכע שטיק בהמות — נאר א בעל־הבית פעהלט..· און אויב דו ווילסט, קאנסט דו ווערען דער גאנצער בעל־הבית און עס וועט דיר פון גארנישט פעהלען.

ווי דער יוד האט דאס דערהערט איז איהם דאס בלוט געקומען אין פנים אריין און ער האט די אויגען אראבגעלאזט און געשוויגען, און זי קוקט אויף איהם מיט א ליעבע ווארמקייט אין די אויגען ווי א שוועסטער אויף איהר איינציגען ברודער. און זי איז שטיל אויפגעשטאנען פון ארט און האט איהם אנגענומען ביי דער האנד און געקוקט איהם אין די אויגען אריין און געוואלט פרעגען, וואס ער שעהמט זיך, דערשפירט זי אבער ווי זיין האנד ציטערט אין איהרער, האט זי איהם צוריק אבגעלאזט, ווייל זי איז בטבע געווען א גוטע און האט איהם נישט געוואלט מצער זיין.

און זי האט פערלאשען דאס קיהנדעל אויפ'ן קוימען און געלעגט זיך שלאפען.

און דער יוד האט שוין א גאנצע נאכט נישט געקאנט קיין אויג צומאכען, און האט שטילערהייט אויפ'ן געלעגער גאט געבעטען, ער זאל איהם ביישטעהן אין נסיון... אז ער האט אבער

אַ קוק געטהון צו איהר בעט און געזעהען ווי זי שלאָפט, און דער רויטער בלישץ פון ברענענדיגען קנייטעל אונטערן בילד פאַלט אויף איהר געזיכט און אויף איהר אויפגעדעקטען אויבערשטען לייב, איז איהם דער יצר הרע מיט אַ מאָל בעפאַלען און האָט'ן גובר געווען: און צו מאָרגענס אין דער פריה, ווען זי איז נאָר אויפגעשטאַנען האָט זי שוין געוואוסט, אַז דער יוד בלייבט שוין ביי איהר און בעשטעהט אויף אַלעם... און פאַר פסח ווען דער גלח פאָהרט אַרום איבער די דערפער צו שוויענצען זייערע חלות איז דער יוד צוזאַמען מיט דער גויה מיטגעפאָהרען מיט'ן גלח אין אַ קלויסטער אַריין, האָט זיך גע'שמד'ט און חתונה געהאַט...

און יאָהרען זענען אַריבער און דער גע'שמדטער האָט שוין גאָר פערגעסען, אַז ער איז געווען אַ יוד. און איין מאָל איז גע־ווען אַ קוה פערבלאָנדזעט געוואָרען אין וואַלד, איז ער זי נעגאַנגען זוכען. געהט ער און געהט איבער'ן וואַלד, אָנגעטהון אין אַ סאַק־מאַן, מיט אַ היטעל פון פיער שפיצען, מיט אַ בייטש אין האַנד און פייפט זיך צו אַ גוי'ש לידעלע, און אַזוי איז ער פערקראָכען, וואָס אַמאָל טיעפער אין וואַלד אַריין צווישען געדיכטע ביימער און די קוה האָט ער אַלץ נישט געפונען. געהט ער אַלץ ווייטער און ווייטער, דערזעהט ער אַ פאַלע פון אַ קאַפאָטע קוקט אַרויס פון אונטער אַ קופע מאָך... טהוט ער אַ שאַר מיט'ן פוס. דערזעהט ער אַ מת מצוה, אַ נעהרגט'ן יוד, קריגט ער גרויס פחד, נעהמט ער און שאַרט איהם צוריק צו און געהט געשווינד אַוועק. אַזוי ווי ער איז אָבער אָבגעגאַנגען עטליכע טריט, דערהערט ער ווי דאָס מת רופט איהם נאָך: וואו לאָזט דו מיך איבער... ביסט דאָך פאָרט אַ יוד? מיינט ער, אַז עס דאַכט זיך איהם נאָר, לויפט ער ווייטער. יאָגט איהם אָבער דאָס קול נאָך און עס ווערט וואָס אַמאָל העכער און וויינענדיגער: לאָז מיך נישט איבער... מיין ווייב וועט בלייבען אַנ' עגונה... און אַמת מצוה בין איך. ווערט דער געשמד'טער דערציטערט, געהט ער צוריק און זעצט זיך היטען דעם מת, און זיצט איינער אַליין אין דעם טיעפען וואַלד און קוקט אויפ'ן מת פערצאָגט אין טרויעריגע געדאַנקען. צוגיעסט זיך איהם דאָס האַרץ און פאַר אימה און בענגשאַפט דערמאָנט ער זיך דעם נגון פון „שלש עשרה מדות" און זינגט מיט די ווערטער

פון „אדיר איום ונורא", ביז עס איז פארבייגעפאהרען דער מיידי-ניארזש*) פון דעם וואלד, ער האט א ברית געמאכט און געפיהרט צו זיך אהיים דעם שוחט פאר אמוהל, און זיי האבען דערהערט דאס טרויעריג קול זענען זיי צוגעקומען און דעריזעהען וואס דא טהוט זיך. ליגען זיי קודם ארויף דעם בר-מנן אויף דער פוהר, און דעם געשמד'טען האבען זיי שוין נישט דערקענט. פרעגען זיי איהם פון וואנען ער האט געוואוסט, אז מען טאר נישט אוועקגעהן פון א מת מצוה. האט ער נישט געענטפערט נאר אוועקגעדרעהט זיך מיט טרעהרען אין די אויגען. זענען די יודען צוריק געפאהרען אין שטאדט אריין מקבר צו זיין דעם מת, און דער געשמד'טער איז געגאנגען זיין וועגס אהיים, און אויפ'ן וועג האט ער זיך אראבגענומען דאס צלמ'ל פון האלז און האט עס אוועקגעווארפען צווישען קארן...

און פון דעמאלט אן איז איהם בעפאלען א גרויס בענגשאפט בפרט פרייטאג צו-נאכטס צו קבלת שבת..: ער געהט שוין נישט ווי אלע מאל צוזאמען מיט די שכורע פויערים אין קרעטשמע אריין, נאר זעצט זיך פאר דער טהיר און קוקט זיך אויפ'ן פעלד ארויס מיט שטילער בענקשאפט. און טייל-מאל פלעגט ער זיך ארויסגנב'נען פון דער היים, דאס ווייב זאל נישט וויסען, און לויפען צוויי ווארסט וועג צום מיידיניארזש אונטערן פענסטער און א ניעדערלעגען זיך אויפ'ן גראז און קוקען פון וויטען, שטיל און פערצאגט אין פענסטער אריין. וואו עס ברענען שבת-ליכט, און דער יוד מיט'ן ווייב און די קינדער זיצען אין די שבת'דיגע מלבושים און מיט לויטערע פנים'ער ארום ליכטיגען טיש... און פרעהען זיך און זינגען זמירות און לויבען גאט... און שבת פלעגט ער אבליגען א גאנצען טאג איינער אליין אין גארטען אונטער די ביהנשטאקען און האט זיך קיין ארט נישט געקאנט געפינען... און אז ער פליעגט פאהרען אין וואלד אריין נאך א פוהר האלץ, האפט'ן אמאל אן א הארץ-וועהטאג, ווארפט ער אוועק די האק און זעצט זיך אונטער א בוים און הייבט אן תהלים צו זאגען מיט א וויינענדיג קול, און זאגט אזוי ביז א שטיק אין דער נאכט אריין. ערשט ווען שטערען זענען שוין געשטאנען האט ער אויפגעלעגט א פוהר האלץ און א

*) סמאליארוש.

הײם געפֿאָהרען קײנער זאָל נישט װיסען.

און אײנמאָל, ער האָט שױן געהאָט אָראָבגענומען די תבואה פֿון פֿעלד און דאָס צװײטע מאָל הײ אָבגעשניטען. און די ביהנ-שטאָקען אונטערגענומען, האָט ער מיט נאָך אַ פּאָר גוים שכנים, אָנגעלאָדען זיך פֿוהרען הײ און געפֿיהרט אין שטאָדט אַרײן צו פֿערקױפֿען. װי זײ זענען אָנגעקומען אין מאַרק אַרײן, זעהט ער, אַז דער מאַרק און די גאַסען אַרום זענען לעדיג. מען זעהט נישט קײן לעבענדיגע בריה און די טהירען פֿון די הײזער און געװעלבער זענען פֿערהעמערט און די „בודקע" אין מיטען מאַרק און די טישלעך פֿון געבעקס און פֿון חזיר שטעהען פֿערװאָגעלט, און אַרום איז פּוסט, גלײך דאָס שטעדטעל איז אױסגעשטאָרבען. נאָר פֿון דער זײט װאו די שול איז הערט זיך אַ גרױס גע'בעש. לאָזט ער איבער די פֿוהרען און לױפֿט צו דער שול. דורך די אָפֿענע טהירען זעהט ער ליכט ברענען, און די יודען אין קיטלען און אין טליתים שאָק-לען זיך און בעטען צו גאָט, און אַ פּאָר װײבער װאָס האָבען זיך פֿערשפּעטיגט, בײ קראַנקע אָדער בײ זײגענדיגע קינדער, לױפֿען אין די זאָקען און אין די װײסע קלײדער און אײלען זיך צו דער װײבערשער שול מיט אַ שרעק און אימה. און עס דערהערט זיך פּלוצלונג פֿון דער שוהל נאָך אַ העכער גע'רעש פֿון טױזענדער, טױזענדער קולות אױף אײן מאָל, און דער געשמד'טער װערט דערציטערט װי אַ פֿײגעלע אין אַ שטורם-װינד. און די אימה פֿון יום כפור פֿאַלט אױף איהם און לױפֿט צוריק און װאַרפֿט זיך אַנידער אױף דער ערד אונטער דער פֿוהר הײ און ליעגט אַזױ, און עס װײנט אין איהם אַזױ יעמערליך, און זײן גאַנץ לײב ציטערט. פֿרעגען איהם די גוים, צי זאָל מען אױסדרעהען צוריק אַהײם, ענטפֿערט ער נישט, מײנען זײ, אַז ער איז משוגע געװאָרען און געהען אװעק צום גױשען בעקער און ער בלײבט אַלײן ליגען. און דאָס גערעש און געװײן פֿון דער שול שטאַרקט זיך און דאָס יע-מערליכקײט טראָגט זיך איבער'ן גאַנצען מאַרק, און װי עס קומט צו „ונתנה תוקף", הײבט עס איהם אָן צו װאַרפֿען, און אַ קװאַל טרערען האָט זיך איהם אַ גאָס געטהון פֿון די אױגען, און ער האָט אָנגעהױבען יעמערליך צו װײנען אונ האַרציג צוצוזינגען מיט'ן נגון פֿון „ונתנה תוקף"... און אַזױ איז ער אָבגעלעגען אַ גאַנצען טאָג אײנער אַלײן אונטער דער פֿוהר הײ מיט'ן פּנים אַראָב, אין סאַקמאַן

מיט דער „קוטשמע״ אויפ׳ן קאָפּ און מיט פֿערשטויבטע שטיוועל און קלאָגט, אַז די שטיינער צוגעהען פֿון געוויין. און פֿאַרנאַכט צו, די זון האָט זיך אָנגעהויבען אַראָבצולאָזען נידעריגער און דער טאָג הייבט אָן צו פֿערגעהן און אין שול האָט מען זיך שוין גע־שטעלט דאַוונען נעילה, האָט ער זיך נאָך הייסער צעוויינט — און פּלוצלונג טהוט ער אַ האַרציג געשריי און אַ שפּרונג־אויף און לויפֿט אַריין אין שול אין טהוט זיך אַ וואַרף־אַנידער אויף דער שוועל: יודען בני רחמנים, איך וויל תשובה טהון! — האָט ער אויסגעשריען, און איידער דער עולם איז צו איהם צו געלאָפֿען איז איהם די נשמה אויסגעגאַנגען...



דור הולך ודור בא.

(ערצעהלונג).

איין אויסגעשטערנטע נאכט. א הייליגע, פארבטיגע סליחות־נאכט. שטילע, פונקעלדיגע שטערנדליך קוקען אראב פון הויכע בלאהען הימעל אויפ'ן האלב איינגעשלאפענעם שטעדטיל. און האלב איינגעשלאפענעם, וויל אין מאנכע הייזער איז מען נאך וואך. ביי ועליג שוסטער איז נאך אפען טהיר און טהויער, און זיינע געזע־לען זענען אזוי פערזיפט אין דער ארבייט. אז זיי בעמערקען נישט די ליבטינע אייגעליך פון הימעל, וואס האבען געוואונקען צו זיי דורך די אפענע פענסטער. די בליץ־לאמפען אין שטוב בלענדען זיי די מידע אויגען, און זיי לאזען זיי געדנווילינג אראב צו דער ארבייט:

פערנומענער פאר אלע איז דער לאנגער נאטע. ער וויל זיך פערשלאגען מיט'ן האמער די געדאנקען; זיי לאזען זיך אבער נישט.

„עס געהען אזעלכע הייליגע טעג. אנ'אוצר געלד דארף מען... און פון וואנען? איבערן זומער האט ער נישט פעראיבע־ריגט קיין רובעל... פאר זיך עפיס צו קויפען אויף יום־טוב, איז קיין רעדע נישט, זאל נור אין שטוב זיין צו לייטען גלייך".

„א מאסע הוצאות: אויף ראש־השנה — ברוינע פייגעל... אויף יום־כפור — עופות; חאטש, צו איינציגע כפרה'לעך פאר יעדען קינד. דערנאך געהט ערשט סוכות. מען זיצט מיט מענשען

אין איינעם אין סוכה, דארף מען האבען א לעשציקיל, צוקער־באכים גרויסע, — נישט פערשעמט צו ווערען פאר לייט. און ער טרייבט זיך צו; בעסער ארבייטען אין דער נאכט אריין, אבי צו זיין א מענש צווישען מענשען".

און ער הייבט אן לאזט אראב אלם האסטיגער און האסטיגער דען האמער אויף דער הארטע פאדעשווע, ארומפאהרענדיג מיט איהר איבער'ן שטיין, וואס איז געלעגען אויף זיין אויסגע־דארטע דינע קניע. חיים'ל, זיין אכטצעהן יעהריג יונגעל, וואס העלפט איהם אונטער און גרייט איהם צו ארבייט, זיצט אן דער זייט, כמעט הינטער דעם פאטערס אקסעל, און קאוועט א שטי־וועל, קלאפענדיג שוואך און לאנגזאם מיט'ן העמערל. די פלעק־לעך 1) האבען זיך דאס מאל נישט גלאטיג געגליטשט אין דער געלעכערטער זויל אריין. טהייל צערברעכען זיך, טהייל שפרינגען אין גאנצען אוועק, גלייך זיי וואלטען גענארט זייער יונגען מייס־טער, שפילענדיג מיט איהם אין בעהעלטעניש. קוים מאכט ער צו איין אויג פאר מידקייט. און די מידקייט בעפאלט'ן פון צייט צו צייט. דעמאלט טהוט ער זיך א וויעג, לאזט אראב דעם קאפ צו דער שוים; נור, דערשפירענדיג דאס קאלטע אייזערנע העמערל ביים שטער'ן, חאפט ער זיך אויף און קוקט זיך אום מיט צוויי אפענע, דערשראקענע אויגען, צי לאכען נישט פון איהם די געזעלען. מען האט עס גראד נישט בעמערקט, נור ער בייזערט זיך אויף זיך אליין: „עס איז קיין תכלית נישט צו שלאפען". ער ווייסט, אז דער פאטער וועטווארטען אויפ'ן שטיוועל. „פע, א מאוסע זאך דער שלאף!"

אום מעהר נישט איינצושלאפען, לעגט ער אוועק דען שטי־וועל, און געהט צו צום קובעל וואסער, דערפרישט זיך מיט'ן קאל־טען וואסער דאס פנים מיט די אויגען, און געהט שטאלץ צוריק צו דער ארבייט. אויפ'ן וועג ווארפט ער א דרייסטען בליק צום וואנד־זייגער. „א, ווא, האלב צוועלף! מען דארף זיך צו רידהרען". ער איילט זיך צו זיין ארט, און פון אונטערן העמערל שיטען זיך לעבענדיגע קלעפ איבער די קעפליך פון די אונרוהיגע שטיפטען. ווי א האגיל שיטען זיי זיך, די קלעפ, און קלינגען אב פון די

---

1) שטיפטען.

לעערע גרויסע פעסער, וואס שטעהען אין דרויסען ביים אפענעם פענסטער, אבווארטענדיג, מען זאל זיי אנפאקען מיט שוך-ווארג און וועק-שיקען אין די רוסישע גובערניעס.

עלקע, א דיקליך ווייבעל, ווי עס פאסט פאר א בעל-הבית'טע, איז געשטאנען ביים קוימען און געפרעגעלט פעטס אויף א פאטעלניע. דערביי האט זי פון די וויטשערע אויך נישט ארא-געלאזט קיין אויג. זעליג, דער מאן, דארף באלד צוריק-קומען פון גאס, און זי ריהרט זיך צו, ער זאל טרעפען דאס עסען פארטיג. געשיקט, טהוט זי פלוצלונג א גאס נאך עטליכע לעפעל פעטס אויף דער פאטעלניע, דער זאד פון צאפעלדיגען פעטס אויף דער קאכענדיגער פאטעלניע, וועקט דען לאנגען נטע פון זיינע יום-טוב'דיגע דאגות.

— אט אזוי איז א תענוג! — טראכט ער, אנ' אויג ווארפענדיג צום קוימען — גרויסע באבים מיט ברייטע קלארע פער-פעל, מיט א יויך בעגאסען, דערנאך מיט פעטס... א מאכל! דאס מאג שוין ראטשילד עסען! דאס וואסער קומט איהם אין מויל ארין... דערביי דערפיהלט ער אבער, אז דאס הארץ ווערט איהם אויך וואסעריג, אז דער געשמאק פון „ראטשילד סמאכל" וואס צו-געהט זיך אין שטוב, שוואכט'ן וואס א מאל מעהר אב.

ער קען לענגער שוין נישט זיצען און ער דרעהט זיך איבער צו חיים'לען און זאגט איהם:

— ווי האלטט דו מיט דער ארבייט? שוין צייט צו געהן אהיים.

— באלד, טאטע — ענטפערט חיים'ל דערפרייט. און אין א ווייל ארום האבען זיי ביידע אוועקגעלעגט די ארבייט, אנגעטהון די חאלאטליך און געווינשען א גוטע נאכט דער בעל-הבית'טע. דערביי האט נטע א פרעג געטהון, וואו ער, איהר מאן, קאן זיך אצינד געפינען. זי פרעגט: צו וואס? און ער ענטפערט, אז ער דארף אביסיל געלד. עלקע גיט א ציה מיט די אקסעל, אז זי ווייסט נישט, און נטע מיט'ן יונגעל האבען זיך א לאז געטהון צו דער טהיר, זאגענדיג נאך אמאל „א גוטע נאכט" צו דער בעל-הבית'טע מיט די איבערגעלאזטע געזעלען.

אויף יענער זייט שוועל האט נטע דערזעהען פאר זיך דען שענען לויטערן הימעל מיט די פינקעלדיגע שטערן, און האט דערפיהלט, אז זיין הארץ ווערט פול מיט שטילער פרייד; דען הונגער האט ער פערגעסען.

— גאט האט בעשאפען אזא שענע וועלט! — זאגט ער צו חיים'לען, און טראכט באלד, אז דאס אלין איז נישט פאר די, וואס מוזען זיצען און ארבייטען אין שטוב! דאס זאגט ער שוין חיים'לען נישט.

— פרנסה! — טראכט ער וויטער — מען מוז אהיים־ברענגען האטש א קערביל...

נישט ווילענדיג טהוט ער זיך א טאפ אין קעשענע און רונצעלט איין דען שטערן. „וואס זי וועט זאגען, וועט זי נערעכט זיין" — טראכט ער — „זונטאג געגעבען איהר א רובעל נו, איז שוין, געלויבט איז גאט, דינסטאג ביי־נאכט. איהר שווער ביטער הארץ וועט זי, דאכט זיך, צו מיר אויסגיעסען".

ער וויל זיך קלאר מאכען, צי וועט עס נאך קאנען אויסהאלטען, דאס מאל אהיים־צו־קומען אהן געלד. ער פרובט זיך טרייסטען: עס איז שוין שפעט, ציינד דארף זי דאך קיין געלד נישט! דען טאג האט זי שוין איבער־געקומען. אלא, מארגען?! וועט ער באלד אין דער פריה האפען צוויי־דריי רובעל און אהיים־טראגען. אבער נאכ'ען גאנצען ישוב־הדעת, איז איהם דאך שווער אהיים־צו־געהן מיט די לעדיגע הענד, „זי וויסט נאר נישט, ווי שווער עס קומט אן דאס קערביל ארויס־צו־קריגען!" — פערענטפערט ער זיך פאר זיך אליין, „זי מיינט, איך רעד נישט, מאן נישט! רעד, אז ווען מען דארף א רובעל, ווערט ער נעלם!" „קום טאטע!" וועקט איהן חיים'ל, אנריהרענדיג איהן ביים ארבעל. נטע בעמערקט עס נישט און שפרייזט נאך שטילער. ער דערמאנט זיך, אז נאך ביים אנבייסען, האט זי איהם דערמאנט, און ער האט איהר צו־געזאגט, אז ער וועט איהר שפעטער שיקען. האט זי, נעביך, געמוזט שווארצען זיך דאס פנים און געהן בארגען אויף וועטשערע אין קלייטעל. און אפשר האט זי גאר נישט בעקומען! דאס וואלט שוין גאר שרעקליך געווען. ניין — בעפעסטיגט ער זיך אין דער דעה — אזוי געהט מען נישט אהיים!

חיים'ל ציהט איהן ביים ארבעל און ער טראכט: ווען האטש

אַ צוויי זילבערנע רובעל. געה איך אויף אַנ׳ אײַזערנע בריק... איך קום אהיים מיט אַ טליץ-יושר... וואָס געווען איז געווען, נור געוואוסט וואָלט זי, אַז מאָרגען האָט זי מיט וואָס אַרוים-צו-געהן אין גאַס אַרײַן... עס וואָלט געווען ווי בײַ לײַטען... ווי אַמאָל... זי וואָלט איהן גאַר אַנדערש מקבל-פנים געווען... זי וואָלט געווען אַזוי ליעב... דאָס טעלעריל פון הימעל וואָלט זי איהם צו-געבויגען.

— הער, חיים'ל! — ווענדט ער זיך צום זוהן. דו געה אהיים, און איך וועל אָבזוכען זעלינגען. און חאַפּען בײַ'ן איהם אַביסעל געלד.

— וועסט'ן דען געפינען אַ צינד?

— אפשר. ר'איז אַוודאי אין שענק.

חיים'ל לאָזט זיך עס צוויי מאָל ניט זאָגען, נעמט זיך אַראָב אין אַ זײַטען-גאַס און זײַנע יונגע פלינקע טריט הערען זיך וואָס אַמאָל ווײַטער און ווײַטער און ווערען באַלד פערהילעכט.

די געסלעך זענען שוין שטיל און לעער. די קלײַנע נידריגע הײַזלעך שלאָפען שוין לאַנג מיט פערמאַכטע לאָדען. ווי אַראָב-געלאָזטע ברעמען אויף פערשמאַכטע אויגען. זעלטען, דורך אַ שפּאַלט פון אַנ' אײַנגעטרוקענטען לאָדען, ציטערט אַרויס אַ רויט-ליכע שײַן און לעגט זיך איבער די-ברײַט פון געסעל ווי אַ העל פּאַסיקיל. ס'מערסט שלאָפט מען שוין, און נאָטעס מידע אויגען און מידע פיס האָבען זיך אויך געבעטען רוה. נאָר ער האָט גע-מוזט שפּאַנען איבער די שטילע געסלעך. די ברעמען זענען איהם שווער געוואָרען ווי בלײַ: די פיס הײַבען זיך קוים, און גאַנצען פיהלט ער זיך, ווי נאָך אַ לאַנגען שווערען תענית. אַזוי דערגרײַכט ער די שוהל-גאַס. אויף די טרעפּליך פון דער ווײַבערשער שוהל, האָט ער דערזעהן אַ זיצענדיגע געשטאַלט. ער איז צו געגאַנגען, ביסעל נעהענטער און האָט זיך אָבגעשטעלט פערציטערט. ער האָט דערקענט די „משוגענע חיה'קע". „וואָס פון אַ מענש קען ווערען" — שוידערט איהם דורך די בײַנער. „געהאַט דרײַ אײגענע געוועלבער, אַנ' אײגען הויז, קומט גאָטס שטראָף, — שלאָפט זי אײַנגעהויקערט אויף די טרעפּלעך אין אַ שטיקעל צעריסענער פאַ-טשײַלע. וואָס וואָלט עס בעריהרט ר׳ דן דעם וואָכערער, ווען ער

לאָזט זי איבערנעכטיגען ביי זיך ? חאָטש אונטער דער טהיר ! ער דערפיהלט, ווי אַ בּיטערקייט קומט איהם פון הארץ צו צום מויל. ר' דן, ווייסט ער, איז אַ פרומער יוד, „מיר אזא מזל”, טראַכט ער, „יום־כפור דאווינט ער נעילה פאר'ן עמוד אין שוהל, און אַזוי יעמערליך, מיט אזא מתיקות!” „ער מוז דערפון נישט וויסען... און קיינער זאָגט איהם נישט... ער האָט איהר דאָך אלץ צוגענומען”... „מאַ, — טרייסט ער זיך — עס פעהלט נישט קיין אונגליק אויף דער וועלט. און אפשר — טראַכט ער איבער — איז איהר גאָר בעסער פאר אלע... זי ווייסט נישט ! אנדערע אלמנות איז ערגער”... און ער דערשרעקט זיך פאר'ן געדאַנק וועגען אַנדערע אלמנות... עס איז טאַקי אלץ ביי זיין ליעבען נאָמען אין דער האַנד, נור פון אַ קורצער צייט ווערט דאָס שפּאַרעניש ביים הארץ אלץ ענ־טער און ענגער... וואָס אמאָל פאלט ער אַ וועק, און יעדעס מאָל, ווען ער פאלט אַ וועק, מיינט מען, אַז ער איז פערביי ! מעהר אויף יענער, ווי אויף דער וועלט.

און ער שפּרייזט ווייטער און איז פון דער שוהל־גאַס אַריין אין מאַרק, וואו ער האָט פון ווייטענס דערזעהן די שענק, צו וועל־כער ער איז נעגאַנגען. די טהיר פון שענק איז שוין צוגעמאַכט. עס איז אָבער נישט מעגליך! ער גלייבט זיינע אויגען נישט און נעהט צו פּריוען די טהיר. און ער האָט זיך דערפרייט, אַז זי איז נישט מעהר, ווי צו געלעהנט פאר יוצא זיין, ער האָט דאָך נישט געוואוסט, ווי צו חאַפּען וואָג: „אריין געהן, צו נישט אריין געהן ?” ער קלערט, אַז גלאַט אַריינקומען, עמיצען זוכען, און גאָר נישט געבען צו לייזען, האָט גאָר קיין פּנים נישט. און צוריק געהן מיט וואָס ער איז געקומען, ווילט זיך איהם אוודאי נישט. וואָס טוהט מען ?... וואָלט ער געהאַט חאָטש אַ פינף קאָפּעקים טראַכט ער, אומזוסט זוכענדיג אין ביידע וועסטעל־קעשינעס. ווען ער האָט 5 קאָפּ' וואָלט ער אַריינגעקומען טרונקען אַ גלעזיל ביער. און וואָלט אגב געוואָרפען אַ בליק אין איין שטוב, און דער צווייטער, ביז ער וואָלט'ן דערטאַפּט. נור „מהו עפּיס אָהן אַ גראָשען ביי דער נשמה. אַזוי פּאַסט נישט... ער וועט זיך אומזיסט נאָך איינ־ריסען דאָס פּנים... איז ער אפילו דאָ, זיצט ער נישט אליין, זיצט ער מיט אַ גאַרבער, און שמיעסט וועגען יובטען, צי מיט אַ סוחר, און רעדט וועגען עקספּעדיציע. „נו, — טראַכט ער טרויריג —

וועל איך... נאָטע... צו געהן גלאַט פֿון דער העלער הויט: זעליג, איך דאַרף געלד.. ניין! עס פּאַסט נישט". און נאָך אַ לאַנגען ישוב ביי דער טהיר פֿון שענק. האָט ער זיך איבערגעדרעהט און צוריק אַהיים געגאַנגען.

מרים איז נאָך נישט געשלאָפֿען, אַבוואָהל זי איז שוין געלעגען אין בעט. חיים'ל האָט איהר איבערגעגעבען, אַז דער טאַטע איז געגאַנגען אויפֿזוכען זעליגען, און זי האָט וואַכענדיג געוואַרט אויפֿ'ן מאַן מיט'ן געלד. אין קליינעם נידריגען שטיבעל האָבען געשטעמט אַכט נפֿשות, מרים מיט צוויי קינדער זענען געלעגען אין איין בעט, חיים'ל אין דער העלפֿט פֿון צווייטען; די צווייטע האָט ער איבערגעלאָזט פֿאַר'ן פֿאָטער. צופֿוסענס דעם מעני׳שען בעט אויף אַ שלאָף־באַנק שלאָפֿען צוויי קינדער. איבערגעדעקט מיט'ן פֿאָטער'ס אַן אַלטע קאַפּאָטע, נאָך איינס ליגט קעגען איבער דער שלאָף־באַנק, אויף איין אַלט־מאָדישען, פֿלאַכען קאַסטען, צוגעדעקט מיט דער מוטער'ס פּאַטשיילע, נישט ווייט פֿון איהר בעט. דאָס בלאַסע פּנים'ל אויפֿ'ן טונקעל קליינעם קישאַלע, וואָס איז אָנגעשפּאַרט אָן קויטען, שימערט פֿאַר בלאַסקייט, איבער'ן קויטען שיינט אַ קליין לעמפּיל און וואַרפֿט זיינע דינע טרויריגע שטראַהלען צום שכן, — דעם מעשענעם, פֿון פֿליגען־געשפּרענקעלטען, הענגעל־לייכטער. דאָס אָרימע פּייערעל האָט אויך אַזוי טרויעריג געקוקט אויפֿ'ן גאַנצען „כלי בית"; דער עיקר — אויפֿ'ן קליינעם, רויט געפֿאַרבטען טישעל מיט'ן ווייס־האָלצערנעם שטוהל, מיט דער צופֿלאַצטער דעק, וואָס פֿלעגט זיך אָפֿט עפֿענען, ווי פֿליגעל פֿון אַ סובה, עס הערען זיך טריט אונטער'ן פֿענסטער, מרים דערקענט דען גאַנג. און שטעלט אָן די טאַטע אויגען צו דער טהיר, אין וועלכער דער „לאַנגער נאָטע" האָט זיך באַלד בעוויזען. שטיל ווי אַ גנב איז ער אריינגעקומען, און געהיט זיך, די טהיר זאָל, ביים עפֿענען און פֿערמאַכען, קיין סקריפּ נישט טהון. אויף די שפּיץ־נאָגיל איז ער צו געגאַנגען צום טישעל, אויסמיידענדיג דען הענגעל־לייכטער. פֿון וועלכען ער האָט שוין נישט איינמאָל געחאַפּט אַ פּסק פֿאַר קריכען איהם אין וועג אַריין. ער וואַרפֿט אַ פֿריפֿענדיגען בליק איבער מרים'ס בעט,

ציִ זיִ שלאָפט ניִשט, און דערזעהט איִהרע אָפענע אויגען. א
קוקט אויף איִהם, בעטראַכט זײַן אויסגעדאַרטע פיִגור, זײַן בלאַס
געזיִכט, און פּלוצלונג דערפיִהלט זיִ צו איִהם אזא האַרציִג מיִטלייד,
אַז זיִ וואָלט איִהם דיִ נשמה אװעקגעגעבען, אַביִ ער זאָל בעהאַ־
וען א פרײַערן מוטה. זיִ ווײסט, אַז נור צו ליִעב איִהר און דיִ
קיִנדער, ווערט ער אַזוי פערשוואַרצט און געפּײַניִגט. זיִ שטאַרקט
זיִך און פרעגט שטיִל ווי א שטיִלע טויב: „נטע, האָסט'ן געפונען?"
ער שאָקעלט מיִט'ן קאָפּ: „ניין"! זיִ פערשטיִקט א זיִפץ און זאָגט
איִהם: „נעם דיִר דאָרט דיִ וויעטשערע פון אויפ'ן קוימען". און ניִט
צו מיִט א שויערען אָטהעם: „נאָר וואָס פאַר א טעם וועסט דו
שוין פיִהלען... באָבעלעך מיִט פאַרפעל, אַז עס שטעהט לאַנג"...
און ער טראַכט: „באָבעלעך מיִט פאַרפעל... טאַקע א שאָד, פריִ־
שערהייט שמעקט עס גאָר א מאכל"... ער ווענדט זיִך צום קוימען,
ניִמט אַרויס א טעפּעל פון קאַלטען אַש, און, צוריִקגעהענדיִג
צום טיִש, נעמט ער מיִט דאָס לעמפּיִל מיִט דער צווייטער האַנד.
„געוואָרען א פּאַפּ דערפון. א פּאַפּ צום וואַרשטאַט", זאָגט ער,
נאָכמעהנדיִג דען לעפעל צום מויל. ער דערמאַנט זיִך אָן זעליִגס
וויִכטשערע, „א שענער חלוק" טראַכט ער, און בײַזערט זיִך באַלד
אויף זיִך אַליין. ווי עס פעלט איִהם נאָר איין צו פערגלײַכען זיִך
מיִט זעליִגען. „קבצן־איינער! — טראַכט ער — אויך מיִר א
מענש!... פיִעל עסען קען ער דאָך ניִשט: „פּאָרט א פּאַפּ", און
מעהר נאָך — פאַר מיִעדקייט. ער האָט אוועקגעשטעלט דאָס
טעפּעל, און הייבט אָן אויפ'ן בעט זיִצענדיִג, צו לייענען „קריִאת
שמע". נור ער ענדיִגט זיִ אויך ניִשט און ווערט איינגעשלאָפען
איִן דיִ קליידער.

עס איִז נאָך א פּאָר שעה צו טאָג און דאָס שטעטיִל וואַכט
שוין. אפשר שלאָפען נאָך עטליִכע נגיִדיִם. דיִ שוהל־גאַס רודערט
שוין. דיִ בית המדרש־פענסטער גלאַנצען, פון אַלע עקען פון
שטעדטיִל אײַלט זיִך דער עולם מיִט סליִחות איִן האַנד. דורך דיִ
ציִטערדיִגע, האַלב אויסגעבראָכענע שויבען פון בית־המדרש רײַסט
זיִך דעם בעל תפלה'ס קול אויף דער גאַס אַרויס, און איִן דער
פאַרטאָגעדיִגער קיִהלער לופט וויִעגט זיִך שוין דער טרויעריִג־
יעמעריִכער נגון פון „יתגדל". פון דער פיִנסטער איִן עק גאַס

שווימט ארוים דער לאַנגער נאָטע, ער געהט האַסטיג... זײַן שוועדער אָטהעם הערט זיך פון ווײַטענס, ער אײַלט צום בית המדרש, צום קוואַלן פון געשרײַ. וואָס האָט זיך פלוצלונג אויסגעבראָכען פון הונדערטער מײַלער. דער יאָמער איז איהם דורך די בײַנער געגאַנגען, ער איז פערציטערט געוואָרען און האָט זיך א שאָקעל געטהון, ער האָט זיך דערפיהלט, ווי אַנ' ערענד שוואַך פײַגעלע אין א שטורם־ווינד: „אזעלכע הײליגע טעג, פאָרכטיגע נעכט" און ער האָט פערשלאָפען, און „גיב נאָך דעם זינדיגען גוף!" ער איז אַרײַן אין בית המדרש, געבליבען שטעהן בײַ דער טהיר, און האָט אָנגעהויבען בלעטערן די סליחה ווי א צוטומעלטער. ענדליך האָט ער געפונען דעם „יום רביעי" און ער איז ביסליכווײַם צו זיך געקומען, און אָנגעהויבען מיט עולם; „לך ה' הצדקה". וועט ער זאָגען שפּעטער. נאָך גוט, וואָס ער האָט דען „פזמון" ניט פערזאַמט. „הוקר הכל ומוקר"... הײבט אָן דער בעל־תפלה, און נטע זאָגט נאָך פסוק בײַ פסוק, ערנסט נאָר קאַלט ווי אײַז, אָהן מתיקות, אָהן טרעהרען. „שמע קולנו"... הערט ער נאָך זײַן אײגען מויל זאָגען, די ווײַטערע ווערטער ווערען דערטרונקען אינ'ם ים פון קולות. ער וויל אַרײַנשרײַען, זאָל זיך זײַן קול אויך הערען ער קען אָבער קײן העכערע טענער נישט אַרויסברענגען; ער קען אפילו נישט ווײַנען. דאָס הארץ איז איהם ווי פערגליווערט אויף קאַלט, און די אויגען זענען טרוקען און ברענענדיג. „אל תשליכנו לעת זקנה, ככלות"... און שטיל בעט ער זיך מיט פערטריקענטע ליפּען און קנײַצט זיך מיט אלע כחות אויס א רחמנות פנים, פערשטעהענדיג, די טײַטש פון די ווערטער, דער „פזמון" האָט זיך געענדיגט, און ער שטעהט נאָך א ווײַלע איבער דער אָפענער סליחה. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט צו קײנעם, און קײנער נישט צו איהם, אפילו דער „שמש" מיט דער קלינגענדיגער פושקע האָט איהם פערבײַגעלאָזט...

ביסלעכווײַז האָט דער הימעל אָנגעהויבען העלער ווערען אין מזרח זײַט. אַרבײַט־מענשען האָבען מיט געהאַט טלית און תפילין, און שטעלען זיך דאַווענען; לעדיג־געהער האָבען נאָך גע־האַט צײַט.. מען האָט געראַיכערט, געגעניצט, געשמועסט מכח א הײסער מקוה, וואָס מען וועט האָבען איבער אַלע סליחות טעג, און א קלער געטהון, צי „יענע" מעגען שוין דאַווענען שחרית, צי

מען דערקענט שוין דעם הלוק פֿון אַ הונד ביז אַ וואָלף... ענדליך איז טאָג געוואָרען, און דער גאַנצער עולם האָט זיך גענומען צום דאַווענען. נטע האָט געדאַווינט מיט'ן עולם, נור עפּעס אָהן „לעבען“ אָהן כח. ערשט דאָס שופֿר־בלאָזען האָט איהם דערמאַנט, וואו ער איז אין דער וועלט... ער האָט אַ קוש געטאָהן די מזוזה און איז אַוועק אַהיים.

אַז ער איז אַריין צו זיך אין שטוב, איז שוין מרים געווען האַלב אָנגעטהון. ער האָט געזאָגט „גוט מאָרגען“. און זי האָט איהם שטיל און ברוגז, ווי איהם האָט זיך געדאַכט, געענטפֿערט „גוט יאָהר“. חיים'ל איז געשטאַנען אָנגעטהון, און האָט גענומען ביים פֿאָטער די תּפֿילין, און איז אַוועק אין בית המדרש.

מרים האָט אַראָבגענומען פֿון קאַסטען דאָס פֿערשלאָפֿענע קינד און איבערגעטראָגען עס צו זיך אין בעט אַריין. נאָכהער האָט זי גענומען די פֿאַטשיילע איבער'ן קאָפּ, און איבערלאָזענדיג דעם מאַן אין שטוב, איז זי אַוועק אין מאַרק אַריין. דאָרט האָט זי זיך אָבגעשטעלט נישט ווייט פֿון די טישלעך מיט געבעקץ. „נור באָרגען און באָרגען — טראַכט זי — פֿון אויפֿשטעהען ביז'ן שלאָפֿען“ עס איז איהר שווער אַזוי בעגינען צו נעמען אויף באָרג. „זי געטרויעט מיר אפֿילו, אָבער אַזוי פֿריה! זי האָט נאָך אפֿשר קיין „פֿאַטשאָנטעק“ נישט געהאַט... און עס קומט איהר שוין אַזוי אויך צוויי גולדען מיט צוועלעף גראָשען“. זי שטעלט זיך אָב נישט ווייט פֿון טישעל, און קלערט: זאָל זי צוגעהן, פֿיהלט זי, אַז דאָס בלוט פֿאַלט איהר צו די פֿיס פֿאַר שרעק. טאָמיר זאָגט מען איהר אָב. און צוריק אַהיים געהן מיט ליידיגע הענד איז איהר אַ וועהטאָג... זיי (חיים'ל און דער מאַן) וועלען דאָך אַוועקגעהען צו דער אַרבייט אום איבערגעביסען. איידער זי האָט דען ישוב, האָט זיך די בעקערין גראַד אומגעקוקט, און האָט זי דערזעהן — „וואָס שטעהסט דו דאָרט מרים? קום אַ העהר!“ האָט זי גערופֿען. מרים איז צוגעגאַנגען, שפּירענדיג, אַז איהרע אויגען ציהען זיך צו דער ערד. נאָר זי האָט זיך געשטאַרקט אַנצוקוקען די בעקערין אין פּנים אַריין. „גוט מאָרגען!“ „גוט מאָרגען, גוט יאָהר!“ „איך האָב קיין האַרץ נעהאַט צו זאָגען אייך“... האָט מרים פֿערשעמט אַרויס געריערט. „נו, נו, ס'שאַרט נישט!“ האָט זי די בעקערין געטרייסט

„זאָל דיר וואהל בּעקומען. וואָלט איך אזא דאגה געהאט מיט די חוטות בּיַי היגע שענע בּעל-הבית׳טעס, ווי איך האָבּ א דאגה מיט דײַן חוב!״.

מרים׳ן איז א שטיין אראָבּ פֿון האַרץ. זי הייסט זיך אָבּהענגען צוויי פֿונט פּלעצלעך. „ווייסט, טאָכטערשי ווי פֿיעל עס איז שוין ?״ „יאָ, צוויי מיט צוועלף פֿון פֿריהער. ערשט — פֿערצעהן, איז שוין מיט זעקס און צוואנציג״. האָט מרים בּערעכענט, און איז אוועק אהיים.

א גליקליכע איז מרים אהיים געקומען. אויף נטע׳ס געזיכט האָט זיך אויך בּעוויזען א שוואכער שיין פֿון א שמייכעל, דערזעהענדיג, אז זי טראָגט עפּעס אין פֿארטוך. זי צעהלט די פּלעצלעך ארויס אויפֿ׳ן טיש. און ער ווערט צוריק ערנסט און פֿערטראַכט: „זי האָט נישט פֿערמאָנט דארויף, ווײַטער זיך דאָס פּנים פֿערשוואַרצט...״ און ער פֿיהלט זיך זינדיג קעגען איהר. ער האָט זיך געוואשען און געזעצט צום טישעל עסען. זי איז געזעסען אויפֿ׳ן בּעט און קוקט אויף איהם. זי זעהט, ווי בּלאַס, ווי „טויט״ ער זעהט אויס, און איהר האַרץ געהט אָבּ און דערפֿולט זיך מיט גרויס רחמנות אויף איהר אויסגעמאַטערטען מאַן. ער דערשפּירט איהרע רחמנות׳דיגע אויגען און טראַכט: „א דיבּוק! זי קוקט נאָך אויף מיר אזוי גוט... לא בּי, וואָס איך גיבּ איהר נישט קיין געלד צו דער צייט און איהר דאַרט דער קאָפּ אויף וויעטשערע, אויף אָנבּייסען...״ ער ענדיגט דאָס עסען מיט א זיפֿץ, בּענשט אָבּ און געהט צו דער אַרבּייט.

ער האָט שוין געטראָפֿען אייניגע געזעלען בּיַי די ווארשטאַטען. דער „גיבּער פֿייוועל״ האָט שוין געהאט „פֿערשנאַריוויט א פּאָר צום קאַוועןֹ״. נטע זעצט זיך צו, און, נישט פֿיעל שפּעטער, איז איהם חיים׳ל געקומען צו הילף. א שווערער אומעט ליגט אויף נאָטעס געזיכט. „וואָס זיצט דו עפּעס היינט אזוי ?״ האָט פֿייוועל געפֿרעגט. „עט, גאָר נישט !... סליחות טעג... וואָס ? טאַנצען זאָל איך ?״ ענטפֿערט נאָטע, אָהן א בּליק צו טהון צום פֿרעגער. דערווייל איז זעליג אָנגעקומען פֿון גאַס. נאָטע האָט געפּאַסט מוטה, און געבּעטען עטליכע רובּעל. זעליג האָט איהם געגעבּען דריי

רובעל, חיים׳לס אויגען האבען אנגעהויבען שטראהלען פאר פרייד, ווען דער פאטער האט איהם דערלאנגט דאס געלד, א היים צו טראגען דער מוטער, און איז מיט א רוישענדען קלאפ אין טהיר, ארויסגעפלויגען פון שטוב. נטע וויל זיך אויך פרייען, נור ער קען נישט, עפעס פיהלט ער זיך נישט גוט. ער האט דערפיהלט ווי א קנויל אונטער׳ן הארץ און בעקומען א שרעקליכע וועהטאג. פאר די אויגען איז איהם פינסטער געווארען, און די הענד האבען איהם אנגעהויבען שטארק צוציטערין. עס מאכען זיך איהם די אויגען צו און דער שטיוועל פאלט איהם ארויס פון דער האנד: עס ווערט איהם הייס אין אלע גלידער. מיט אלע קרעפטען עפענט ער די אויגען און וויל זיך אויפהייבען, און ארויסגעהן זיך אבקיהלען אויף דער לופט. דארט וועט איהם אויך גרינגער זיין צו אטהעמען; נור ער קען נישט. ער שפירט, אז ער וועט אומפאלען ווי ער וועט זיך נור רירהען פון ארט. פייוועל האט עס בעמערקט און פרעגט, וואס איהם איז. „ס׳איז מיר נישט גוט". ענטפערט ער מיט א קורצען, שטילען אטהעם און ווייזט איהם, אז עס קלעמט׳ן אונטער׳ן הארץ. די חברים לויפען צו איהם צו, מען האט׳ן געוואלט אנלעהנען אויף זעליג׳ס בעט, נאר נטע גיט א צייכען, מען זאל איהן ארויספיהרען אויף דרויסען. מען טהוט זיין ווילען, פייוועל נעמט׳ן אן ביי איינער, נאך א געזעל ... דער צווייטער האנד. און מען פיהרט׳ן לאנגזאם ארויס פאר דער טהיר, זיי האבען איהן א וועקגעזעצט אויף א שטיין, וואס איז דארט געלעגען, און ער האט אונמעכטיג, אנגעשפארט דען קאפ אן דער וואנד מיט א פערשטיקט ברומען פון א פרעסענדיגער וועהטאג. — „סאיז דיר בעסער?" פרעגען די חברים. ער שאקעלט מיט׳ן קאפ אויף „ניין"... און קען קוים ארויסברענגען א שטיל געבעט, מען זאל איהן אבפיהרען א היים, פייוועל האט געהייסען ארויסדערלאנגען פון שטוב די חאלאטלעך; זיי האבען זיך און נאטען אנגעטהון. און א היים געפיהרט אונטער די הענד. נטע פיהלט זיך אלץ שווערער און שווערער, די פיס האבען זיך איהם נור אונמעכטיג נאכגעשלעפט. פאר דער טהיר איז זיי מרים, וואס האט זיי דורכ׳ן פענסטער געזעהן, א קעגען געלאפען מיט א געשריי און פערבראכענע הענד, נאך איהר — חיים׳ל — „גאט אין הימעל!" האט זי פערצווייפעלט אויסגעשריגען, „וואס איז מיט׳ן געשעהן?

ראטעוועט, ראטעוועט א מענש? א טאטען פון קליינע קינדער".
חיים'ל האט ביטערליך געוויינט און געקלאפט זיך מיט די פויס-
טען אין קאפ. א ביסעל וואסער! קאלט וואסער ברענגט ארויס"
האט פייוועל געשריגען. חיים'ל האט גיך ארויסגעטראגען א שעפ
וואסער פון שטוב און מיט האסט א גאס געטהון אויפ'ן פאטער'ס
געזיכט. דער פער'חלש'טער האט געעפענט די אויגען און נעג-
לאצט אויף אלע זייטען, נאר ער האט זיי באלד צוריק צו געמאכט,
שכנים זענען זיך דערווייל צוזאמענגעלאפען, מעהר געשריגען,
ווי עפעס געטהון, און עס האט נישט געהאלפען. מען פיהרט
נטען אין שטוב אריין, מען לעגט'ן אויפ'ן בעט. און פייוועל
לויפט נאך א דאקטאר. אין דער לופט פון קליינעם שטיבעל, וואס
איז אנגעפילט געווארען נאך מיט מענשען פון גאס, האט נטע
דען רעשט אטהעם פערלוירען... דאס געשריי און געוויין ווערט
העכער. דערויף קומט אן דער דאקטאר, וואס האט שוין גע-
טראפען צוגעלעגטע ווארים-פלעשער און האט זיי פערטרייסט
אויף הייסע קאמפרעסען, אויך האט ער א רעצעפט פערשריבען
און איז אוועקגעגאנגען. נטע איז אלץ כמעט ווי אהן אטהעם.
מיט א מאל האבען זיך איהם הויך אויפגעריסען די ברעמען, די
אויגען האבען זיך פון קאפ ארויסגעזעצט און איבערגעקעהרט זיך
מיט די שווארצע אפעל, ארויף אונטער'ן שטערן. ער האט אנ-
געהויבען חארחלען; ער גוס'עט. מבינים זאגען: קאנוואולסיע.
מען האט געכאפט אנ' ערדענען טאפ מיט א מולטער, די מולטער
האט מען אנגעשפארט אן קאפין-ברעטעל פון נטע'ס, בעט און
ניך א שטארקען קלאפ געטהון אן איהר מיט'ן טאפ. די שארבען
זענען זיך צופלויגען מיט רעש, אז דאס בעט האט געציטערט.
דאס האט געהייסען נבריאל טאקער, וואס איז געשטאנען די
גאנצע צייט נעבען נטעס בעט. א סגולה — זאגט ער — פון
בערדיציעווער, זכרונו לברכה! נטע איז א ווייле געבליבען שטי-
לער, נור נישט אויף לאנג. באלד האט זיך איהם דאס געזיכט
משונה אויסגעקרומט. זיינע אויגען האבען ביי איהם שארף און
געשווינד אויפגעגלאצט, ווי ביין א צאנקענדיג ליכט, און האבען
זיך באלד צוריק פערשלאסען... און עס האט זיך צוריק געהערט
דאס חארחלען פון האלז.

— וואס איז דאס? פרעגט עמיץ.

— די „טרויעריגע כלי־זמר" — ענפערט פייוועל מיט א ביטערקייט אין דער שטימע: א פאר מאל רייסט ער זיך און ווארפט זיך, זוכענדיג לופט, ווי א פריש געפאנגען פישעל זוכט וואסער. דערנאך א שטארקער און לעצטער חארחעל... און נטע'ן איז אויסגעגאנגען די נשמה. מען האט אנגעצונדען א ליכט, א ברכה געמאכט און גראבגעהויבען דעם טויטען אויף דר'ערד. די ארויסגעשטויסענע טרים געווייגט'ן פאר דער טהיר. „לאזט מיך!" שרייט זי. „לאזט מיר נאך איין מאל אנקוקען מיין מאן, רייסט מיך נישט אוועק פון איהם, לאזט אויך צו מיינע שוועסטערלעך, זאלען זיי איהם בעוויינען... קלאגט אויף אייער בראך!" — קלאגט, יונגע יתומים'לעך, אויף אייער טאטען!" זי האט זיי געוויזען צום פענסטער אין שטוב אריין: „דארט איז אייער געטרייער שפייזער, אומגליקליכע פייגעלעך..." חיים'ל איז געשטאנען ביי דער זייט און אלץ געשלאגען זיך קאפ אן וואנד.

„זאל שוין זיין געגוג", האבען איינינע מאנסלייט געשריגען „נעמט זי א וועק ווייטער. ווייט... מען טאר נישט מצער זיין קיין טויטען". מען האט זי מיט געוואלט א וועקגעפיהרט צו א שכן. פייוועל האט א וואונק געטהון צו צוויי פון זיינע חברים. — „קומט צו זעליגען, מען מוז נעמען עטליכע רובעל אויף תכריכים." האט ער זיי געזאגט, און אלע דריי זענען ארויס פון שטוב.

זעליגס בעל־הבית'טע האט שוין דערפון געוואוסט און איז זיי א קעגען געלאפען, קלאגענדיג און מיט פערבראכענע הענד: „אנ' אונגליק, אזא אומנעריכטער חורבן, קינדער קרוין! וואס זאל איך אייך זאגען! דער פינסטערער „ונתנה תוקף"! נאך פאר יאהרען אנגעחתמ'עט געווארען!".

„וואו איז זעליג?" האט פייוועל איבערגעריסען די קלאג. זי ווישט זיך אויס די אויגען און ענטפערט טרוקען און בעליידיגט, אז ער וועט באלד קומען: „זעצט אייך!". זעליג איז אויך באלד געקומען און האט, צוגעהענדיג צו זיי, געפרעגט: „איהר זענט שוין געוועזען ביי דעם גבאי פון חברה קדישא'?" „ניין", האט פייוועל געענטפערט. מען דארף געלד אויף תכריכים, חאטש א רובעל זעקס, און איהר מוזט די טובה טהון און געבען". זעליג האט

פֿאַוולען א צייכען געגעבען, ער זאָל נישט רעדען אזוי הויך פֿאַר'ן ווייב. עס איז אָבער שוין צו שפּעט געוועזען. זי גיט איהם א ציה ביי'ם ארבעל. זי וויל איהם עפּעס זאָגען אָן א זייט. ער מאַכט זיך נישט הערענדיג, גיט פֿאַוולען זעקס רובעל. פֿאַוועל מיט די חברים געהען ארויס. דעמאָלט ערשט פֿרעגט ער, וואָס זי וויל איהם זאָגען?

— ווער וועט אָבאַרבייטען דאָס געלד? פֿרעגט זי צאָרניג, „דיר חלום'ט זיך, אז נטע לעבט נאָך?...“ „נישט דיין דאגה! — ענטפֿערט ער, און גיט צו:

— תייס'ל וועט אָבאַרבייטען, דור הולך ודור בא!

צום אײדעם אויף קעסט.

מנחם „שווײַנער", אזוי פלעגט מען איהם רופען. ארבײט בײַ יענעם פון אין דעם פריה ביז אויף דער נאכט. ווען ער קומט ארײַן, געהענדיג אויף אנבײַסען, צו זיך אויפ'ן הויפעל, פלעגט ער שוין נאך אונטער דער טהיר דערקענען, צי איז זײַן פרײַדע אין שטוב, צי ניט. אז זי איז געווען, פלעגט זי זיצען פאר דער טהיר, אנגעטהון א פאר געלע מעשענע ברילען, פערלענט איבער די אויערן, און פלעגט פעררייכטען לאטען, אדער שײַלען קארטאפלעס, מיט אנ'אראבגעלאזט אײַנגעשרומפט פנים. דאס רוב אבער פלעגט איהר דאס מאוס ווערען, און זי פלעגט זיך דורכגעהן א ווײַלע צו א שכן. דעמאלט פלעגט מנחם אלײן ארײַנקומען אין זײַן שטיבעל, גאר ניט זיך מאכען וויסענדיג, שלעפט ארויס דאס טעפעל פון אש אויפ'ן קוימען, גיסט זיך אלײן אײַן אין א שיסעל, וואס אין טעפעל איז געהען, און זעצט זיך עסען אנבײַסען. ער פלעגט זיך זעצען אנטקעגען דעם קלײַנעם פענסטערל מיט די טונקעל פערגאנגענע שויבען בײַ דעם רויט געפארבטען טישעל, אײַנגעטיעפט מיט די בליקען אין שיסעל און געזשאמושעט, קיט קוים וואס דאס שווארצע ציינענע בערדעל מיט דער שפיציג אויס געצווינגענער געמבע האבען זיך געריהרט. דערב. פלעגט ער אפילו

נישט בעטערקען, ווי די צוויי געלע בעטען, ליגנ אוים ביי דער וואנר, שטעהען נאָך נישט אויפגעבעט, ווי אויף דעם קעסטעל אונטער׳ן חנוכה-לעמפעל איז אנגעוואָרפען דאָס ברודיגע גרעט, וואָס בלײַבט זיך טונקעל ברודיג, ווי קריינקליכע פנים׳ער פון א טונקעל ווינקעל ארוים, — און ווי אויף דער באַנק פאַר׳ן באָק-אײַוועז שטעהט נאָך אנגעשטעלט די דעניצע מיט נאָך אנדערע געפעס, נישט אָבגעוואָשען נאָך פון שבת, און די לאַנגע העלצער, וואָס האָבען פון אונטער׳ן סופים ארויסגעשטאַרט, אַראָבקוקענדיג פון אויבען צום פענסטערל. ווי דאַרע אויסגעשטרעקטע הענד, וואָס בעטען זיך רחמים צום שטיקעל הימעל וואָס בלײַבט זיך אַרײַן דורכ׳ן פענ-סטערל. דאָס אָפענע מויל פון שוואַרצען באָק-אײַוועז פלעגט נאָך מיראָ׳דיגער מאַכען דאָס שטיבעל. נאָר מנחם׳ן פלעגט דאָס נישט אַרען, ער פלעגט זיך זעצען אָבעסען און אוועקגעהן צוריק צו דער אַרבײַט.

אויף דער שוועל ערשט פלעגט ער זיך בעגעגנען מיט זײַן פרײַדען. יענע פלעגט אויף איהם א קוק טהון, בשעת מעשה אַרויסגעשלעפט א שפּיזעל פון זאַק. פערזעצט איהם צו זיך אונטער׳ן אויער, און א פרעג טהון:

— שוין?...

— שוין... — פלעגט איהר מנחם ענטפערן, אַרויסשטופענ-דיג זיך פון דער טהיר.

זי פלעגט איהם וויטער נאָכרופען:

— שטעה נור א רגע.

ער פלעגט זיך אומקוקען און שווייגען.

— א טאַטע דאָס איז — פלעגט זי צושאָקלען מיט׳ן קאָפּ—

ער פרעגט זיך אפילו נישט, וואו די טאָכטער איז...

— איך ווייס, ס׳איז מײַן דאַנה — — פלעגט ער אָבענטפערן.

— ביים טײַך ליגט זי דאָך פון באַגינען אָן — — פאַט-דײַלעבלעך מיט נאָך, דאָרט, איהרע שמאַטעס איז זי געגאַנגען אויסוואַשען.

און מנחם פלעגט שטעהן מיט א שאלה אין די אויגען, ווי איינער רעדט: — „נו איז וואָס?"

— טאַטער זעהסט דו זי דאָרט — פלעגט זי איהם אָנזאָ-גען — שיק זי אהיים, האַטש עסען..

מנחם פלעגט איהר צושאקלען מיט'ן קאפ, און אוועקגעהן. שבת האט ער מעהר צײט.

ער דאווענט בײם ערשטען מנין, און פרײדע בײ דעם צווײטען און פערציהט נאך א שטיק אין דריטען, ביז צו דער ערשטער קדושה.

דעמאלט איז דאס מעדעל זײנס אויך נישט דא אין דער הײם — בײ חבר'טארין מוז זי אודאי זײן. און ער, מנחם, חאפט זיך דורך פון הויפעל דורכ'ן הויז אין דער גאס ארײן, און שטעלט זיך ווארימען אויף דער זון.

די גאס איז שבת'דיג, פאר די שטיבער איז אויסגעקעהרט, בערגעלעך מיסט ליגען אין מיטען דער גאס, און ווײבער מיט רוישענדיגע זײדענע קלײדער, און מענער אין די טוכענע קאפאטעם, מיט שבת'דיג אויפגעשטעלטע היטלעך און די טליתים אונטער די ארעמס געהען שוין צוריק פון שוהל.

מנחם קוקט דעמאלט צווישען אלע קרענצלעך ווײבער, ער וואלט שוין גערן דערלעבט פרײדען צו זעהן פאר די אויגען, דאס געזיבט קארטשעט זיך איהם פאר הונגער, נאר זי קומט נישט.

— מנחם — פרעגט א שכן, וואס שטעהט בײ דעם צווײטען הויז — וועמען קוקסט דו אזוי אוים?

— זי... פרײדען... — ענטפערט מנחם. און די אויגען קריגען דעמאלט אזא פערלאפענעם פײכטען גלאנץ, אז ס'איז א גאנס רחמנות.

— און האסט נאך נישט געגעסען?... — פרעגט ווײטער יענער וואס קוקט אויך אלע מינוט אויפגערעגט אין גאס ארײן.

מנחם וויל זיך אוש צעווײנען.

— אזוי, אזוי — רעדט יענער ווײטער — פיהרען זיך די ווײבער. בײ אלע קדושות מוזען זײ אוים זײן, און די הײם האט מען אין דר'ערד...

נאר מנחם הערט איהם שוין נישט. נעהט זיך צוריק אוועק צו זיך אין שטיבעל, אפשר וועט ער חאטש געפינען א לײפעל קאלטע פארפעל פון נעכטען, א פאר פלוימען, חאטש א פאר יענגאלקעס, דער הונגער צו שטילען.

דערפאר גיט איהם פרײדע שפעטער אקוגעל מיט עהל, און ער עסט זיך שוין אן אײנמאל פאר אלע מאל.

שלוש סעודות איז שוין נישט פון די גרויסע זאכען, דעמאלט איז נור אביי טועם צו זיין, אביי א כזית.

און ביי דעם כזית דערמאהנט ער זיך א ניגונד'ל פון א רבין, וואס איז אמאל דא דורכגעפאהרען... און מנחם'ן ציהט דאס ני־גונד'ל, ווי א מאגנעט, אין שטוב אין פינסטערליך. א געלער בלייכער שיין שלאגט נאך קוים אריין דורך דאס קליינע פענסטערל, און מנחם זיצט, דער אונטערשטער טהייל איינגאנצען פערזונקען אין פינסטערניש, נור וואס דער קאפ שטארט ארויס גענענאיבער דעם פענסטערל, און ער זינגט זיך זיין וועגס.

דאס ווייב מיט דער טאכטער זיצען דעמאלט אויפ'ן בעט הינטער זיינע פלייצעס, פערשטעלט שוין אין דער פינסטערניש. נור וואס די געזיכטער בלייבען זיך ארויס פון דער טונקעלהייט. זיי הערען זיך איין, און דאס ניגונ'ד'ל איז זיי שוין אזוי גוט בעקאנט, אז נישט ווילענדיג חזר'ן זיי עס אליין נאך אין געדאנק שטילערהייד.

ווען דאס ניגונד'ל הערט אויף צוזאמען מיט די לעצטע ווער־טער פון אתקינו סעודתא, שוועבט נאך לאנג ארום אין דער הוי־לער פינסטערניש דער אבקלאנג פון א זשומען, ווי פון א געפיי־ניגטער פליג, וואס האט זיך ערגיץ אין א ווינקעל אונטער'ן סופיט פערפלאנטערט אין א נעץ פון שפינוועבס און צאפעלט זיך און ראנגעלט זיך דארט יאמערליך קלאגענדיג.

אז ער האט אבגעבענשט, שטעהט ער אויף, קוקט דורך דאס פענסטערל, מיט אזוינע שטילע טרויעריגע בליקען. ווי דער שטערן, וואס האט זיך שוין אויפ'ן הימעל בעוויזען.

באלד געהט ער אוועק אין בית המדרש.

פריידע בלייבט פערטיפט אין איהרע געדאנקען. זי האט א מיידעל שוין לייטען גלייך און דער טאטע איהרער מאכט זיך גאר נישט וויסען...

נור איינמאל, ווען זי האט שוין א לאנגע צייט. נאכט ביי נאכט נישט געקאנט קיין אויג צו טהון, האט זי איהם אנגעהאפט.

— מנחם. וואס וועט זיין דער סוף?... האסט שוין א מיידעל. קיין עין הרע. א שדוך צו טהון — און וואס זאגסט דו?

מנחם האט געוועהנליך געשוויגען און זי האט איהם ווי־טער דערצעהלט.

— דער בחור, וואס איז געבליבען נאך אברהמ'ן עליו השלום — א וואוילער בחור... די מומער זיינע, אסתר, האט מיך דא אנגעחאפט און דערצעהלט מיר, וואס פאר א גוט קינד ער איז. ס'איז דאך גלאט א ציהרונג פאר א מאמען... מען האט געמיינט, אז נאך אברהמ'ס טויט מעג זי זיך אויך בעגראבען לע־בעדיגערהייד — — צום סוף... דער בחור איז א וואוילער בחור.. שפייזט זי, קליידט זי, שוכט זי, כ'לעבען, ער האט היי־יאהר פערדיענט שען געלד און א גארטען, א גארטען האט ער געהאל־טען — און וואס פעהלט איהם, כ'לעבען!... און ווידער, אני' איינגען הייזעל האט ער דאך אויך, זיין ירושה...

— מילא... ווי דו פערשטעהסט... — האט מנחם געענט־פערט און צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ.

האט נאט געהאלפען, עס איז געקומען א שבת נאכ'ן שלאף: האט זיך אויף דער שוועל פון דעם קליינעם שטיבעל בעוויזען א מחותנת'טע אין א שווארץ קאשמיר קלייד מיט א ברוין טיכעלע אויף די אקסלען און א קופקע מיט ציטער־שפילקעס אויפ'ן קאפ. זי האט זיך שמייכלענדיג אריינגעשטופט אין דער אפענער טהיר. און נאך איהר איז נאכגעגאנגען אנ'אויסגעפוצטער חתן א שטילער, מיט איין האנד צופענדיג זיך ביי דעם קוים אויסגעשפראצטער וואנסעלע אויף דער אייבערשטער ליפ, און שארט זיך נאך דער מוטער, ווי ער וואלט נישט געקאנט קיין צוויי צעהלען.

— גוט שבת, גוט שבת! — האט די מחותנת'טע אויפריכ־טיג געשאקעלט מיט'ן קאפ, ס'הייסט, ווי דאס בין איך, און דאס איז מיין זוהן.

— גוט שבת, גוט שבת — האט אויך פריידע גוטהארציג געענפערט. און יוכבד'ל, די כלה, האט זיך פערשעמט און גע־רויטעלט זיך אויף די באקען, ווארפענדיג א צומישטען בליק אויף די מחותנת'טע און אויף דעם חתן, און אראבלאזענדיג די אויגען אויף דעם בוזעם, האט זי עפים געצופט מיט די קלארע פינגער־לעך און געגלייכט זיך דאס פארטוכעל.

— שעם דיך נישט, כלה... — האט זיך די מחותנת'טע א געלעכטערל געטאכט. אזש דער חתן האט די אויגען אראבגע־לאזט. און די ברוינע באקען האבען זיך איהם פערשעמט. יוכבד'לס ליכטיג געשטאלט, א פנים ווי א שיסעל מיט צוויי גרויסע קארשען־

אויגען איז איהם אנטקעגען געשטאנען און פאר זיינע אויגען האט געציטערט דאס ראזע בלוזקעלע איבער איהר פולען בוזעם.

— זיי, זיי זשע מוחל, אסתר... — האט פריידע אזוי זיך גוטמוטהיג געבעטען, און יוכבד'לס ברוסט האט אויך אזוי גוטמוטהיג צאפלענדיג בעוואויגען און געבעטען זיך — „זיצט, מחותנת'טע, זיצט"...

— נישט קשה... — האט אסתר געענטפערט, און מיט א שמייכעלע אויפ'ן געזיכט אנגעהויבען זיך נעהנטער צו צושארען צו דער ליעבער כלה. און דער אויסגעפוצטער ת' האט אויך אזוי שטיל, אזוי בגנבת'דיג צוגעווארפען א בליק אויף יוכבד'לען און אין זיך אזוי שטיל, אזוי הארצענדיג געבעטען „שעם דיך נישט, יוכבד'ל, שעם דיך נישט... די מאמע וועט דיר גארנישט טהון... די מאמע האט דיך ליעב"...

און יוכבד'ל האט זיך שעמענדיג א לאק אונטער'ן אויער ארונטערגעמאכט און באלד זיך פון שטול ארויסגעשארט, געלאסען, פאמעליך גלייט אזוי זיך...

— זי שעמט זיך... האט די מוטער שטראהלענדיג מיט די אויגען נעגעבען אסתר'ן צו מערקען.

און אסתר האט איהר אין דער אפענער טהיר נאכגעקוקט מיט א ליעבען שמייכעל און נישט געקאנט די אויגען אבריימען, און ווען זי זאל נישט קיין מורא האבען, אז פריידע זאל זיך נישט צו פיעל איבערנעהמען, וואלט זי איהר אין איין אויער אריין איינגערוימט, וואס פאר א כשר קינד זי האט... און אז זי איז עס מאקי גאר נישט ווערט...

— וואו איז עס דיין מאן?... — האט זיך אסתר ערשט אומגעקוקט.

— ער? — האט פריידע פערצויגען דאס פיסקעלע — די גוטע יאהר ווייסען איהם... אזוי ווי א מאנספערשוין... נישט זיין דאגה, נישט זיין עסק... — און קענען וואס, אסתר'שי, פרעגסט דו דיך?...

— גלאט אזוי זיך... — האט אסתר אבגעענטפערט און אויך פערצויגען דאס שנאבעלע.

— איך האב געמיינט, ווילסט עפעס שמועסען...

— מאקי שמועסען...

— און וואָס בּין איך, חלילה... און דו, חלילה... עס פֿעהלט אונז אַ שטיקעל מויל, מען דאַרף אונז חלילה די צינגלעך האַקען?

— ניין, חלילה... — האָט אסתר געענטפֿערט און אָבּגערופֿען דעם זוהן אין ווינקעל אַריין אויף אַ סוד...

— נעהם, מאַך, טהו! ... — האָט דער זוהן איהר אַ זאָג געטהון — און פֿאַרטיג אַנ׳עסק!...

ער האָט איהר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל נישט זיין קיין יודענע... און נישט שטעלען זיך אויף קיין נדן, אויף קיין מתּנות, און נישט אָבּלעגען די חתונה אויף אַ לאַנגען טערמין — איינס און צוויי, און פֿאַרטיג!...

און דערביי האָבּען די פֿולע ליפּען געדאָרשט און געבּרענט, און די בּרוינליכע בּאַקען געגליהט.

— איינס און צוויי!... — האָט ער נאָך אַמאָל דער מוטער אָנגעזאָגט און איז אויך אַרויס פֿון שטוב, איבּערלאָזענדיג בּיידע ווייבּער — „שמועסט אייך, טהוט אייך וואָס איהר ווילט“... און ער איז געלאָפֿען זעהן, וואו יוכבד׳ל איז ערגיץ... און וואָס זי האָט זיך אַזוי צו שעמען...

דערנאָך איז געוועזען חתונה. אַ שכן האָט אַ שטוב אויסגעקאַלכט, אַנטליהען בּיי נאָך שכנים טישען, אויפגעהאַנגען דעם בּית־המדרש־לאָמפּ, און פֿריידע האָט אויף איהר שטיבעל אָנגעהאָנגען אַ שלעסעל און גערופֿען מנחם׳ן אויף חתונה.

איז געוועזען אַ חתונה, האָט מען געהוליעט בּיז טאָג.

נאָך דעם מצוה־טענצעל, אין דרויסען האָט שוין געבּלאָהט, פֿריידע מיט אסתר׳ן און נאָך אַ קופּע מחותנת׳טעס זענען שוין געהאַט פֿערפֿאַלען געוואָרען מיט דער כּלה מיט׳ן שלייער און דער חתן דעסגלייכען — האָט זיך אין שטוב ערשט אָנגעהויבּען אַ ניי לעבּען. עס האָט זיך אַ פֿריש פֿלעשעל בּראַנפֿען אין אַנ׳אויפֿגעהויבּענער האַנד איבּער אַלעמענס קעפּ בּעוויזען און מיט אַ הייזעריג זינגעדיג קול האָט יענער אַ „לחיים בּרודער“ געמאַכט, און דאָס העלזעל פֿון פֿלעשעל צו זיך אין מויל אַריין אַראָבּגעלאָזט. דעמאָלט האָבּען זיך אויפֿגעחאַפּט די בּויגענעס אין די פֿערשלאָפֿענע כּלי־זמרים׳ס הענד, וואָס האָבּען בּיז אהער געקראַצט, ווי פֿרענטען איבּער לאָרענס וואָלטען זיך געריבּען — און דער עולם

האָט זיך ערשט אויף דאָס נײַ אַ לוסטיג טענצעל געהײסען מאַכען.

אַ ברײטליבען יודעל מיט אַ געל בערדיל. אַ לוסטיגס, מיט לויפֿענדע אויגעלעך האָט זיך פֿערגלוסט אַ קובעל וואַסער איבערצוקעהרען אויף דער פּאָדלאָגע, און לעבעדיג און לעבעדיג! — האָט ער מיט דעם קעפּעל געגענאיבער די כּלי־זמרים געדרעהט, די אַרבלען פֿערשאַרצט, דעם דאַשעק פֿעררוקט און מיט די פּאָלעס אין די הענד האָט ער אינ'ם וואַסער אַ טענצעל געמאַכט. דער עולם האָט זיך אין אַ רעדעל אַרומגעכאַפּט. הענד איבער אָרעמס און קעפּ צו קעפּ האָבען זיך אין אַ טענצעל געהויבען, און דער לאָמפּ אונטער'ן סופֿיט האָט אויך אַ שטויס געקריגען און צושאָקעלט זיך מיט אַ גערויש. מנחם'ן האָט מען פֿון אַ ווינקעל אַרויסגעשלעפּט און אין רעדעל אַרײַנגעכאַפּט און געהויבען איהם אַ טענצעל. מען האָט אין איהם אַ גלעזעל אַרײַנגעוואָרפֿען, מען האָט געמײנט, אַז דאָס וועט העלפֿען, צום סוף איז ער אינגאַנצען שוין איבער די פֿיס געפֿאַלען, אַ מידער, אַ פֿערסאָפּעטער, ביז מען האָט איהם צוריק אָבגעלאָזט. דעמאָלט האָט ער זיך פֿון עולם אָבגעגנבה'ט און אוועק צו זיך אויפ'ן הויפֿעל. די טהיר איז פֿערשלאָסען, האָט ער זיך אָנגעלעהנט אויף אַקויש פֿון היהנער, וואָס איז אין ווינקעל פֿון הויף געשטאַנען. פֿון דער ווײַטענס האָבען זיך געטראָגען אָבגעריסענע צוהאַקטע טענער פֿון די פֿידלען, און מנחם איז געלעגען שוין און געדרעמעלט. נור אײן מחשבה האָט זיך געוואַלגערט נאָך אין מוח, דאָס שלעסעל וואָס הענגט אויף דער טהיר, און פֿרײדע מיט דעם שליסעלע, ביז ער איז אײַנגעשלאָפֿען, אײַנגעטוליעט אויף אַ זײַט און די האַנד אונטער צוקאָפּענס.

ווען פֿרײדע איז אַהײם געקומען, פֿאַר גאָט און פֿאַר לײַט יוצא געווען, האָט זי אַ פֿערטיפֿטע אין איהרע געדאַנקען דאָס שטיבעל אויפֿגעשלאָסען, און אַלײן אין איהרע פֿיער ווינקעלעך גאָט געדאַנקט פֿאַר דעם חסד, וואָס ער האָט איהר געבעט אויסגעהערט, אַז זי זאָל נישט פֿערשעמט ווערען, לײַט זאָלען איהר נישט האָבען די אויגען אויסצושטעכען. „אַ מאַטע דאָס איז, מען האָט אַזאַ דערוואַקסענע בתולה און מען מאַכט זיך אַזוי גאָרנישט וויסען"... שטיל האָט זי גאָט געדאַנקט, שטיל זיך אויסגעטהון און אײַנגעשלאָפֿען מיט אַלע איהרע מידע געדאַנקען אָנגעזאַפּט מיט

קולות און געשרייען, וואס האבען זיך אויף איהר מוח ערשט ווי א נעבעל צוגאסען.

ווען די זון האט זיך איבער'ן דאך דערהויבען, דעם ווינקעל הויף בעלויכטען און מנחם'ן אין פנים אריינגעקוקט, האט ער זיך אנגעהויבען צו דרעהען פון איין זייט אויף די אנדערע. און וואס העכער די זון האט זיך געשטעלט איבער איהם צוגיסענדיג א העלע ליכטיגקייט ארום און ארום, אלץ אונרוהיגער איז זיין פערחלשט פנים און די פערמאכטע ברעמען געווארען, און איינציגווייז, פערשלאפען, האט ער פון זיך פריהער די קאפאטע, דערנאך די שטיוועל אראבגעשלעפט, אויפ'ן קויש אויסגעשפרייט און צוקאפענם אונטערגעלעגט, צוריק אנידערפאלענדיג ווי א שטיין און געשנארכט מיט א שווערען אטהעם, מיט א הויבענדיגער ברוסט אויף און אב.

פריידע איז פריהער אויפגעשטאנען פאר איהם. ווען זי איז ארוים פון שטוב אנצוקוקען דעם ליכטיגען טאג, האט זי אויך דעם מאן דערזעהן אין ווינקעל אויפ'ן קויש, באָרוועס, אהן די קאפאטע און דאס היטעל פון קאפ אראבגעווארפען. „א מחותן ביי לייט"... — האט זי זיך געטראכט, צוגעהענדיג נעהנטער און איינגעקוקט זיך אין זיין שלאפענדיג געזיכט.

זי האט איהם בעטראכט פון אויבען ביז אראב. פון געזיכט, וואס איז געלעגען אנטקעגען דער זון, האט געשלאגען א היץ. א הייסער געשטיקטער אטהעם האט זיך געפיהלט איבער איהם, אזוי מיעד, אזוי דערשלאגען, און דאס הארץ האט זיך געהאלטען אין איין הויבען. עפים איז איהר דער שלאף נישט געפעלען, און זי האט זיך מיט די אויגען אין זיין קערפער איינגעטיפט. באלד האט אנ'אונרוהיגקייט אנגעהויבען צו קוקען אויף איהר געזיכט. די פים, דאכט זיך איהר, זענען געשוואלען, גראב און גלאנצענדיג... וואו קומט צו איהם אזוינע גראבע פים!... האט זיך א געדאנק אין איהר מוח אויפגעריסען, און דאס געזיכט און דער שטערן האט זיך אנגעהויבען צו רונצלען.

— הער נור, הער נור... — האט זי איהם אנגעהויבען שטיל צו וועקען און צו רודערן ביי אנ'עלענבויגען, וואס האט פון קויש אראבגעשטארט.

נאר ער איז פערשלאפען געווען.

זי האט איהם קוים דערוועקט. און דעמאלט האט ער זיך האסטיג א הויב געטהון און אנגעקוקט זי מיט צומישטע בליקען אין די אויסגעגלאצטע אויגען.

— וואס ליגסט דו אזוי קעגען דער זון? — האט איהר קול שוין געקלונגען אנגעזאפט פון ביטערקייט.

ער האט זיך פאמעליך ארא־בגעקליבען פון קויש, געקנייטשט זיך, אויסגעגלייכט און געצויגען, ווי ער וואלט זיך נישט געפיהלט, אדער קיין גאנץ אבער נישט געהאט. דערנאך האט ער זיך געלאזט געהן נאך פריידען אין שטוב אריין, מיטטראגענדיג די קאפאטע אינטער איין ארעם און די שטיוועל אונטער'ן אנדער ארעם.

אין שטוב האט זיך פריידע א ביסעל בערוהיגט. זי האט געזעהן, ווי ער טהוט זיך אן, וואשט זיך, געזונד ווי אלע מאל, האט זי נישט געפרעגט וועגען קיין זאך און ער האט איהר נישט דערצעהלט.

עס פלעגט אויך געבען, אז אין שטוב איז שטיל, פריידע זיצט פערטראכט, א שווערע אנגסט ליגט איהר אויפ'ן געקנייטשטען געזיכט, און פלוצלונג הויבט זי אויף אויף איהם אזא שטילען לייידענדען בליק, אז איהם, מנחם'ן, דאכט זיך דעמאלט, אז זי ווייסט, ווייסט פון אלץ... נאר פרעגען אדער אויסזאגען שרעקען זיי זיך איינם פאר דעם אנדערען.

אין דער שטיל פלעגט ער ליידען, דאס רוב אויף דער נאכט נאך דער ארבייט. שווער ווי א שטיק לייהם פלעגט ער זיך פיהלען. און אז פריידע פלעגט איהם נאך הייסען אונטערפיהרען די קינדער אהיים, ווייל די שבע ברכות זענען געווען אין שטאדט און דעם חתן'ס הייזעל איז אונטער דער שטאדט — דעמאלט ערשט פלעגט ער פיהלען, אז ס'איז זיין עק...

— טאטע... — האט איהם איינמאל די טאכטער געפרעגט בשעת ער האט זיי אונטערגעפיהרט א היים — טאטע... וואס סאפעסטו דו אזוי?...

— ווער, איך?... גארנישט... האט ער געענטפערט און ווייטער געגאנגען, ווייטער געסאפעט הויבענדיג יעדען פוס, וואס איז געווען שווער ווי א קלאץ.

— שוין, טאטע... עס וועט שוין זיין גענוג אונטערגעפיהרט. געה שוין א היים — האט איהם די טאכטער געבעטען.

— שוין, שוער... — האט דער אידעם אויך געבעטען — עס לייכט זיך שוין ארויס אונזער הייזעל, אט דאס פענסטערל...

מנחם האט די אויגען אויפגעהויבען, געקוקט פערשטיינערט, אויף דאס בעלויכטענע פענסטערל. וואס האט ווייט פון דער פינסטערער נאכט ארויסגעשיינט, דערנאך האט ער זיך געזעגענט געוואונשען א גוטע נאכט די קינדער און פאמעליך געלאזט זיך געהן צוריק צו דער וויטער שווארצער קופע דעכער, איינס אונטער'ן צווייטען, מיט די רויט אויפגעפלאמטע פענסטער, וואס האבען ארויסגעקוקט ווי פלאמענדיגע אויגען אין דער שווארצער נאכט אריין.

דער הימעל איז געוועזען ווי אנגעגאסען מיט בליי, פערשטיינערט אין א נאכט-קאליר. איבער דער ערד און געגען די ליכטיגע ארויסשיינענדיגע וויילען פון די פענסטער האט זיך א געדיכטער נעבעל געוויקעלט. און מנחם, פערזונקען אין איהם, האט זיך שווער געשלעפט אויף דעם זאמדיג נאסען וועג, און דאס שווערע אטהעמען זיינס האט זיך אין דער שטילער נאכט אבגעגעבען ווי דאס סאפען פון א פערד ערגעץ פון דער ווייטער נאכט ארויס.

און קוים האט ער זיך א היים דערשלעפט. האט ער פריידען געהייסען זיך גלייך מאכען דאס בעט און געלעגט זיך שלאפען. אונטער'ן איבערבעט האט ער זיך געפריווט מיט די הענד ביי די זייטען. זיי זענען אזוי גראב אויסגעפאשעט, אז דאס לייב איז איהם געווארען ווי א פאנצער, און ער פיהלט עס שוין, דאכט זיך, גאר נישט... און גאר צוזעהענדיג איז עס אזוי געווארען... ער פלעגט אויך בעמערקען אלע אין דערפריה, ווי די הויזען ווערען איהם וואס אמאל ענגער, ווי זיי ליגען איהם שוין צו ווי א פלאסטער אויפ'ן לייב. ביי די שטיוועל אנטהון פלעגט ער זיך אברוהען דריי מאל. און די קאפאטע קאן זיך שוין באלד אויך נישט צוקנעפלען. נאר דערצעהלען טאר ער נישט. זאלען זיך נור מענשען דערוויסען, און מען וועט איהם שוין קיין שעה לעבען נישט וועלען געטרויען... אפילו די בעל-הבית'טע וועט אויך מורא האבען, אז זי וועט שוין נישט האבען ביי וועמען קיין דירה-געלד צו מאהנען...

נאָר אז ער האָט נישט דערצעהלט, האָט מען עס איהם דערצעהלט.

אין איין פריה־מאָרגען, ווען ער איז צו דער ארבייט געקומען, איז ר' מאָטעל דער פאַבריקאַנט געשטאַנען אין מיט'ן הויף, מיט איין פוס פאָראויס, דעם דאַשעק פעררוקט, די הענד ביי די זייטען מיט אויסגעשטעלטע עלענבויגענס און האָט געקוקט, ווי די ארבייט געהט. טהייל ארבייטער האָבען געזעגט, געשניצט, נאָך אנדערע האָבען קלעפקעס אויפגעשטעלט צום טריקענען און דערנאָך פאַסאַצקעס צו שניידען. מנחם האָט שוין געוואָלט די קאַפאָטע פון זיך אראָבוואַרפען און אויך נעהמען עפּעס טהון, איז צו איהם צוגעקומען ר' מאָטעל, א קוק געטהון איהם אין די אויגען אריין און געזאָגט:

— מנחם, דו ביסט, דאַכט זיך מיר, קראַנק?...

מנחם איז דערשראָקען געוואָרען, געשטאַנען א ווײַלע אָהן לשון, מיט אראָבגעלאָזטע אויגען און די קאַפּאָטע שוין העלפט אויף די אַקסלען,

— נו וואָס קלערסט דו? — האָט ר' מאָטעל ווייטער געפרעגט — ביסט דאָך קראַנק!... די ארבייטער האָבען דאָך מיר דערצעהלט...

מנחם האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ:

— איך קאָן ארבייטען, איך קאָן!... האָט ער זיך פערענטפערט.

— לאָז נור — האָט ר' מאָטעל איהם אָבגעמאָסטען מיט די בליקען פון אויבען ביז אראָב — וואָס ביסט דו עפּעס אזוי אויסגעפּאַשעט?...

מנחם האָט דערפיהלט, ווי אַנ'עקבער וואָלט איהם אין האַרץ אַריינגעקראָכען. א היץ האָט איהם א שלאָג געטהון אין געזיכט, טראָפּען שווייס האָבען אָנגעהויבען אַרויסצוקומען אויף'ן שטערן.

— געה זשע, מנחם, א היים... — האָט איהם ר' מאָטעל שוין גוטמוטיג געזאָגט — איך זעה, דו ביסט קראַנק...

מנחם האָט צוריק אַרויפגעהויבען די קאַפּאָטע איבער די אַקסלען און אָבגעקעהרט זיך מיט א ברוגז'דיג פּנים. ער ווייסט,

אז ר' מאטעל איז איהם נישט געטריי, און וואס ער איז אויסען. און דאס הארץ האט איהם זעהר וועה געטהון,

ער האט שוין אפילו ניט געוואלט בעגעגנען מיט די איבריגע ארבייטער, גלייך ער וואלט א גנבה געטהון, און שטיל, ווי קיין מאל גאר נישט, האט ער זיך אנגעהויבען ארויסצושארען פון הויף.

— וועהסט דו, מנחם, — האט ר' מאטעל געטענה'ט אונטערפיהרענדיג איהם — עס דארף דיך נישט פערדריסען — א מענש טאר זיך נישט אריינפיהרען אין קיין קראנק... איך בין דיר חלילה נישט קיין שונא... האסט דאך א סימן, מיר קומט דאך פון דיר עטליכע קערבלעך, וואס איך האב דיר אויסגעלעגט צו דער טאכטערס חתונה... נו, וואלט איך דען נישט געוואלט, אז דו וואלסט זיי מיר אבארבייטען?...

מנחם האט געשוויגען און איז אוועק א היים א צובראכענער, א פערביטערטער.

פריידע איז געזעסען ביי'ם פענסטער און געשטריקט א זאק. זייער ביידענס בליקען האבען זיך בעגעגענט מיט א רעטעניש אין די אויגען.

ער האט זיך צוגעשארט צום קעסטעל צו און געזעצט זיך.

אין שטוב איז שטיל געווען. א פערבארגענע שטילקייט האט זיך צווישען מאן און ווייב ארומגעטראגען, און ביידע האבען מורא געהאט די אויגען אויפצוהויבען.

ער איז קראנק...

זי האט זיך געריבט דערויף נאך יענע וואך. זי זעהט ווי ברוין-און-בלאה ער געהט ארום... ער מיינט, אז קיינער איז קיין מבין נישט דערויף...

ער ווידער זעהט, אז זי איז ביין... איהם דאכט זיך, אז זי זיצט צו שטיל, ווארפט צו געשווינד מיט די שפיזלעך, און אז דער שטערן רונצעלט זיך איהר...

— מנחם — האט זי אנגעהויבען — ביסט עפעס נישט געזונד?...

צוויי גרויסע טרעהרען האבען זיך איהם אין די אויגען געשטעהלט און געבליבען הייגען ווי ביי א קינד.

פריידע האט אבגעלעגט דעם זאק און א זייט, אויפגעשטעלט

זיך מיט אשטיל לײדענד פנים און געבעט איהם דאס בעט.

מנחם האט זיך אויסגעטהון. געלעגט זיך, און פרײדע האט געזיפצט:

— פערליגען זיך, פערזעצט נאך פון דער חתונה, און דא דרעהט מען מיר דעם קאפ אב — דירה־געלד...

ער האט אבער נישט געענטפערט. נור דערנאך, ווען ער האט געזעהן אז זי נעהמט דאס טיכעלע אויפ'ן קאפ, האט ער געפרעגט שטיל.

— געהסט ערגעץ, פרײדע?

— איך געה... איך ווײס וואו? צו מײנע צרות... אפשר וועל איך קריגען א דרויבע, אדער וואס אויף א ביסעל יוך...

מנחם האט איהר לײטזעליג נאכגעקוקט און זי איז ארויס פון שטוב.

ער ווײסט נישט. פאר וואס עס קומט איהר אזוי פיעל אויס־צושטעהן פון איהם... זי האט נישט געשלאפען טאג און נאכט, האט געזעהען די טאכטער חתונה צו מאכען, און ער — גאר נישט... זי האט איהם אויף די חתונה געראפען, און ער האט נאך א װעטשערע פערדינט...

די טהיר האט זיך אויפגעמאכט, און יאסעל, א יונג מיט גראבע בעק, וואס ארבײט מיט איהם צוזאמען, איז ארײן.

— איהר זענט שלאף, מנחם?...

— נישט געזונד... — האט מנחם געענטפערט.

— וואס איז אײך?

— איך ווײס... מען וואלט געדארפט דעם דאקטאר...

— ווײזט נור עקסטרע! — האט יאסעל א ווארף געטהון מיט די אויגען, אנווײזענדיג מיט דער האנד אונטער'ן איבערבעט.

מנחם האט זיך שווער אויפגעזעצט, קנײטשענדיג דערבײ דאס געזיכט, האט מיט מיה ארויסגערוקט א פוס פון אונטער'ן איבער־בעט, און יאסעל האט זיך אנידערגעזעצט אויפ'ן קראװינטש, אײנ־געבויגען זײן גרויסען קאפ, און אומגעלומפערט אויסגעשטעלט די אויגען אויפ'ן פוס.

— נו וואס זאגסט דו? — האט מנחם געפרעגט, קוקענדיג איהם אין די אויגען ארײן און מיט בײדע הענד געהאלטען זיך ארום נאקעטען פוס.

יאָסעל האָט געשווינד אַפריוו געטהון מיט דעם פינגער, אַ קוועטש אַריין איהם אין פּום, אַזוי אַז אַ גריבעלע איז שטעהן געבליבען ווי אין אַ טייג אַריין, און קוקענדיג דערויף, ווי מיי־טעריש פלינק דאָס איז געשעהן, האָבען זיך ביידענס בליקען בע־געגענט און עפּיס נאַרישליך זיך אָנגעקוקט...

— האַ... — האָט מנחם ווייטער געפרעגט.

— ס'איז געשוואָלען... — האָט יאָסעל געענטפערט.

— אָט קוק, ווערסט דו זעהן... — האָט מנחם איהם בע־וויזען אַראָפקריכענדיג פון בעט, האָטש ער האָט זיך אונטערגע־שפּאַרט מיט די הענד אָן קראָווינטש און פערביסען די ליפּען, נור פאָרט זיך גלייך געשטעלט אויף די פיס און אַקוק געטהון אויף יאָסלען, אַז ס'איז גאָר נישט אַזוי, ווי מען מיינט...

— אַוודאַי, אַזוי זענט איהר דאָך געזונד... נור וואָס די פּיס... — האָט יאָסעל מודה געוועזען.

— אַזוי אין מיר פיהל איך גאָרנישט...— האָט מנחם אַראָפ־פיהרענדיג מיט די הענד איבער'ן גוף אַ זאָג געטהון, און דערביי האָט ער דעם בויך מיט'ן אָטהעם איינגעצויגען און אויסגעשטעלט זיך, אָנקוקענדיג יאָסלען מיט אַמאָדנעם בליק פון איבערצייגונג.

— פריוועט נור געהן — האָט יאָסעל איהם אַ ווייז געטהון פאָראויס מיט דער האַנד איבער דער פּאָדלאָגע, און מנחם אין בלויזען העמד און מיט דעם אַלטען שלאָף־היטעל אויפ'ן קאָפּ האָט גענומען שטעלען האַרטע טריט אויף און אָב איבער'ן שטיבעל. באַלד איז ער ווייטער שטעהן געבליבען פאַר יאָסלען מיט דעמ־זעלבען בליק פון פריהער און איז צוריק אַריין אין בעט, ווי אַנ' אויסגעמושטירטער זעלנער.

— און זאָג איהם דאָרט דעם בעל־הבית דיינעם, ס'הייסט מאָטלען, אַז ס'איז נאָך נישט ווי ער האָט געמיינט!... — האָט ער מיט אַ הויכען טאָן צוגעגעבען, און אין די אויגען האָט עפּיס געפינקעלט.

— אוי, אוי — — איהר וועט נאָך אַרבייטען — האָט יאָסעל ווי צוגעקלאַפּט מיט זיין גראָב קול.

— און קיין איין גראָשען איהם נישט שולדיג בלייבען!...

— איהר וועט איהם נאָך אָבאַרבייטען!

— מיט גאָטס זיינער הילף! און זאָג איהם דאָרט... דו

זעהסט דאָך ... — האָט ער װײטער עפּיס מיט אַ בעטענדיג פּנים זיך אַ חאַפּ געטהון און אראָבגעפיהרט מיט בײדע הענד איבער'ן גוף — װאָס ? ... ער קאָן מיר נישט געטרויען נאָך אַ קערבּיל ?

— אפילו צװײ — האָט יאָסעל צוגעבאָסעװעט און אין אײנ־װענם איהם אַ טאַפּ געטהון דעם בױך — װאָס איז עפּיס אַזױ הױך ?! — האָט ער װי ערשט דערזעהענדיג פּלוצלינג אַ פרעג געטהון.

בײדע האָבען זיך פּלוצלונג װי אָנגעשטויסען מיט די בלי־קען און אַ שטילקײט איז געװאָרען צװישען זײ. אנ'אײנגעהאַלטע־נער אָטהעם האָט זיך געפּיהלט, און די אויגען מנחם'ס האָבען נאָך געפּינקעלט עפּיס צו זאָגען, נור אַ מין נאַרישקײט האָט זיך איהם שוין געהאַט איבער'ן פּנים צוגאָסען און ער האָט געשוויגען.

דערװײל איז פריידע אָנגעקומען פון גאַס און נאָך איהר יוכבד'ל, פערװיקעלט אין אַ גראָבער װאָלענער פאַטשײלע און די אויגען פערװײנט. זי איז גלײך צו צום פּאָטערם בעט אַ קוק געטהון אויף איהם און שטיקענדיג זיך אין טרעהרען געפרעגט:

— טאַטע, אפשר װעל'ן מיר געהן צום דאָקטאָר ?

— מען דאַרף נישט קײן דאָקטאָר ... — האָט מנחם זיך געשטאַרקט.

יוכבד'ל האָט זיך געזעצט אויף דער באַנק אַנטקעגען און די טרעהרען האָבען זיך נישט אויפגעהערט צו גיסען פון איהרע אויגען.

יאָסעל האָט אויסגעשטעלט די אויגען. אַ מאָל אויף מנחמ'ן, אַ מאָל אויף די טאָכטער, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבען און איז אַרויס פון שטוב.

פריידע האָט זיך דערװײל אַרומגעדרעהט מיט דער דרויבע, װאָס זי האָט געבראַכט פון גאַס, און געזוכט דעם װײק־טאַפּ. דערנאָך איז זי אויך צוגעקומען.

— ער לאָזט זיך נישט אַזױ גיך אײנרעדען ... — האָט זי דער טאָכטער בעמערקט, װײזענדיג אויף מנחמ'ן, און װענדענדיג זיך צו איהם אַלײן האָט זי װײטער געפרעגט:

— פאַר װאָס װילסט דו נישט געהן צום דאָקטאָר ?

מנחם האָט געשװיגען און געקוקט, װי די טאָכטער װײנט איבער איהם. ביז ער האָט אַלײן אויך אָנגעהויבען צו װײנען.

— ווײַנען קאָן ער חאָטש, ווי אַלע קלײנע קינדער ... — האָט איהם פֿרײדע פֿאַרגעוואָרפֿען.

מנחם האָט זיך פּאַמעליך אַנידערגעזעצט און גענומען זיך אָנטהון.

— וועסט געהן, מאַמע? — האָט ווייטער יוכבד'ל געפֿרעגט.

— איך געה.

יוכבד'ל איז אויפֿגעשטאַנען און געוואַרט ביז דער פֿאָטער האָט זיך אָנגעטהון.

— ס'איז נאָס אין דרויסען? — האָט ער געפֿרעגט, שוין שטעהענדיג אין מיט'ן שטוב.

— מאַמע, גיב איהם דאָס טיכעל אויפ'ן האַלז. — האָט יוכבד'ל דער מוטער געזאָגט.

פֿרײדע האָט אַרומגעוויקעלט דעם האַלז מיט דעם טיכעל, און יוכבד'ל איז אַוועק מיט איהם צום דאָקטאָר.

די טהיר האָט זיך ווייטער געעפֿענט, און ציפּע די בעל הבית'טע פֿון דעם הויז, אַ יודינע מיט אַ ווערצעלע אויף דער גאָמבע, איז אַרײַן אין שטוב. אַ ווײַלע האָט זי שטיל געקוקט אין אַלע ווינקעלעך, האָט אויך אַריבערגעקוקט צו מנחם'ס בעט, וואָס איז געשטאַנען צורודערט, און געפֿינענדיג נור פֿרײדען אַליין האָט זי אָנגעהויבען:

— צי דײַן מאַן איז עפּיס נישט געזונד?

— ער איז עפּיס קראַנק געוואָרען. — האָט פֿרײדע געענטפֿערט.

— דאַכט זיך, דײַן טאָכטער איז ערשט דאָ געוועזען? ...

— יאָ.

— און וואו איז דער מאַן דײַנער?

— זיי זענען בײדע געגאַנגען צום דאָקטאָר.

— צום דאָקטאָר ... — האָט ציפּע ווי צוגענויגט מיט דעם קאָפּ.

זי האָט זיך ווייטער אַרומגעקוקט אויף אַלע ווינקעלעך, אָבגעטראָטען אַ ביסעל אָן אַ זייט און געקוקט איבער'ן פֿענסטער, אויף די ווענד, און גערעדט דערביי ווי צו זיך אַליין, אָדער גלאַט אין דער וועלט אַרײַן:

— עס געהט צו ווינטער. דאַכט זיך, עס הויבט זיך אָן

אריינצוחאפּען פּײַכטקײַט... וואָס רעדן... מען וואָלט דאַרפֿן אויס־קלעפּען פון אויסענוויעניג און פון אינעווייניג...

פריידע אָבער האָט זיך נישט ווײַטערדיג געמאַכט, און ציפּע האָט ווײַטער און ווײַטער געקוקט אויף די ווענד, דערנאָך ערשט קוים צוריק אָנגעשטעלט די אויגען אויף איהר:

— זאָלסט מיר לעבען, פריידע'שי... וואָס וועט ווערען דערפון?...

— גלויב מיר, ציפּע, — האָט פריידע זיך פערענטפערט, ענדערענדיג, זיך אויפ'ן פנים בײַ יעדען וואָרט — גלויב מיר... וואָס זאָל איך דיר טהון... איך האָב דיר שוין נישט וואָס צו זאָגען...

— און אצונד איז דיר נאָך דער מאַן אויך קראַנק געוואָרען... וואָרום פערשמעהסט דו מיך, כל זמן דער האַר שטעהט אויף די שפּענער איז ער אַהאַר, און געהט ער אַראָב בלײַבט ער אַ נאַר!...

אין פריידעס אויגען האָט זיך עפּיס אויסגעלאָשען, און ווי־דער אַ שײַן געטהון:

— געגען וואָס מײַנסט דו דאָס, ציפּע?...

— מילא, איך ווײס געגען וואָס?.. געגען דירה־געלד...

— ציפּע, ווי גאָט איז דיר ליעב... איך וועל נישט עסען, איך וועל נישט טרינקען און דײַנס בעצאָהלען!.

— דו ביסט דאָך נישט קיין קינד... איך דאַרף דאָך דיר נישט פערשטעהן צו געבען, נור קיינער אין דער וועלט וואָלט דאָס נישט געטהון. פריהער האָסט דו אַלץ געזאָגט: עט'עך, מע'מ'עך... הײַסט עס, איך זאָל נאָך וואַרטען. וואָס נאָך ווילסט דו? האָסט שוין ב"ה די טאָכטער אויך חתונה געמאַכט. אַ תירוץ־פאַר חתונה... און אצינד, אצונד איז ער ווײַטער קראַנק, האַ?...

פריידע האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען, געזוכט און געצאַפּעלט, ווי אַזוי זי אײַנצושטילען:

— מיט גאָטס הילף, ציפּע...

— וואָס טויג מיר דאָרט די רייד — האָט איהר ציפּע איבערגעריסען — איך שײַנק דיר דאָס דירה־געלד אויך!... פון אַ שלעכטען משא־ומתן שנײַדט מען אָב, נור דו וואָלסט געוואָלט, איך זאָל דיר נאָך צושטײַער געבען אַ פּאָר פינף־און־צוואַנציגער — נאַ דיר, פריידע'שי, אַבי ציה דיך אַרויס פון מיר?...

— איך וואָלט געוואָלט ?... מײַנע שונאים זאָלען דאָס האָבען אויף אַנ'אָנבײַסען. וואָס איך וואָלט פֿערלאַנגט ווערמענס...— האָט זיך פֿרײַדע אַרויסגעחאַפּט.

— זאָל זײַן... — האָט ציפּע געלאָסען געענטפֿערט — אַבי נישט שולדיג צו בלײַבען אומעטום, וואו מען קלאַפּט נור אין שוהל אַרײַן...

— ציפּע! וואָס ווילסט דו? געה אַרויס, וואָרום איך טהו דיר אָן די דאָניצע איך צוואַג דיך אָב פֿון קאָפּ ביז צו די פּיס.

— אז וואָהר זאָל מען מײַנע שונאים אָבוואַשען...

— ציפּע! — האָט זי נאָך אַמאָל אַגעשרײַ געטהון ווילד, זיך שטעלענדיג אַנטקעגען מיט אַבליץ אין די אויגען.

ציפּע האָט זיך אַרוק געטהון הינטערוואַלעכס. אַ ווײַלע האָבען זיך בײדע ווײַבער אָנגעקוקט, ווי די היהנער און פּלוצלונג האָט זיך ציפּע אַרויסגעריסען פֿון שטוב מיט אַנ אומפּעט און דורכ'ן פֿענסטער ערשט אַרײַנגעפּויקט מיט די פֿינגער און אַרײַנגעשריען מיט אַ פֿערקרימטער העזיה אויפ'ן פּנים צונויפגעמישט פֿון כעס און צערטליכקײַט:

— פֿרײַדע'שי!... אַ פֿישעל נאַ דיר!... געה צו דער קויקע, פֿרײַדע'שי... אַ פֿישעל אונטער'ן פֿאַרטוך, ווילסט?...

פֿרײַדע האָט זיך אַלאָז געטהון צו דער טהיר, נור יענע איז שוין געווען אַנטלאָפֿען.

אַ קוואַל טרעהרען האָט אויסגעבראָכען פֿון איהרע אויגען, און זיצענדיג אַליין צווישען איהרע פֿיער ווינקעלעך האָט זי גע-הערט, ווי דאָס האַרץ איהרס האָט זיך געריסען און האָט גע-ציטערט מיט'ן גאַנצען גוף.

זי האָט זיך קוים ווי עס איז אײַנגעשטילט און געזעצט זיך אויפ'ן בעט. זי האָט נישט געווײַנט אַזוי אויף דאָס, וואָס ציפּע האָט איהר אויפגעוואָרפֿען, ווי דערויף, וואָס זי האָט אויף אײנ-מאָל דערשפּירט די גאַנצע ביטערקײַט פֿון צוגעדריקטען לעבען.

באַלד איז יוכבד'ל צוריקגעקומען מיט דעם פֿאָטער. זי האָט שוין געהאַלטען אַנ'אָנגעשריבענעם רעצעפּט אין דער האַנד. און בעטראַכטענדיג די מוטער, ווי זי זיצט פֿערווײַנט. איז זי שטעהן געבליבען פֿערשטײַנערט.

— וואס איז עס דא געווען? — האט זי קוים געקאנט אי־בערפרעגען.

— גארנישט... האט די מוטער געענטפערט.

יוכבד'ל האט זיך איבערגעקוקט מיט דעם פאטער, און ער ווייטער האט זיך באלד אבגערוקט און פון א זייט געקוקט אויף פריידען, ווי מיט שרעק.

— וואס האסט דו מורא צו זאגען? — האט יוכבד'ל ווײ־טער איבערגעפרעגט שוין מיט טרעהרען אין די אויגען.

— וואס פרעגסט דו, קינד... — האט פריידע געענטפערט, שטיקענדיג זיך און שאקלענדיג מיט דעם קאפ — אז מען האלט שוין אין די יאהרען, און מען איז שוין אין אזא לאגע... אט ווארפט מען שוין אונז אויפ'ן מיסט אויך ארויס...

— וואס רעדסט דו, מאמע?

— יא, יוכבד'ל, יא... דירה־געלד...

— נו וויין נישט, מאמע! ... — האט יוכבד'ל אויסגעשריען און אליין געגעבען א וויין ארויס — איך האב נאך עטליכע קערבלעך פון דרשה־געשאנק, ווערסט דו דינגען א דירה, האט זי איהר געטרייסט און טרעהרען גרויס ווי ארבעס האבען זיך אראבגעשאטען איבער איהרע בלאסליכע באקען.

מנחם איז געשטאנען אן א זייט, געציטערט ווי א בלעטעל. דאס פנים האט זיך מאדנע געקרימט און געציטערט. ער האט געפיהלט, אז אלץ איבער איהם איז עס. אז איבער איהם ווארפט מען זיי פון דער דירה ארויס, און אלע צרות וואס זיי ליידען איז איבער איהם. און שרעקליך איז איהם געווארען. איהם האט זיך געדאכט, אז אין גיכען וועט ער אלעמען פערמיאוסט ווערען, און קיין אנדער ארט, ווי אויפ'ן בית־עולם, האט ער שוין נישט געזעהן פאר זיך ווענען...

ער האט זיך אוועקגעלעגט אין זיין ווינקעלע אויפ'ן בעט, צוגעמאכט די אויגען, ווי א היהנדעל בײ'ן איינדרעמלען, און אזוי שטיל. אזוי רוהיג איז ער זיך געלעגען איינגעקארטשעט, ווי קיין זאך געהט איהם שוין מעהר נישט אן, און ווי ער וואלט שוין געוואוסט, אז דאס גאנצע הויז, די ווענד מיט דעם סופיט מיט אלץ זאלען איינפאלען איבער איהם.

אז פריידע האט זיך בערוהיגט. האט זי יוכבד'לען געפרעגט:

— װאָס האָט דער דאָקטאָר געזאָגט?

— ער האָט פֿערשריבען... — האָט יאָכבעד'ל איהר געװיזען דעם רעצעפּט — און ער האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף „פּילנאָשטש" און דאַרף נישט געהן צו דער אַרבייט, װײַטער איז איהם גאָר נישט...

— געלויבט צו גאָט... — האָט פֿריידע די הענד אויפֿגעהויבען.

— און מיט דער דירה — האָט די טאָכטער װײַטער גע־טרייסט — זאָרג נישט. װעסט קריגען אַ דירה...

— מיט גאָטס הילף!... האָט פֿריידע זיך געלאָזט טרייסטען, פֿיהלענדיג זיך אַ ביסעל גרינגער אויפֿ'ן הארצען נאָך דעם דאָקטאָרס ענטפֿער.

— אָבער װאָס האָט ער געזאָגט — אַרויז איז עס?...

— ניין, אַ נירען־שלאַפֿקייט, האָט ער געזאָגט. דאָס קומט פֿון פֿערלאָזטקייט, פֿון נישט דערעסען און פֿעריאָגטקייט...

— מילא װאָס דען... ס'איז דען נישט אמת?... — האָט פֿריידע זיך אומגעקוקט צו מנחם'ס װינקעלע און צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ באַלד צו יאָכבעד'לען.

פּלוצלונג האָט זיך די טהיר האַסטיג אויפֿגעעפֿענט, און יאָסעל מיט די גראָבע בעק איז אַריין. פֿערפֿלאָמט, און האָט עפּיס געטראָגען צונויפֿגעלעגט אין דער פּאָלע.

— נאָט אייך יאַלאָװיץ, מנחם!... — האָט ער אַ רוף גע־טהון, בלייבענדיג שטעהן אין מיט'ן שטוב מיט אַן'אויפֿגעשטעלטער פּאָלע. דערנאָך האָט ער פֿון איהר אַ שאָט געטהון אויפֿ'ן טיש אַזאַ קרייטעכץ, װי גרינע אַרבעסלעך, װאָס װאַקסט אויף יאַלאָװיץ־בוימלעך, און דערביי געפּינקעלט מיט די אויגען צו פֿריידען:

— סטאַך האָט געזאָגט, אַז דאָס איז גוט צו געשװילעכטס — דאָס קאָכט מען און מען טרינקט!...

— װאָס פֿאַר אַ סטאַך? װאָס פֿאַר אַ סטאַך?...

— סטאַך דער זעגער... — האָט מנחם געענטפֿערט פֿון זיין װינקעל אַרויס, אַריבערפּינקלענדיג מיט די אויגען צו זיי.

— יאָ... סטאַך, װאָס אַרבייט מיט אונז... — האָט ערשט יאָסעל נאָך אַ מאָל פֿערטייטשט.

דערנאָך האָט ער פֿריידען בעזונדער געגעבען צו פֿערשטעהן, װי אַזוי מען בענעהט זיך דערמיט, און קריגענדיג אַן'ענטפֿער, אַז

מען װעט באלד אזױ טהון, האט ער װײטער צוגעזאגט מנחם׳ן, אז אזױ לאנג קרײנקט ר׳ מאטעל, דער פאבריקאנט זײנער, װי לאנג ער מוז נאך בײ איהם אױסרײסען א רובעל און ברענגען איהם צוטראגען.

מנחם האט דאנקבאר צוגעשאקעלט מיט׳ן קאפ פון בעט אראב און יאסעל איז אװעק א צופרידענער.

אין עטליכע טעג ארום האט פרײדע שױן געהאט אנ׳אנדער דירה. מיט דעם טיכעל אױפ׳ן קאפ איז זי אװעק צו בײלען דער װאטע-מאכערין און געגעבען איהר 2 רובעל אנ׳אױפגאב אױף דעם שטיבעל, װאס איז בײ איהר געשטאנען לײדיג, נור אױסצוקלעפען, דעם קױמען און אײװען איבערצושמירען און ארײנצוציהען זיך. בײלע האט א שם פאר א בעל-הבית׳טע. א יודינע אין א ברײט פארטוך פון פלושענקעס און מיט א רײפעל שליסעלעך פער-שטעקט אין גארטעל, געהט זי שטענדיג ארום דעם הײזעל, קלעפט, שמירט. טאמער געפינט זי א שפענדעל אין גאס, הױבט זי עס אױף, א שטײן, טראגט זי עס אװעק צו זיך אונטער׳ן פענ-סטער, און אז עס קומט די צײט פון פאדאטקעס צאהלען, נײ-יאהר, דעמאלט טהוט זי דעם מאן אן דעם פארצײטיגען פעלץ, שטעלט איהם אױף דעם קאלנער אונטערגעבונדען מיט א רױטער פאטשײלע, גלײכט איהם אױס דאס קאשקעטעל אױפ׳ן קאפ, דער-נאך זוכט זי איהם אױס בײ זיך אין א קופער די קװיטען פון פאריאהריגען אבצאהל, שטעקט זײ איהם ארײן אין בוזעם און זאגט איהם אן, אז ער זאל נישט פערגעסען דאס קאפיל ארײנצולעגען אין קעשענע, און אזױ װי ער װעט נור איבערטרעטען די שװעל פון דער קאנצעלאריע, זאל ער למה״ש באלד אראבהאפען דאס היטעל... אט בײ דער בײלען האט דאס פרײדע געדונגען איהר דירה.

— למה״ש, פרײדע, — האט איהר בײלע אנגעזאגט — שױן נישט אנדערש...

— שױן נישט אנדערש... — האט איהר פרײדע צוגעזאגט,

— װען דײן מאן װעט קומען פון דער ארבײט — לערנט

ווי זי געלאסען — נעהמט מען ביידע צוזאמען און מען טראגט זיך איבער די זאכען ביסליכווייז...

יא, מיין מאן... מען דארף איהם אליין איבערטראגען...— האט איהר פריידע דערצעהלט.

— וואס? — — קראנק?... — האט זיך ביילע ווי דער־שראקען.

— קראנק... האט שוין פריידע עפּיס ווי נאכגעשטאמעלט און די פארב אין געזיכט האט זיך אנגעהויבען ביטען, זעהענדיג, וואס פאר אנ'איינדרוק דאס האט געמאכט אויף ביילען.

— און ער געהט גאר נישט צו דער ארבייט?..

— איך ווייס, אט... זאל ער נאר געזונד זיין.

— און זאלסט מיר לעבען... מען דארף דאך דערווייל עפּיס האבען?..

— מילא...

— איז מאקי נישט גוט, הא?..

פריידען האט שוין דאס פּנים געגליהט, און זי האט זיך עפּיס מאדנע געפיהלט, ווי פערפלאנטערט אין א נעץ, און אומ־בעהאלפען איז זי געשטאנען פאר ביילען.

— און ווייסט וואס נאך, פריידע'שי... איך האב דיך גע־וואלט פרעגען? וואס איז די מעשה וואס אין מיטען יאהר ציהסט דו דיך?... די דירה טויג נישט פאר דיך?..

— ניין... וואס איז די נפקא־מינה?.. מען קאן נישט וואוינען שטענדיג אויף איין ארט!

— אזוי... האט ביילע, ווי צונעשאקעלט מיט'ן קאפ — נו, נו, מילא... קאנסט דיך נאך היינט אריינציהען.

פארנאכט צו האט פריידע געדונגען בינוש'ן דעם וואסער, פיהרער מיט זיין הויכען שפאק, וואס שלאמפערט זיך אויף די לאנגע פיער פיס ווי אויף שטאלצען, און איז פערפאהרען אויפ־צולעגען די זאכען.

מנחם איז ארויסגעקראכען פון בעט און זי האט פערבונדען דאס בעטגעוואנד אין א פלאכט, ארויסגעטראגען עס צו דער פוהר און געשטעלט מנחם'ן פאר א היטער, זי מיט בינוש'ן האבען צו־נומען די בעטען, אויסגעשאקעלט די סעגניקעס אויף דער ערד אבגעשטויבט און אבגעקראצט יעדעס ברעטעל און צו דער פוהר

ארויסגעטראָגען, די באַנק, דאָס קעסטעל, דאָס טישעל און נאָך אנדערע קלייניגקייטען האָבען שוין די פוהר פול געמאַכט און הויך ווי אַנ'ערשטער שטאָק. צולעצט האָט זי נאָך אַ בליק געוואָרפען אויף די ליידיגע פיער ווינקעלעך פון שטיבעל, אויף די קופּקעלעך שטרוי, וואָס האָבען זיך ארומגעוואַלגערט אויף דער פּאָדלאָגע, און באַלד געהייסען בינוש'ן פאָהרען.

נאָך איידער דער שפּאַק האָט אויסגעשטעלט אַ פּוס, נאָך איידער בינוש האָט אידם אויף זיין לשון אנגעהויבען צו בעטען, ער זאָל זיך ריהרען, איז שוין ציפּע די בעל־הבית'טע צוגעקומען מיט אַ שלעסעל אין דער האַנד און אויפגעהאַנגען עס אויף דער טהיר.

— וויאָ... — האָט בינוש דאָס פערד אַרודער געטהון מיט די לייטשעס איבער'ן רוקען. דאָס פערד האָט זיך אַ וויניג געטהון אויף די הינטערשטע צוויי פיס, אויסגעשטרעקט דעם לאַנגען האַלז און די פוהר האָט אַ סק־יפּ געטהון און איז פון אָרט אוועק.

פאַראויס געהט פריידע, בינוש ביי דער זייט פון וואָגען און פּנחס ארומגעוויקעלט מיט פריידעס טיכעל דאָס פּנים, שלעפּט זיך נאָך פון הינטען, קראַנק, געבויגען, ווי אַנ'אָבגעשלאָפטער זעלנער נאָך דעם „אָבאָז“. די פוהר האָט זיך געשאָקעלט, געסקריפּעט, דאָס טישעל, וואָס איז געלעגען גאָר אויבען איבערגעדרעהט מיט די פיס ארויף, האָט זיך מיטגעשאָקעלט, מיטגעטאַנצט אויף אַלע זייטען, און דער שפּאַק שפּרייזט זיך זיין וועגס, גאַס אויס און גאַס איין, ביז ער איז שטעהן געבליבען פאַר ביילע דער וואַטע־מאַכערינס טהיר.

ביילע איז אַרויס פון שטוב, און האַלטענדיג די צוויי רובעל אנטקעגען, איז זי אַרויסגעפאַלען אויף פריידען:

— גילדענע, האַרציגע, כּשר'ע, אַ בראָך איז צו מיר, אַז מען האָט נישט קיין דעה ביי קיין מאַן אויף אַזוי גרויס — האָט זי איהר מיט אַ געבעט פּנים אָבגעמאָסטען אַ שפּיצעל פינגער — מיין אברהם וויל דאָך נישט פערדינגען. עס געהט, זאָגט ער, צו ווינטער — נאַס, ווילגאָטש, וויל ער האַלטען דאָס שטיבעל אויף די וואַטע... און דו ווייסט דאָך, גילדענע, אַז וואַטע האָט ליעב טרוקען, אַז נישט, ווערט מען בדלות...

— ווי הייסט, ביילע, וואס רעדט איהר?! — האט פריידע אויסגעשריען דערשראקען.

— און, כשר'ע — — נא דיר צוריק דעם אויפגאב! — האט זי איהר אויף גיך געגעבען א שטופ אריין די צוויי רובעל אין דער האנד און איז אנטלאפען אין שטוב אריין.

פריידע איז געבליבען שטעהן א צוטומעלטע, דער קאפ האט זיך איהר אנגעהויבען דרעהען, פאר די אויגען צו שווינדלען, און זי האט זיך מיט דעם ארעם אן דער פוהר אנגעלעהנט. מנחם ווידער האט געקוקט אויף איהר מיט קינדערשען שרעק אין די אויגען, און דאס געזיכט זיינס איז געווען איינגעקארטשעט און געל, ווי וואקס.

— א, ווא, ווא!.. — האט זיך בינוש געוואונדערט — צוגעווארפען דעם אויפגאב... און וואוהין וועט מען אצונד פאהרען.. אויף יענער דירה איז שוין אויך אנגעהאנגען א שלעסעל.

אלע דריי זענען געשטאנען ביי דער פוהר פערגליווערטע.

דערווייל האט אנגעהויבען נאכט צו ווערען. דער הימעל איז ווי מיט א גראהען שימעל פערקראכען, א דין רעגענדעל האט אנגעהויבען צו טריפען אויף די שטיינער פון ברוק. די ערד ווערט וואס א מאל נאסער, פינסטערער, די דעכער שווארצער. פערוואסערט און אלץ פון הימעל ביז דער ערד האט זיך איינגעהילט אין א נאסע ברודיגקייט, אין א שווערען אומעט.

יודען מיט אויפגעשטעלטע קעלנער און אריינגעלאזטע קעפ צווישען די ארעמס, מיט פערשטעקטע הענד אין די ארבלען האבען זיך בלאס שווייגענדיג געשארט אין דער בית-המדרש-גאס אריין, אין די פענסטער האבען זיך איינציגווייז אנגעהויבען צו בעווייזען פייערלעך, ארויסשטראהלענדיג מיט אנ'אומעטיג רויטער ליכטיגקייט אין דער פייכטער נעבעלדיגער לופט, און מנחם מיט פריידען מיט בינוש'ן זענען נאך אלץ געשטאנען פערזונקען ביי דער פוהר זאכען. א קאלט שניידענדיג הערבסט-ווינטעל האט געבלאזען, מנחם האט געציטערט ווי א פיש, פונקט ווי די גלידער וואלטען זיך איהם געוואלט פונאנדערשיטען, און ער האט זיך מיט די הענד אן וואגען צוגעהאלטען, קרעכצענדיג שטיל, אז פריידע זאל נישט הערען.

װאָס װעט װערען? — האָט בינוש געפרעגט, אויפהויבענ־דיג זײן אומעטיג שטילען בליק אויף פרײדען.

פרײדע האָט אויך אויפגעהויבען דעם קאָפּ, שטיל, טרויעריג, װי נאָך אַ לאַנגער פערזונקענהײט אין אַ שװערען חלום, און קו־קענדיג מיט אַ פערגליװערט שטילען בליק אויף בינוש'ן האָט זי שטיל אויסגערעדט:

— זאָל זײן װי נאָטס װילען, פאָדר צו צו דער טאָכטער...

בינוש האָט שטיל אָבגעזיפצט, גענומען די לײטשעס און אַ ריהר געטהון דאָס פערד:

— װיאָ!...

דער װאָגען האָט זיך אַ ריהר געטהון, און פרײדע מיט מנחם'ן זענען נאָכגעגאַנגען הינטען, מיט שװער אַראָבגעזונקענע קעפּ, אײנגעשרומפּען, צו בראָכען, װי נאָך אַ לויה, און די פוהר האָט זיך געשאָקעלט און געשאָקעלט.

אונטער דער שטאָדט ערשט האָט פרײדע בעמערקט, װי מנחם צאַנקט אין טריט, נור אונטערצובערעכען זיך און אומצופאַ־לען. זי האָט געהײסען בינוש'ן בלײבען שטעהן.

דער װאָגען האָט זיך געשטעלט.

— קריך אַרויף... — האָט פרײדע געהײסען מנחם'ן און געהאָלפען איהם זיך אַרויפזעצען. און טיעף האָט ער זיך אַרײנגע־רוקט מיט די פּלײצעס אונטער די הויך אָנגעלאָדענע זאַכען און מיט די פיס אונטער זיך.

ער האָט געפיהלט װי אַ הײלונג אין לײב, אַ זיסקײט אין די בײנער.

— „צום אײדעם אויף קעסט"... — האָט איהם פרײדע צו־געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

מנחם האָט דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט און דער װאָגען האָט זיך װײטער געריהרט. דאָס טישעל מיט די פיס אַרויף האָט זיך געהוידעט אַ גאַנצען װעג איבער זײן קאָפּ. די רעדער האָבען צו־געסקריפּעט. די כלים. טעפּ, שיסלען האָבען הילכיג אָבגעקלונגען פון דער מיט אַרויס און מנחם'ס נעל געזיכט און דער שטערן האָ־בען זיך געקנײטשט: „צום אײדעם אויף קעסט"... נור באַלד האָט זיך אָנגעהויבען אַרויסצוזעהן פון װײטען נעבעל יענץ הײזעל מיט דעם שטילען פענצטערל פון יענעם קלײנעם פענסטערל, און אין

מנחם'ן האָט זיִך צוגאָסטען אַ וואַרימעס זיסעס געפֿיהל איבער'ן הארץ און איִן אלע גליִדער און אין דיִ אויגען האָט זיִך אַ שטיִל גליִסטיִג בליִשצעל אָנגעצונדען צום יענעם שטיִלען בערויִבטענעם פענסטערל, וואָס האָט פֿון דעם פֿערנעבעלטען אָוועגד ארויסגעשײַנט , ווי אַ רויט פֿײַערדיִג אויגעל ...

חַנָה'לֶע.

(אַ בִּילְד).

אז דער זײַגער האָט אָבגעשלאָגען צוועלף האָט זיִך חנה'לע פֿון שלאָף אויפֿגעחאַפּט. דרעמלענדיִג איז זיִ געזעסען בײַ'ם טיִש. אָנגעשפּאַרט מיִט דעם קאָפּ אויף דער האַנד און געוואַרט אויף איִהר מאַן. דער הענג-לאָמפּ אונטערן בעליק בעפּוצט מיִט רויט פּאַפּיִר ארום טעלער — האָט זיִך רוהיִג געברענט און געוואָרפֿען אַ רויטליִך מאַטען שײַן אויף דעם שלאָפֿענדיִגען קיִנד איִן וויִגעל. חנה'לע איִז אויפֿגעשטאַנען פֿון טיִש , און בלײַבענדיִג שטעהן איִן מיִטען שטיִבעל האָט זיִ זיִך געצויגען אויסבײַגענדיִג און ציִהענדיִג איִהר שלאַנקע טאַליע, וויִ זיִ וואָלט קײן גאַנץ אָבער ניִשט געפֿיִהלט. מיִעד און צובראָכען איִז זיִ פֿון דעם שלאָף. עפּיִס האָט זיִ אלײן ניִשט געשפּיִרט ציִ זיִ האָט געשלאָפֿען ציִ זיִ איִז וואַך געװעזען. שווער וויִ בלײַ האָבען איִהר דיִ געדאַנקען געדריִקט איִן קאָפּ דיִ גאַנצע צײַט, וואָס זיִ איִז בײַ דעם טיִש געזעסען אָנגעשפּאַרט, און עפּיִס אַ מאַטקײַט פֿון דרעמלען האָט איִהר דעם קאָפּ פֿערוויִגט, זיִ קוקט זיִך אום איִבער דעם לײדיִגען שטיִבעל, אויף דעם קיִנד איִן וויִגעל, און אַ שטיִלע בענקשאַפֿט צוגיִעסט

זיך אויף איהר רויטלעכדיג אבגעלעגען געזיכט, פיהלענדיג ווי איינזאם זי איז. זי פיהלט די שטילקייט וואס דריקט ארום איהר, און אויף די רויטליך בעלויכטעטע ווענד, דאכט זיך איהר, שוועבט אויך ארום אזא שטילע בעקנשאפט... זי הערט זיך צו צום קינדס שטילען אטעמען, וואס בעוועגט די ליפלעך אין שלאף פונקט, ווי עס וואלט ערשט דער מוטערס ברוסט געזויגען, און וועהענדיג, ווי בלאס דאס פנים'ל איז, און די אייגעלעך אזוי שטיל, פערמאכט, נעהמט איהר א רחמנות אן — עס דאכט זיך איהר, אז דאס קינד ליידט דוחק, און אז זי האט עס גאר ווענינ אין זינען... לאנגזאם איז זי נאך נעהנטער צוגעגאנגען צום וויגעל, און איהר שטילער איינהארכענדיגער בליק איז נאך טיעפער געווארען איבער דעם קינדס פנים'ל... יענע נאכט, דאכט זיך איהר, האט עס זיך פון שלאף ארויסגעריסען, און זי איז אזוי מיעד געוועזן, אז זי האט געהערט, ווי דאס קינד וויינט און וויינט, און נישט געקאנט זיך אויפחאפען... אלץ דורך די שלעכטע געדאנקען, וואס מאטערן זי גאנצע נעכט — האט זי געטראכט — אין אז מען ווערט שוין ענטשלאפען, שלאפט מען ווי געהרג'ט... און אז זי האט זיך נאך דערמאנט, ווי יענע נאכט איז דער מאן געקומען א היים צו געהן פארטאג צו, עס האט שוין ארייננעבלאהט אין הויז ארײן. ווען זי האט איהם די טיהר אויפגעמאכט... איז איהר א ציטער דורכגעלאפען איבערן גאנצען לייב... ווער ווייסט, ווען ער וועט די נאכט קומען?...——

זי האט העכער ארויפגעדרעהט די לאמפ, געפרובט א שאקעל טהון די באניע, דער נאפט אינעווענינ האט זיך בעוועגט און זי האט צוריק אראבגעלאזט, פריהער די האנד, דערנאך דעם קאפ... איהר דאכט זיך, אז זי האט נאך עפים צו טהון... נאר וואס, קען זי זיך נישט דערמאנען...

פון דרויסען האבען זיך טריט געהערט, און זי איז שטעהן געבליבען מיט אנגעשטעלטע אויערען צום פענסטער, וואו דאס פישעל איז געשטאנען, און איינגעהערט זיך מיט איין אנגעשטרענגט ערנסט געזיכט ———

... די טריט שלאגען הילכדיג אב אין דער שטילקייט פון דער נאכט, נאר וואס אמאל, הערט זי ווערען זיי מעהר דערווייטערט פון הייזעל... מען הערט שוין נישט מעהר, ווי א שוואכען

אָבקלאַנג. ווי אַ ווידער־קול פון ערגעץ אַ הוילקייט אַרויס, ביז עס ווערט אין גאַנצען שטיל. ———

זי קוקט זיך אום צום זייגער, זעהט ווי קאַלט און ערנסט ער קוקט מיט זיין ווייסען ציפער־בלאַט אויף דער שטוב אַרויס, הערט זיך איין אין זיין אייזערנעם גאַנג, און זי דערפיהלט עפּעס אַ פוסטקייט, אַ קעלט אינ'ם האַרץ... און וואָס וועט זי איצט טהון, אַז דער נאַכט וועט אויסגעהן... טראַכט זי זיך איינקוקענדיג אין לאָמפּ אַריין.

און אַז זי דערזעהט נאָך דאָס בעט, וואָס שטעהט, ביי דער וואַנד קעגען־איבער — חאַפּט עס זי אָן ביי דעם האַרץ... זי זעהט ווי פערבעט עס שטעהט, אַנגעלאָדען הויך מיט דעם בעטגעוואַנד און מיט דעם ליילעך פערשפּרייט, ווי קיין האַנד וואָלט זיך קיינמאָל ניט דערצו צוגעריהרט... שוין די צווייטע נאַכט שטעהט עס אַזוי פערבעט... און ווי אַ קאַלטער קבר האָט עס יענע נאַכט אריבערגעקוקט צו איהר אין בעט אריין...

און דאָ וועט נאָך דער לאָמפּ אויך אויסגעהן, און זי האָט נאָך דאָס געפעס ניט אָבגעוואַשען... — האָט זי זיך דערמאַנט...

נאָר איידער זי האָט איינגעדרעמעלט איבערן קאַנט פון טיש האָט זי אַריינגעשטעלט אַ טעפּעל וואַסער אין היין־אייוועלע צווישען דעם פּריפּיג אָנצעוואַרעמען, און דאָס געפעס האָט זי זיך נעבען דעם אייוועלע אַנגעגרייט...

זי האָט אַרויסגעצויגען אַ גאַרשטשיק שטרוי פון קינדס צו־פוסענס און מיט שטילע טריט אָבגעווענדט זיך צום אייוועלע.

קוים בלישצענדיגע פונקען האָבען נאָך שוואַך אַרויסגעשיינט פון אָפענעם אייוועלע, וואו זי האָט דאָס אַש אויפגערודערט מיט דעם טעפּעל אַרויסגענומען. און אַריינגיסענדיג דאָס וואַרעמע וואַסער מיט דער פּאַרע אין אַ גראָהען ערדענעם בעקען, וואו דער ווייע־חיטש שטרוי איז שוין געלעגען — האָט זי די טעלער און לעפעל אַריינגעלעגט אַ היין און גענומען וואַשען אַ טעלער'ל, קוקלענדיג עס מיט דער האַנד אין וואַסער.

די פּאַרע פון וואַסער און פערוויקטען שטרוי און נאַסע הענד איז איהר איבער דעם פּנים אויפגעגאַנגען, נאָר זי האָט זיך זיצענדיג פערטראַכט איבער דעם בעקען, און ווי זי וואָלט עס אַליין ניט געפיהלט האָבען איהרע אויגען מיט אַ פּינטען בליש

געקוקט אין דעם רויטלעך שפּילען פלעמעל פון ברענענדיגען לאמפּ. איהר געזיכט האט זיך געריטעלט קעגען דעם שפּילען פייער'ל, און די אויגען זענען געשטאנען אונבעוועגליך, עס האט זיך געדאכט, אז די גאנצע שטוב איז אויסגעלעדיגט, נאר א סודות־דיגע שטילקייט שוועבט אין דער טונקעל רויטליכער לופט ארום איבער וואס דאס פייערעל שטעהט אזוי פערטראכט... אפילו די פידעל אויף דער וואנד איבער זיין בעט העננט אויך אזוי אבגעלאזט... א טונקעלע הוילקייט קוקט פון אונטער די סטרונעס ארויס, און די פערלארענע קלאנגען, האט זיך געדאכט, בלאנדזען ערגעץ אין דער לופט ארום און זענען אוועק זוכען זייער בעל הבית אין דער ווייטער נאכט אריין...

זי ווייסט, אז היינט האט ער קיין חתונות נישט. און דאך קאן ער אין שטוב נישט איינזיצען... באלד נאך דער חתונה פלעגט ער איהר אמאל עפּעס שפּיעלען... ער פלעגט זיצען אין שטוב און היינט איז איהם דאס אלץ געוואָרען צוגעגעסען...

שוין א לאנגע צייט אז ער פיהרט אזוי מיט איהר... נאר זי האט נישט פאר וועמען די צרות פון הארץ ארויס צו רעדען... און אין הארץ, דאכט זיך איהר, האט זיך שוין פיעל אנגעקליבען. אזוי פיעל... אז יעדעס מאל, ווען זי וויל איהם עפּעס רעדען. דערצעהלען איהם—האט זי מורא, אז זי זאל זיך נישט צוויינען פון ביטערקייט, וואס קומט דעמאלט צו צום הארץ, ווי א גאנצער קוואל, נאר ער פערשטעהט דאס אליין און פרעגט זי נאך מיט א שמייכעל, וואס זי ווישט די טרערען...

... אין דער פריה פערענטפערט ער זיך, און ביינאכט איז ווייטער דאס איינענע...

אנפאנגס פלעגט ער מיטנעהמען די פידעל... איך דארף איינשפּילען א שטיק ביי דער חברה... פלעגט ער זאגען... און ווייסט זי... אפשר האט ער זי שוין נאך דעמאלט גענארט... א פרוי האט לאנגע האר...״— האט זי אנ' אבגעוואשען טעלע־רעל דערווייל אוועקגעשטעלט פון דער האנד און ווייטער געוואַשען... און א חתונה, ווייסט זי, היט ער אויך נישט אב, ווי עס געהער צו זיין... פון טיש אוועק ווערט ער פערפאלען, און די חברה לויפען איהם ארום זוכען, קוים מען געפינט איהם ביי מרדכי פעלדשער.

און זי ווײסט נישט וואָס ער האָט דאַרט צו טהון טאָג און נאַכט, און וואָס ער האָט אַזוינס דערזעהען אָן מרדכי'ן... — אַ חיבי צו דער שוואַרצער מויד זײַנער... — האָט זי ווײטער געטראַכט רונצלענדיג דעם שטערן.

און נאָך מעהר טהוט איהר דאָס האַרץ וועה, וואָס ער היט זיך פאַר איהר... און וואָלט ער אַלײן נישט געוועזן זי מיטגענומען אַהין דעם שבועות, וואָלט זי חאָטש נישט געוואוסט, וואו זי האַלט אין דער וועלט... פונפציג מאָל אַ ודאי איז יענע איבער דער צײַט צום שפיגעל צוגעשפרונגען... איהם אין די אויגען... אַ פרעמדען מאַנספערשוין... און צו איהר אַלײן נאָך געמאַכט מיט אַ שמײכעלע — חנה'לע... דײַן אברהם זאָגט אַז אַזוי איז שענער צו געהן פערקעמט...

„מײַן אברהם זאָגט"...

און וואָס האָט זי דעמאָלט געזאָלט טהון — פריוואט זי זיך פערענטפערען פאַר זיך אַלײן — הלואי וואָלט זי בעסער נישט געוועזן געבוירען געוואָרען אויף דער וועלט, אײדער אַזאַ קרענקונג צו צו זעהן...

און זי ווײסט גאַנץ גוט, אַז קײן לײַטישע געלעבטער וואָלטען גאָר נישט געקענט איהר ביטער מזל פערדרעכטען... זי וואָלט איהם נאָך אפשר ערגער געמאַכט...

„נאָר פאַר וואָס היט ער זיך פאַר איהר — פײַניגט איהר אַ געדאַנק...— איז דען דאָס נישט קײן רעכטער סימן אַז ס'איז אַזוי"...

און אַז זי דערמאָנט זיך נאָך, ווי אַזוי, און מיט וואָס פאַר אַ קונצען ער האָט זי דעמאָלט אַהײם גענאַרט מיט דעם קינד, ווײַל מען האָט זיך דאָרט געלאַדעוועט צו געהן אויף שפאַציר אין וואַלד אַרײַן... פיהלט זי, אַז זי וועט משוגע ווערען פאַר צרות— וואָס האָט ער זי געהאַט אוועק צו נאַרען?... און עס דאַכט זיך איהר, אַז דאָס האָט איהם די מויד אַזוי געהײסען...

„נאָר דאָס וועט זי איהם מאָך אַלײן זאָגען... — האָבען זיך איהר די טרעהרען שוין געשטעלט אין די אויגען — זאָל ער נישט מײנען, אַז ער האָט זי געפונען אונטערן פלויט!..."

זי האָט זיך אויפגעשטעלט און פיהלענדיג אַ וועטהאָג אין רוקען פון זיצען די גאַנצע צײַט אײַנגעבויגען איבער דער ערד, האָט זי זיך וועהטאָגליך געקרימט אויפ'ן געזיכט, און לאַנגזאַם

האט זי דאס נעפּעץ צושטעלט איבערן שענקעל. דערנאך ערשט צום קינד זיך אומגעקוקט.

„און וואס וועט זי איצינד טהון, אז דער נאפּט וועט אויס-געהן?“ — האט זי ווייטער געקלערט קוקענדיג איבערן לאמפּ, און דאס פייער'ל האט זיך עפּעס ווי שטיל קרענקליך געקלאגט פאר איהר...

מעהר ווי א האלבע נאכט זיצט זי אין שטוב אזוי איינע אליין. דער קאפּ האט זיך איהר שוין איבערגעדרעהט קלערענדיג וואס פאר אנ'ארבייט צו געפינען זיך דערוויל ביז ער וועט קומען, און וואס האט זי שוין דען נישט איבערגעטהון... זי האט שוין שקארפּעטקעס געזוכט צו פערצערעווען... וועטשערע אבגעקאכט און אבגעגעסען—און איהם זעהט מען נאך אלץ נישט..

„זי וועט אפשר ארויסגעהן דעם לאדען פערמאכען“...— איז איהר ווייטער א געדאנק איינגעפאלען, נאר געבענדיג א קוק צום פענסטער, וואו דער לאדען איז שוין פערמאכט געוועזען איז זי ווייטער שטעהן געבליבען אין מיטען שטוב מיט אנ' אראבגע-לאזטען קאפּ. זי האט שוין גארנישט וואס צו טהון — האט זי דערפיהלט, און די אייגענע פוסטקייט אין הארץ פון פריהער האט זיך ווייטער אנגערופען. זי האט זיך ווייטער צוגעהערט צום גאנג פון זייגער, צום שטילען קלאפּען פון איהר אייגען הארץ, און די שטילקייט האט זי אזוי ארומגענומען — אז זי האט געפיהלט — אז זי קאן דא נישט זיין.. אז זי מוז איהם געהן זוכען...

אין דרויסען איז חנה'לע געשטאנען מיט דער פאטשיילע אויפ'ן קאפּ. נאר באלד, ווען זי איז נאר פון שטוב ארויס זענען איהר אין קאפּ ארייננעקראכען בייזע מחשבות, וועגען קעץ מיט הינד, וואס וועלען זיך אין שטוב אריינכאפּען דורכ'ן קוימען, ווי נאר זי וועט אוועקגעהן און לאזען דאס קינד אליין... נישט ווי-לענדיג האט זי זיך אונטערן לאדען צוגערוקט און איינגעהערט זיך צו דער שטוב. איהר האט זיך געדאכט, אז דאס קינד וויינט: „מא-מע“... נאר אין שטוב איז שטיל געוועזען, און שרומפּענדיג דאס געזיכט אין דער פאטשיילע איינגעהילט, האט זיך איהר בליק ווייטער איבערגעטראגען איבער דער ווייטער גאס. אלע הייזער

אַרום זענען שוין געשלאָפֿען מיט פֿערמאַכטע לאָדענס, נאָר ערגעץ וואו אויף אַ גאָרען האָט נאָך אַ לעמפּעל געבלישטשעט און רויטליכע שטראַהלען האָבען זיך דורך דעם פֿענסטער אַרויס צוזייט. די לופֿט איז קיהל געווען. די לבנה האָט זיך איבער צוריסענע שטיקער וואָלקען געשיפֿט, אַלע מאָל אַרויפֿשווימענדיג אויף אַ לויטער שטיק הימעל און ווייטער פֿערפֿאַלען ווערענדיג אונטער אַ שוואַרצער געדיכטער חמאַרע. וואָלקענס און וואָלקענדליך זײַנען איבער די דעכער געלאָפֿען, די שאָטענס האָבען די גאַסען פֿערהילט און ווייטער ענטלאָפֿען, און קעגען דעם שײַן פֿון דער לבנה האָבען שטעהענדיגע וואַסערלעך אויפ'ן ברוק געבלישטשעט, און אָבגעשלאָגען מיט שוואַכע צובראָכענע שטראַהלען אין דער טונקעלער נאַכט אַרײַן. צײַטענווײַז האָט זיך אַ ווינד איבער די דעכער אויפֿגעהויבען, לאָזענדיג זיך הערען מיט אַ פֿײַף איבער אַ קוימען און אַלע מאָל איז געקומען אָנצופֿליהען אַ געראויש פֿון ערגעץ ווײַטע ביימער. חנה'לע איז געשטאַנען אונטערן לאָדען אײַנגעהילט אין דער פֿאַטשײַלע און געציטערט מיט'ן גאַנצען קערפּער; ווײַט ערגעץ אין אַ ליכטיגע שטוב, דאַכט זיך איהר, זיצט איהר מאַן, און אַ מויד מיט שוואַרצע האָר און מיט אַ כשוף־שמײַכעל אויף די ליפּען שטעהט קעגען איבער איהם, נאָר אין די לאַנגע האָר איהרע איהם אַרײַנצופֿערפֿלעכטען — און דאָ אין איהר שטיבעל, דאַכט זיך איהר, רײַסען זיך שוין קעץ אַרײַן דורך דעם קוימען... און דאָס קינד רופֿט „מאַ־מע“ „מאַ־מע“.

ר׳ יואל.

(אַ בילד).

פּערזאָנען:
- ר׳ יואל שענקער.
- צירעלע זיין ווייב.
- דיענסט.
- פלעדערמויז, איונג.

ערשטעס בילד.

(קומט פאָר ביי ר׳ יואל׳ן אין שטוב, שבת אין דער פריה שבת׳דיג אויפגערוימט מיט פאָרהאַנגען פאַר ביידע פענסטער און איבער דער טהיר רעכטס, וואָס געהט אריין אין שענק. לינקס איז פערהאַ נאָך אַ טהיר אין גאַס אריין).

ר׳ יואל. (זיצט ביי׳ם טיש פערטיעפט איבער אַ גיאַפענער גמרא, האַלט אַ רויטע פאַטשיילע אויף דער שוים, וועלכען ער דערהויבט צייטענווייז צו דער נאָז, שנייצט אריין אין איהר און צו-שאָקעלט זיך).

תא-שמע... יאַ-יאַ-יאַ... (ציהט לאַנג דעם טאָן. צוגיט שטיל. פערשלאָפט).

צירעלע. (זיין פרוי, טהוט זיך אָן בײַ דער אָפענער קליידער-שאַנק. צו דער דינסט) זעה נאר, מיידעל, וואָס פאַר א תל דו מאַכסט מיר פון די מלבושים...

דינסט. (בלייבט שטעהן מיטין בעזעם אין מיטין שטוב) וועך איך, בעל-הבית-טע?...

צירעלע. אוודאי, מיט דיין קליידעל אריינהענגען צווישען מיינע, האָסט דאָך א קויש דיין איינגענעם!...

דינסט. אין קויש שימעלט, בעל-בית-טע... ער שטעהט אין ווינקעל... ס'איז ווילגאַטש...

צירעלע. נעהם העקעל מיר צו...

דינסט. (לאָזט דעם בעזעם און שפּילעוועט איהר צו דאָס קלייד, דאָס קאַפּטאַנדעל) קיין עין הרע, בעל-בית'טעשי... עס קאָן נישט צו דאָס העקעלע...

צירעלע. האָסט לײַמערנע הענד — — א בעסער'ן ציה! (צו יואל'ן) און דו נעהסט נאָך נישט דאַווענען!

ר' יואל. (וועקט זיך. חאַפּט די פּאַטשיילע פון דער שוים, שנייצט אריין אין איהר) און א גלעזעל וואַרעמס?...

צירעלע. נו זעהסט דאָך — — די מויד קאָן גארנישט אויס-קומען מיט דער צייט! בעהיט זאָל מען ווערען, אז זי נעהמט עפּעס צו טהון...

דינסט. נעהן ערשט צום בעקער? (די טהיר פון גאַס עפענט זיך און פלעדערמויז, א יונג אין א גראָבע מאַרינאַרקע מיט א פוטער'ן היטעל ביז איבער די אויגען און אין א פּאָר שטיוועל מיט לאַנגע האַליוועס, קומט אריין אין שטוב עפּעס צוהאַלטענדיג מיט די האַנד אונטער'ן בוזעם).

ר' יואל. (דערזעהענדיג איהם, מאַכט א ברוגז פּנים, און דער גמרא אריין) אָמר ריש לָקיש... האָט ריש לקיש געזאָגט...

פלעדערמויז. גוט שבת, צירעלע...

צירעלע. (פערמאַכענדיג געשווינד דעם שראַנק) גוט שבת, גוט יאָהר...

פלעדערמויז. (קוקט זיך אַרום) איך האָב עפּעס געדאַרפט צירעלע... (פערמאַכט זיך מיט דעם האַנד אונטער'ן בוזעם).

צירעלע. נו, זאָג...

פלעדערמויז. (ווײַזט מיט א ווינק אויף דער מויד) זי איז דא...

צירעלע. גו קום אַרײַן אין שענק... (ציהט איהם אין דער צווייטער טיהר אַרײַן, וואס איז פערהאנגען מיט א פאר־חאנג) ווילסט דאך בראנפען אוודאי, הא!.. (בײדע אב).

דיענסט. (קוקט נײַגעריג נאך מיט געשפאנטע בליקען אונטער דער פארהאנג) דארט מוז שוין עפעס זײַן...

צירעלע. (בעוויזט זיך צוריק אין דער אפענער טיהר, אַרויסשטע־קענדיג דעם קאפ פון אונטער דער פארהאנג) מײדעל, פאר וואס גערסט דו שוין נישט נאך דער באנקע קאווע?

ר׳ יואל. יא — יא — כדהני...

דיענסט. (נעמט א פאטשיירע איבערין קאפ. גערט אַרויס פון שטוב).

צירעלע. (גערט צו אונטערווײַלעכם צום מאן) יואל... יואל... איך האב דיר עפעס צו זאגען...

ר׳ יואל. (בײזערדיג) וואס ביזט דו מיך מבטל?!

צירעלע. איין מינוטקעלע... (בייגט זיך צו. הויך) דער יונג האט א פאר לײַכטער... זילבערנע... און ער ווייסט אליין נישט, וואס זיי זענען...

ר׳ יואל. (בעט זיך) טשעפע דיך אב פון מיר, אום שבת...

צירעלע. יואל, יואל, יואלישי... לאז צו דיר רעדען, איך בעט דיך — פערטרײַב מיר נישט קיין מענשען פון שטוב ארויס. הערסט, יואל... דו האסט א שענק...

ר׳ יואל. (אבגעריסען) שענק, שענק, שענק!... (טהוט זיך א ווארף אויף דער שטוהל, דרעהט זיך אום מיטין רוקען).

צירעלע. יואל, יואל! מאך־זשע דיך נישט נאריש... יואל. וועסט ארויסלאזען איינמאל, וועט מען דאס צווייטע מאל אליין ענטלויפען...

ר׳ יואל. אבער, שבת...

צירעלע. אבער, יואל... איך געה איהם אַרײַנרופען.

ר׳ יואל. ניין... איהם אליין נישט.

צירעלע. דו וועסט חאטש א קוק טהון אויף זיי... איך וועל זיי דיר אליין אַרײַנברענגען...

ר׳ יואל. ניין... מוקצה!... צירעל, אום שבת...

צירעלע. נאר א בליק טהון...

ר׳ יואל. איך פֿערלאָז מיך אויף דיר... גיי דו אַליין אַריין צו׳ן איהם —— דאָרט! דאָרט!...

צירעלע. ניין, ניין, יואָל׳שי... (לויפֿט צו צו דער אָפֿענער טהיר) פֿלעדערמויז, זײַ־זשע מוחל...

פֿלעדערמויז. (רוקט זיך אַריין, נאָך אַלץ אונטערהאַלטענדיג מיט דער האַנד זיין אונטערן בוזעם).

ר׳ יואל. (צו פֿלעדערמויזען) זײַ־זשע מוחל, ווי הייסט דו!.. גיי דיר געזונדערהייט. דאָ איז נישט קיין אָרט...

פֿלעדערמויז. נו, איז נישט, בעדאַרף מען נישט!. (רוקט זיך אַראָב דאָס היטעל טיעפֿער איבער די אויגען, מאַכט זיך גרייט צום אוועקגעהן).

צירעלע. אוי, אַ דונער האָט מיך געטראָפֿען! יואל, וואָס פֿערטרייבסט דו מיר מענשען פֿון שטוב אַרויס (כאַפּט פֿלעדערמויזען ביים אַרבעל) וואַרט, וואַרט! —— קינדלעב. וואָס טענה׳סט דו מיט איהם, ער האָט דאָך אַ משוגענע שעה אין זיך.. דו ווייסט דאָך ... ווייז אַהער...

פֿלעדערמויז. (אָנגעבלאָזען) ביי מיר געהט דאָס נישט. נישט איז נישט! ... איך בעדאַרף מיך נישט איינבעטען... מען בעט מיך!... (נעהמט אַפֿער אַ פּאָר זילבערנע ליי־טער פֿון אונטער׳ן בוזעם. טהוט זיי אַ וואַרף אין דער הויך) אָט איז אַ פּאָר „שטעהער׳ס". עס בלאַנקט!..

ר׳ יואל. פּלאַטע...

פֿלעדערמויז. (קוקט צוטראָגען אונגליקליך) פּלאַטע, זאָגט איהר?... (ברוגזליך) און פּלאַטע, מיינט איהר, געהט צו־פֿוס, וואָס!!...

צירעלע. וואָס טהוט זיך מיט דיר, קינדלעב... דו היטסט זיך גאַרנישט!... האַלסט אַזוי אָפֿען!... נעהם כאַפּ אונטער דער פּאָלע... די דינסט קומט דאָך באַלד אָן...

פֿלעדערמויז. טאָ נעמט זיי צו — און אַ סוף!..

צירעלע. נו ווי אַזוי, מיין יואל זאָגט — פּלאַטע...

ר׳ יואל. איך זאָג!... איך זאָגט זי, זאָג... איך הייס אין גאַנצען נישט האַנדלען אום שבת!... (וואַרפֿט אַרויף די פּאַטשיילע אויף דער אָפֿענער גמרא. רוקט זי אָב אין אַ זייט).

צירעלע, (צו פֿלעדערמויזען) פֿאָלג מיך, קינדלעב... ווי הייסט

דו, פלעדערמויז, צו ווי אזוי, די גוטע יאהר ווייסען דיך... פאָלג מיך, טענה נישט אסך מיט איהם, נאָר לאָז איבער די לייכטער און קום אריין צו געהן, ווען מען צינדט נאָר פייער אָן... וועלען מיר שוין א דורכקומען...

פלעדערמויז. איך דאַרף געלד...

ר׳ יואל. אום שבת? (קרעכצט).

צירעלע. יואל, וואָס ווילסט דו פון מיר האָבען! וואָס ווילסט דו מיר מענשען פערטרייבען?..

ר׳ יואל. (קרעכצט).

פלעדערמויז. צירעלע, ווייל איך, פערשטעהט איהר מיך, גיט מיר דערוויי‌ל עפּעס געלד, און איך וועל ביינאַכט באַלד נאָך דער הבדלה אריינקומען... דערווייל גיט דריי רובל.

ר׳ יואל. (צו צירעלען) דאָס איז דערווייל?... וויפיעל זענען זיי דאָס אין גאַנצען ווערט?...

צירעלע. אויך מיין דאגה... ער איז דאָך א היימישער יונג... וועל-מיר זיך מסתמא קיין עולה נישט טהון.. (צו פלעדערמויזען) וואָס זאָגסטו, נישט אַזוי?... וועסט דאָך מסתמא מיינס נישט פערלאַנגען?... (גלעט איהם איבערן אַרבעל) אַזא יאָהר אויף מיר, וואָס פאַר אַנ'אָרענטליכער יונג ער איז אין דער טבע— דריי רובל ווילסט דו, האַ?..

פלעדערמויז. דריי רובעל, אסוף...

צירעלע. נו שטעל אוועק. — קריגסט —— נאָר גיכער, די מויד קומט באַלד אָן.

פלעדערמויז. (לעגט אוועק די לייכטער אויף דער ערד בײַם פוס פון בעט), פאַרטיג אַנ'עסק.

צירעלע. (רוקט רוהיג אויף דאָס טיש-לעדעל, ר׳ יואל רוקט זיך אָב אונטערווייענדיג מיט דער שטוהל. פלעדערמויז קלויבט ארויס פון דאָרט געלד).

ר׳ יואל. וויפיעל ליגט דאָ?...

צירעלע. הדרי רובל פונקט. קופער-געלד... זאָל ער זיי אין גאַנצען צונעהמען...

ר׳ יואל. (מיט א שמייכעלע) אין גאַנצען...?

צירעלע. מילא. וואס דען קאן איך מאכען מיט איהם, אז ער דארף... נישט קשה... גאט וועט אונז אויך נישט פערלאזען... (אויף פלעדערמויזען) א מורא. אנ'אנ'דערן גיב איך נישט קײן געלד אום שבת!...

ר' יואל. און נאך פאראויס!...

פלעדערמויז. (ארײַנשיטענדיג דאס געלד אין דער הויזען-קעשענע. קוקט זיך נאך ארום, צו צירעלען) א גוטען שבת, צירעלע!... (וויל געהן).

ר' יואל. (מיט א ליכטער בעוועגונג) צירעל — זאג איהם. זאל ער חאטש די ליכטער ארײַנשטעלען אין דער שאנק... דא איז דאך נישט קײן ארט...

פלעדערמויז. (מאכט די ליכטער צו דער שראנק צו, צירעל עפענט זי און ערווארפט זײ ארײַן) א גוטען שבת! (געהט ארויס).

צירעלע. (הויבט אויף די הענד צו גאט. מיט א פרום פנים, געלויבט ביסטו גאט, פטור געווארען פון אזא פגע רע).

(עס דערהערט זיך א קוויטש אונטער דער טיהר פון א פרויען-שטימע און די דינסט קומט ארײַן צגלויפען צערודערט, נאר בלײַבט באלד שטעהן אין מיטין שטוב פארשעמט, מיט דער באנקע אונטער דער פאטשײלע).

צירעלע. וואס איז דיר צוגעקומען? וועלכע שווארץ יאהר?..

דינסט. דער יונג, דער גנב דא...

ר' יואל. ער האט דיר געוואלט די פאטשײלע אראבכאפען?...

דינסט. (אין פערלעגענהײט) נײן... נישט דאס...

צירעלע. (מיט א שמײכעלע) אויך א נײַעס... א יונג — — — ווײס איך דארט וואס...

דינסט. (שטעלט די באנקע אויפ'ן טיש, גיעסט אן ר' יואלין קאווע. ר' יואל טרינקט, ווישענדיג די וואנסען מיט דער פאטשײלע און סמאקעוועט).

צירעלע. (מאכט ווײַטער די שאנק אויף, נעמט ארויס) זעהסט, יואל — ט'האסט דו דײַן אטלאסענע קאפאטע (לעגט זי אויפ'ן רוקען פון בעט און נעמט ווײַטער ארויס) די זײַדענע גארטעל... (לעגט זי אויפ'ן בעט) יואל, דאס סאמעטענע הוטעל צי דאס שטרײַמעל?... וואס, יואל?...

ר' יואל. בײדע...

ציר׳עלע. (נעמט ארויס, לעגט אויפ׳ן בעט).

ר׳ יואל. (טהוט זיך אן, איבער דער צייט שטעהט שוין צירעלע גרייט מיט׳ן טלית אין דער האנד. ער נעמט איהם צו, קושט פרום די מזוזה, געהט אוועק דאווענען).

צירעלע. (מיט אויפגעהויבענע הענד און א פרום־אבשייערענדיג פנים)

אוי, א מין ליבטיגער מאן דאס איז עס!...

אין דער שטיל.

(ערצעהלונג).

אויף דעם טיש אין מיט'ן שטוב האט געברענט א פארצעלײ-ווײסער לאמפ מיט א גלעזערנע פערמאכטע שײן איבער'ן גלעזעל, וואס האט אבגעשלאגען אויף די ווענד ארום זיך א רוהיגע ליכטיגקײט. פון אײן זײט טיש איז געזעסען דער בעל-בית — א לעגנליך געזיכט, א רויטע אבגעגלאנצטע נאז, ווי פון אײנעם, וואס זיצט שטענדיג אויף דער קעלנע מיט'ן פנים קעגען ווינד, און פון אונטער זײן פלושען קײלעכדיג היטעל איבער'ן שטערען האבען אפערגעקוקט א פאר שטיעלע גלאנציגע אויגען. געגענאיבער איהם איז געזעסען נאך אײנער — א שעניקער מיט א ווײס עדעל געזיכט, שווארצע אויגען, שווארצע, קורצע פאה'לעך מיט א טוכען היטעלע איבער'ן קאפ. ער איז געוועזען אריינגעטהון מיט'ן גאנצען פנים אין א קאליערטין בויגען פאפיר, וואס איז געלעגען פאר איהם אויפ'ן טיש, שניצענדיג אין איהם מיט א מעסערל מיט א פעריל-טוטערנעם שטיהלכעל, וואס האט געבלישצעט צווישען זײנע פינגער, און דערבײ איז ער געוועזען אזוי פערטיעפט, אז ער האט נישט בעמערקט, ווי דעם בעל-הבית'ס שטערען רונצעלט זיך יעדעס מאל, קוקענדיג איבער דער טהיר פון קיך, און פון דארט הערט זיך א שארך פון דער בעל-בית'טע און עס מיניעט פערבײ איהר קרעטאנען קלײדעל פאר דעם שפאלט פון דער פארטיערע. וואס איז אראבגעלאזט איבער יענער טיהר. דער גאסט האט אויך נישט בעמערקט מיט וואס פאר א פערביסענקײט און מיט וואס

פֿאַר אַ פֿערשלאָסענע ליפּען דעם בעל־בית'ס אויגען קוקען פֿון אונטער דעם שטערען אַפּער אין יענער ריכטונג, זיצענדיג אין אַן אַרויסגעלאָזטער פּאָזע איבער דער שטוהל מיט די הענד אין די הויזען־טאַשען, און די פּים אַרויסגעוואָרפען פֿאַר זיך.

ער האָט אויך נישט בעמערקט ווי ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבען צו בייסען שוין זיין אונטערשטע ליפּ צווישען די צייהן, ווי עס האָבען זיך גערודערט זיינע קיהני־באַקען און די ווינקלען שלעפּען און מיט וואָס פֿאַר אַ שטעכענדיג אויג ער פֿלעגט נאָר צייטענווייז איבערטראָגען זיין בליק פֿון דער פּאַרטיערע אויף איהם, דעם שעניקען, דעם ווייסינקען.

די פֿאָרהאַנג איז געוואָרען אַוועקגעבויגען דורך אַ קליין ווייבעריש הענדטעל, און עס האָט זיך בעוויזען אַ טאַץ אויסגעשטרעקט אין דער לופֿט מיט דריי אַרויפֿגעשטעלטע גלעזער טהע אויף איהר און אַ נאָכקומענדיג קלאָר גערייטעלט פּנים מיט אַ ליכטיגען בליק פֿון אַ יונגער פֿרוי.

דאָס איז געווען דעם בעל־הבית'ס ווייבעל, אין גאַנצען אַלט אַ יאָהר 22. און מיט אַ שטיל בענעהמען, פּאַמעליכע טריט או מיט לייכט אַראָבגעלאָזטע ברעמען איבער די אָנגעגאָסענע גלעזער ביז אין ראַנד, וואָס האָבען געלאָזט אַ פּאַרע אויפֿגעהן איבער איהר פּנים — איז זי צוגעגאַנגען צום טיש, אַוועקגעשטעלט די טאַץ פֿאָרזיכטיג, ווי האַלב זיך אַראָבזעצענדיג, כּדי די גלעזער זאָלען זיך נישט אָנביינען, און דערביי איז אויסגעקומען איהר רונדיג פֿולע ברוסט בולט אַרויסגעשטעלט און דאָס גאָמבעלע אויפֿגעהויבען — מאָדנע שען אַזוי, אַז נישט ווילענדיג האָט דער גאַסט געמוזט וואַרפֿען אַ בליק אויף איהר גאַנצער אָנגעשטעלטער פּאָזע.

און דאָס טאַקי האָט דער בעל־בית געוואָלט בעמערקען...

ער האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ, און די ברעמען האָבען זיך איהם פֿערחמאַרעט.

זי האָט צושטעלט די גלעזער טהעע פֿאַר זיי ביידע און פֿאַר זיך. נאָר ער איז אַלץ געזעסען פֿערביסען און געשוויגען, ווי געוואַרט אויף עפּעס.

— וואָס זיצט דו עפּעס היינט אַזוי... ווי נאָך אַ ברוגזטאַג? — האָט זי געפֿרעגט.

— וואָס קוקסט דו מיך אַזוי אָן? — האָט ער זיינע אויגען

אויפגעהויבען. נאר באלד זיי צוריק אראבגעלאזט.

און נישטווארטענדיג אויף קיין ענטפער, האט ער צוגערוקט זיין גלאז טהעע הארט צו זיך און גענומען מישען מיט דעם לע-פעלע, ווערענדיג וואס א מאל טיעפער פערזונקען אין געדאנקען.

א שטיל געזושעריי האט די שטוב אנגעפילט. די פנים'ער קעגען דער שיין פון לאמפ האבען זיך שטיל געריטעלט, די ברע-מען שטיל געזונקען און א לייכטעדיגע פארע האט זיך איבער די קעפ דערהויבען.

זי איז שווייגענדיג אויפגעשטאנען פון טיש, אוועק און גע-ברענגט נאך אמאל טהעע.

ווען זי האט איהם דאס צווייטע מאל טהעע צוגעשטעלט און ער האט זיך אבגעווענדט דערפון, האט זי זיך ווי איינגע-קארטשעט און שטיל געבעטען, ער זאל נישט זיין אזוי... זיין פריינד צוליעב.

נאר ביי איהם איז דאס געזיבט שוין געוועזען גענוג פערביסען אז ער זאל אצינד קענען צוליעב טהון.

— טרינקט — האט זי נישט פועל'ענדיג ביי'ם מאן אבגע-ווענדט זיך צום פריינד.

דער פריינד האט ווי פיהלענדיג זיך אין א פרעם שטיל איבערגעבויגען זיך איבער זיין גלאז — און חאטש ער האט שוין די אויגען געהאט אויפגעהויבען איבער זיין פריינד צו פרעגען איהם, פאר וואס ער זיצט אזוי, נאר א קוק טהוענדיג אויף זיין אנגעלארענקטט, איז איהם אזוי נישט היימליך געווארען, אז א ציטער איז דורכגענאנגען זיין ברעם און זיינע אקסלען האבען זיך פערקרעמפט מיט א לייכטען צאפעל, ווי פון א פיבער-שידער

— נו טרינקט! — האט זי איהם נאך אמאל געבעטען —

איהם, אז דער קאפ טהוט איהם נאר עטוואס וועה — האט ז אויף דעם מאן אנגעוויזען — זיצט ער שוין נישט דערעדעווידיג. איהר קענט דאך איהם.

ער האט געטרונקען און מורא געהאט זיין בליק אויפצו-הייבען, אום ער זאל זיך מיט דעם בעל הבית נישט בעגעגענען. ער האט שוין אצונד געפיהלט דעם גאנצען ערנסט פון זיין שווייגען. און די פרוי האט שוין מיט אונגעדולד געווארט, אז דער גאסט זאל אויסטרינקען זיין גלאז טהעע. זי האט שוין איהר'ס

ניט דערטרונקען און אויפגעשטאנען אראב צו רוימען פון טיש און אנ'ענדע צו מאכען צו דעם שווייגענדיגען זיצען.

נאר שטעהענדיג שוין מיט דער טאץ אין דער האנד האט זי נאך אמאל געפרובט — זיך בעטענדיג ביי איהם — פרעגען, צי טהוט איהם טאקי דער קאפ וועה, אדער עפעס אנדערש? ...

ער האט טעמפ געקוקט אויף איהר: צו וואס נאך דאס ביטערן זיך איבער איהם? איהר אנגעשטעלט רחמנות-פנים'ל, לויט ווי איהם האט זיך געדאכט, איז בלויז פאלש, און ס'איז שוין ביי איהם א צונד קיין שום ספק ניט געווען, ווי... ווי... אז דאס איז טאקי ניט קיין עפעס אנדערש, נאר דאס טאקי, וואס ער רעכנט... און איהם האט זיך דאס געוויכט נאך מעהר אנגעבלאזען:

— מיר טהוט גארניט וועה. — האט ער צוריק דעם קאפ אראבגעלאזט.

זי האט אבגעטרעטען הינטער דעם פארהאנג אוועק, און ער איז אויפגעשטאנען, ארומגעקוקט זיך איבערן פענסטער — דער לאדען איז נאך אפען געשטאנען, און מיט א נידעריג אראבגעהאנגענעם קאפ אויף דער ברוסט איז ער באלד ארויסגעגאנגען פון שטוב.

פון הינטער דער וואנד האט זיך געהערט זיינע געזעצטע לאנגזאמע טריט. אין א ווייל ארום האט זיך בעוויזען זיין ערנסט, קאלט געזיכט איבער דער שויב און א שארכען פון אייזענס און א רייבען פון לאדענס האבען זיך געהערט.

עס האבען זיך צוגעלעהנט צוויי האלבע טהירלעך איבערן פענסטער, בעווייזענדיג זייער ברוינליכען הילצערנעם טלוי אויף די שויבען, דערנאך דאס אריינרוקען פון א פרענט — און שרה'לע איז אפערגעקומען פון הינטער דער פארטיערע און איז צוגעגאנגען פערשטעקען מיט דעם אייזערנעם לעפעלע, ווי נאר דער שפליניט האט זיך בעוויזען דורך דעם לאך אין דער פיטרינע.

דער גאסט איז די גאנצע צייט געזעסען אויף זיין ארט, און א שטיל שווייגען איז אויף איהם געווען אויסגעגאסען.

זי האט פערמאכט. מיט א רוהיגער בעוועגונג זיך אויסגעדרעהט צו'ם טיש און אוועקגעזעצט זיך אויף איהר פריהערדיג ארט.

דער מאן איז אזוי גיך ניט צוריקגעקומען. אין שטוב איז

שטיל געוואָרען. זיינע טריט פון הינטער דער וואַנד און דאָס רייבען פון אייזען איז ערגער ווי געבליבען הענגען פערגליווערט אין דער דרויסענדיגער שטומקייט פון דער נאַכט, און נאָר ווי אַ שטיל סימען האָט נאָך אין דער שטילער לופט זיך אַרומגעדרעהט און געסימעט אין זייערע אויערען.

ביידע האָבען נישט געוואַגט זייערע פנים'ער אויפצוהייבען, דער לאָמפּ האָט אויף זיי אָבגעשלאָגען, ווי אין שאָטען איינגעהילט — און נאָר וואָס איהר גאָמבעלע איז אויסגעקומען נידעריגער צו'ם ליכט, וואָס האָט אָפּגעשלאָגען פון הינטער דער שיין, און געוואָרען ווי בעגאָסען מיט אַרויטליכע ליכטיגקייט.

נאָר זיין שטערען האָט זיך אָנגעהויבען צו רונצלען וואָס אַמאָל אונרוהיגער, און אין דער גאַנצער איינגעהאַלטענער שטילקייט האָט זיך אָנגעהויבען צו פיהלען אַן'אונרוהיגקייט; ווי ער. איהר מאַן, האָט געקאָנט אַהינקומען?...

דער יונגער מאַן איז אויפגעשטאַנען פון טיש אַוועק, פערקנעפּעלט דאָס אויבערשטע קנעפּעל פון פּאַלטאָ, אויסגעגלייכט דאָס היטעל אויפ'ן קאָפּ, און לייכט פאַרביינגעהענדיג קענען איהר, געזאָגט אַ גוטע נאַכט, געגעבען איהר די האַנד, און צום לעצטען מאָל אָנקוקענדיג זי מיט ברייט פונאַנדערגעעפענטע אויגען — איז ער אַרויס פון שטוב.

דאָס נאַכט-ווינטעל אויף דער גאַס האָט געבלאָזען אויף איהם קיהל. און ער האָט דערשפּירט, ווי דאָס פנים פלאַמט איהם, ווי דער קאָפּ איז איהם אָנגעגאָסען מיט אַלערלייט רוישען, ווי פאַר די אויגען שווינדעלט נאָך אַלץ דער לאָמפּ מיט בלאָהע נאַכט-פייערלעך, און אינערווייניג איז איהם עפּיס דאָס האַרץ שטאַרק צוטראָגען.

די נאַכט איז שוין געווען שפּעט, די מאַרק-געוועלבער פערמאַכט. די לאָדענס פון די אַרומיגע הייזלעך, וואָס האָבען דעם מאַרק אַרומגעצוימט פיערעקעדיג, ווי אַ קאַסטען, זענען שוין געווען פערהעמערט, און נאָר זעלטען וואו האָט דורך אַ שפּאַלט פון אַ לאָדען אַרויסגעשטראַהלט אַ רויטליכער שיין, ווי אַ ליכטיג פּאַסטעקעל אין דער פינסטערער נאַכט אַריין. שטאָק, שטום, נאָר ער אַליין האָט געשפּאַנט איבער דעם שטיינערנעם ברוק, און וועלכען די לאַנגזאַמע טריט האָבען אָבגעהילכט איבער'ן גאַנצען לעערען מאַרק מיט אַן אָבקלאַנג אין דער שטילקייט פון דער

נאַכט. און שפּרײַזענדיג האָט ער זיך נישט אומגעקוקט — נישט לינקס און נישט רעכטס, נאָר פֿערטראָגען אין זײַנע געדאַנקען, מיט א פֿערטרױערטען קאָפּ, האָט ער זיך אַלץ װײַטער געצױגען אין דער נאַכט־פֿינסטערניש איבער נאַסען און איבער געפּלעך, ביז ער איז אַרױס הינטער דער שטאָדט. נאָך דעם לעצטען הײַזעל פֿון קאָװאַל מיט דעם ברײַטען שװאַרצען קוימען איבער דעם דעכעל פֿון דער קוזשנע.

און דאָ האָט ער זיך געפֿיהלט אביסעל רוהיגער און אָנגעהױבען נאָך לאַנגזאַמער צו שפּרײַזען. זײ װאָהנען בײַ דעם װעג אויף יענער זײַט טײַך, און איהם איז אויסגעקומען אַריבערצוגעהן די בריק.

ער האָט ערשט לײַכטער אויפֿגעאָטעמט מיט א פֿולער ברוסט, און אַרומגעקוקט זיך איבער די װײַטע לאַנקעס, װאָס זענען װי ערשט אַרױסגעשװאוּמען מיט זײער גראָהע טונקלען זיך אין דער אײַנהיל פֿון דער נאַכט. א װײַטער און לעערער האָריזאָנט, און פֿון איהם אַרױס שװאַרצט זיך דער טײַך מיט זײַן שװאַרצער שפּיגעלדעק פֿון אונטערן װײַטען האָריזאָנט אָפּער, װאו דער הימעל רוהט קײַלעכדיג אין דעם װאַסער אַרײַן אַראָבגעהאַנגען, און עס שװאַרצען זיך קופּעס פֿינסטערניש פֿון אויבען און שפּיגלען זיך אונטען, װי אין אַטיעפֿען שװאַרצען אָבגרונד. און אַהער־צו, בײַ דער זײַט, נאָהענט צו דער בריק שטעהען א שורה פֿאַרצײַטישע בײמער אויפֿ'ן ברעג פֿון טײַך, האַלב איבערגעבױגען מיט אַראָבהענגענדיגע צװײַגען איבערן װאַסער, און צװײַג צו צװײַג קוקען זיך אָן אויסגעשפּרעקט פֿון איבער דעם װאַסער און פֿון אונטער דעם װאַסער װי שװאַרצע לאַנגע הענד אין דער טיעפֿקײַט פֿון װאַסער אַרײַנגעהאַנגען. און אין די טונקעלע ערטער דערקענט זיך דאָס װיגען זיך פֿון טײַך און דאָס פֿאַלבען זיך פֿון די ברעקלעך הימעל פֿון אונטער דעם װאַסער, װאָס קוקען אַרײַן אין הפסק פֿון צװישען אײן בױם און דעם צװײַטען. א פֿערשאָלטענער ברעג, דאַכט זיך, מיט פֿערשאָלטענע מענשען פֿערװאַנדעלט אין בײמער, און זײ קוקען אַזױ װעהטאָגליך צום הימעל אַרױף, װי זײ װאָלטען זיך געקלאָגט אויף עפּיס אין דער פֿינסטערער נאַכט.

און אַרום די גאַנצע װעלט איז אַזױ שטיל און הערט זיך, דאַכט זיך, אין עפּעס אײן.

דער יונגער מאן איז אנגעקומען אויף דער בריק און שוין דערזעהען דאס פייערל, וואס האט געלויכטען אין דעם פענסטער פון זיין היים, אויף יענער זייט טייך און זיך אבגעשטעלט אביסעל אברוהען.

ביי דעם פארענשט פון דער בריק איז ער געשטאנען אנגעלעהנט און אריבערגעקוקט אין וואסער אראב, וואס האט אונטען געפליסט. ער האט געזעהען, ווי שטיל עס רעדלען זיך דינע זיידענע חוואליעס און צוגעהען זיך איבער דעם שווארצען וואסער-שפיגעל, און האט נאכגעקוקט מיט א שטילקייט, פערטראכט, ווי עס ציהען זיך די רעדעלעך חוואליעס מיט דעם וואסער אראב און ווערען ארונטערגעצויגען אונטער דער בריק.

דערווייל האט זיך עפיס א ווארף געטהון אויפ'ן ברעג פון צווישען די טונקעלע גראזען מיט א פלעסק אראב אין וואסער.

ער האט זיך איינגעהערט; א יעמערליך נאכט-קול פון א וואסער-ווארם האט געשריגען און אונטערדריקט געווארען, ביסלעכווייז אבשטארבענדיג אין דער פינסטערער נאכט — און איידער ער האט צייט געהאט צו בענעהמען וואס דארט איז, האט איהם א שטארקע האנד פון הינטערווייעלעכס א שטופ געטהון אין וואסער — דאס איז געווען א'נאנפאל פון צוויי בעשעפעניש'ן אין א שטילער נאכט...

אַמַעֲשֶׂה מִיט אַצִיעג.

— ווייסט דו וואָס, גיטעל'שי, — האָט איין שוועסטער צו דער צווייטער געזאָגט. שוין ביידע זקנות'טעם מיט האָריגע וואָרצלען אויף די גאָמבעס און איינגעפאַלענע מיילער, ווי די קברים, נור איינע האָט אַ בעסערע עלטער געהאַט, און די טאַקע האָט דאָס גע'טענה'ט — ווייסט דו וואָס; דו זעהסט דאָך, אז ביי מיר אויפ'ן טיש ליגט נישט מעהר ווי אַ ווייך שטיקעל ברויט, וואָס איך האָב אין וואַסער איינגעווייקט, אז מיינע ציינער זאָלען עס קענען פערנעמען, און איך קען דאָך דיר נישט געבען, וואָס דו דאַרפסט, איז מיין עצה זאָלסט גיין איבער דער שטאָדט, קיינער וועט דיר נישט אָבזאָגען ...

— ווייסט דו וואָס, ביילע'שי — האָט די אַנדערע ווייטער געזאָגט — זאָל זיין ווי גאָטס ווילען, בעטלען קען איך נישט געהן, און דעם טאָג וועל איך שוין ווי עס איז דורכקומען — נור ביינאַכט, שוועסטער'שי, לאָז מיך אַריין צו דיר אין שטוב, גיב מיר אַן אָרט ביי דיר אונטער'ן אויווען דעם קאָפ אַנצושפאַרען, אונטערלייגען וועל איך מיר מיין פאַטשיילע. אבי נור אונטער אַ דאַך.

— איך ווייס דאָך, אַז דו ביזט אַן'איינגעשפאַרטע — האָט די רייכערע געזאָגט — נאַ־זשע דיר און זעה, אַז דאָרט רעגענט אַריין ... — האָט זי איהר געוויזען ביי זיך אונטער'ן אויווען, וואו זי אַליין האָט ערשט ניט לאַנג אויסגעקעהרט די שעפ וואַסער און די נעץ איז נאָך געלעגען אויף דער ערד.

די אָרימע האָט אָבגעזיפצט, אָבגעזיפצט, און האָט זיך קוים אַרויסגעטאַטשעט פון שטוב אַרויס, אָנהאַלטענדיג זיך אָן דער פּיטריגע מיט ביידע הענד, ווייל זי האָט שוין פון דריי טעג קיין

לעפֿעל וואַרים וואַסער נישט געהאַט אין מויל. און ווײַל זי האָט קיין דירה אויך נישט געהאַט, האָט זי זיך געלעגט אויף דער גאַס און איז געשטאָרבען איהר כּשר׳ן ערהליכען טויט.

מילא, אַז אַ מענשט שטאַרבט אויף דער גאַס, האָט עס יודען־רחמנים דורכגענומען. און מען האָט איהר געגעבען אומזיסטיגע תּכריכים און פֿיער איילען ערד אויפ׳ן בית־עולם אונטער אַ בוים.

נאָכגעגאַנגען נאָך דער מטה זענען עטליכע ווײַבער און די שוועסטער, אויך פֿיער איילען פֿון דער שטוב אַוועק, האָבען צו צווײַערס אין דער צדקה־פּושקע אַרײַנגעוואָרפֿען, וואָס אברהם שמש האָט געקליבען מיט איהר און אויסגערופֿען, פֿאָראויסגעהענדיג פֿאַר דער מטה: „צדקה תּציל ממות”. האָבען איהר נאָכגעזאָגט אַ גוּטען שבח, אַז זי איז געשטאָרבען ווי אַ כּשר׳ע צדיקת, און, אַז זי האָט קיינעם גאָר נישט מחסר געווען בײַם לעבען (דאָס איז דער ליעבסטער שבח פֿון מענשען) האָבען איהר צוגעוואונשען, אַז גוטע מלאכים זאָלען איהר אַנטקעגען קומען, און יעדערע פֿאַר זיך האָט זיך באַלד צוריק אומגעקעהרט צו איהר שטוב, געהײַסען זיך אַרויסדערלאַנגען אַ שעפּ וואַסער פֿאַר דער טהיר — און פּטור, גאַנץ פּראָסט, ווי עס פֿיהרט זיך.

נור גאָט זיצט אויבען און קוקט אַראָב אונטען. האָט ער אַזאַ מעשה געמאַכט:

אַ פּויער האָט געהאַט אַ פֿערשײַטע ציג, וואָס האָט אַ שאָדען געמאַכט אין קאָרן. געהט דער פּויער, מאַכט זיך גאָרנישט ווייסען, לעגט די ציג אַרויף אויף אַ פֿוהר געבונדענערהייד, און ווען אין שטעדטעל איז געווען מאַרק־טאָג, פֿיהרט ער זי אַוועק צו די קצבים.

אין שטאָדט אָבער איז דער פּויער אַרײַנגעגאַנגען אין שענק אַרײַן שבּור׳ן — און די ציג איז געלעגען אויפ׳ן וואָגען און געוואַרט אַ שעה, צוויי, און דער פּויער איז אַלץ ניט געקומען. האָט זי זיך מישב געווען, איבערגעריסען די שטרויענע פלעכטלעך פֿון איהרע פֿיס, און אויפשטעלענדיג זיך אויף איהרע דינע פֿיסלעך און אַ שאָקעל טהוענדיג מיט דער באָרד, האָט זי אַ טאַנץ אַראָב געגעבען פֿון דער פֿוהר.

אַראָב איז אַראָב.

נור אין מאַרק זענען שוין געשטאַנען אָנגעשטעלט אַ סך פוהרען מיט אַ סך פערד, אויסגעדרעהט צווישען די האָלאָבלעס מיט די קעפ אין די וועגעלעך אַרײַן און מיט די דוהעס אַראָבגעשטעלט בײַ דער זײַט ראָד — איז די ציגע פערבלאָנדזשעט געוואָרען צווישען די וועגען.

זי האָט געבלאָנדזשעט און געשפרונגען איבער די וועגען מיט אַ תם'עוואַטען דערשראָקענעם בליק, מיט אַ האַרץ־רײַסענדיגען „מע—מע”, אַזוי, אַז די פערד פלעגען חראַפּען מיט אויסגעשטעלטע נאָז־לעכער און פערלעגטע אויערען, קוקענדיג אויף דעם ווײַטען ווילדען בעשעפעניש מיט דער באָרד, וואָס טאַנצט אַרום צווישען די וועגען.

פאַרנאַכט. די פוהרען זענען זיך צו־פאָהרען. קוטקעלעך געל מיסט זענען אײַנזאַם געלעגען איבער'ן אָפּגעלײדיגטען מאַרק, בלײַבט די ציגע שטעהן: וואו געהט מען אַצינד? די נאַכט פאַלט צו — און די ציגע הויבט אָן, אַ פערביטערטע, צו לויפען אַרום דער טויער פון די מאַרק־געוועלבען מיט אַנ'אויסגעשפרײַטען מע—מע — און איהר ווײנענדיג קול האָט אַזוי רחמנות'דיג געבלאָנדזשעט איבער'ן שטילען לערען מאַרק צווישען טאָג־און־נאַכט, אַז איין גאָט האָט זיך געמענט דערבאַרמען.

דערווײַל האָט אָנגעהויבען אַרויסצושײַנען אַנ'אָנגעצונדען פײַערעל דורך אַ פענסטער. דאָרט האָט געוואָהנט די רײַכע שוועסטער, וואָס איז געזעסען שבעה נאָך דער אָרימער, און ווײַל זי איז געוועזען אַ זקנת'טע און דערצו נאָך אין די שבעה־טעג, האָט זי פריהער אָנגעצונדען פײַער ווי דער גאַנצער מאַרק.

און ווי די ציגע האָט דערזעהן דאָס בלישצעל דורך דער שויב, האָט זי זיך דערמאָנט, אַז איהר בעל־הבית פלעגט טײלמאָל געהן בײַנאַכט אין שײַער אַרײַן מיט אַ לאַמטערן פײַער, און האָט געמײנט, אַז דאָ איז איהר רעכט מקום־מנוחה, און זי האָט זיך אַהין פערקליבען.

באַלד אָבער האָט זי אײַנגעזעהן, אַז זי האָט אַ שטיקעל טעות געהאַט. זי זעהט דאָ אַ גלעזערנע טהיר, וואָס אין שײַער איז עס נישט געוועזען. און ווײַל זי האָט ווײַטער נישט בעגרײַפט, וואָס דאָ טהוט זיך — און אַנ'אָרט האָט זי פאָרט געדאַרפט זיך געפינען, איז זי אַרײַן אונטער דער הויז־טהיר.

נור אין הויז איז געווען טרעפ אויף א בוידעם ארויף — האט זי זיך פערגאסט אין דער הויך ארויף, און, ביסלעכווייז, ארויסגעקראכען ...

און דא האט זי אמת'דיג געפונען א בינטעל גראחיווינעס אין סאמע ווינקעל אונטער'ן שינדעל-דאך, האט זי זיך איינגעטוליעט דערינען אברוהען איהרע פיס פון א גאנצען טאג ארומלויפען ...

דאס בינטעל גראחיווינעס איז דא געלעגען אנגעגרייט פון דער בעל-הבית'טע, אז טאמער וועט זי עס ווען דארפען, אזא שטייגער, ווי עס ליגט ביי איהר אין קופערט א קנוים באמווארל, כאטש קיין זאך האט זי שוין ניט צוריסען פון צעהן יאהר צייט, וויל זי געהט זעהר פאמעליך מיט פארזיכטיגע טריט, האלטענדיג די ברילען אויף דער נאז, פערלעגט מיט א שטריקעל אויף די אויערען.

שפעט ביינאכט. די טהיר און דער לאדען זענען שוין פערקיטעלט, אין שטוב ברענט א קליין נאגעלע, וואס צוגיעסט א רויטליכע שיין אויף די וועגד, — ליגט שוין די רייכע שוועסטער אונטער'ן איבערבעט, צוגעבונדען מיט א פאטשיילבעלע דעם קאפ.

אין דעם דערהערט זיך א שארכען פון בוידעם... און די שוועסטער שטעלט די אויערען אן... דאס האט זיך איהר נישט געדאכט. מען האט טאקי אויף אנ'אמת געשארכט — און דאס הארץ איז איהר ענטפאלען געווארען. וואס קען דאס זיין? — פרעגט זי זיך אליין, און וויל דעם קאפ איינטוליען אונטער'ן איבערבעט ארונטער... נור מעהר זי וויל דאס, מעהר ציהט עס זי די אויערען אויפצושטעלען, און מעהר זי שטעלט די אויערן אויף, מעהר הערט זי דאס שארכען.

„נישט גוט... — טראכט זי זיך — צייט די שוועסטער איז געשטארבען, געהט אנ'אימה ארום אין איהר שטוב"...

און אויפשטעהענדיג פון בעט, האט זי דאס לעמפעלע העכער ארויסגעדרעהט, האט זיך גענומען א פעקעל ספרים מיט דעם טלית פון איהר מאן, וועלכער איז שוין טויט געווען א יאהר דרייסיג אוודאי — און ארומלענענדיג זיך מיט זיי ווי מיט א באריקאדע האט זי זיך צוריקגעלעגט אין בעט אריין: זאל זיין ווי

נאָמם ווילען איז!... מילא, פערפאַלען, אז די שוועסטער וויל זיך אַן איהר נוקם זיין...

דערווייל איז דער ציעג קאַלט געוואָרען צו ליגען אויפ'ן בוידעם, איז זי שטילענקערהייד אַראָבגעקראָכען פון די שטיגען, אַזוי, אז די אַלטע האָט מיט פורכט אויסגעהערט, ווי דאָס אומגליק קריכט.

און עס דערהערט זיך אַ שטויס אין די טהירען אריין, און די אַלטע איז אויפגעשפּרונגען מיט אַ ציטער אין די אויגען: „שוועסטערשי, וואָס ווילסטו דו פון מיר האָבען?"...

די ציעג איז אויף אַ מינוט שטיל געבליבען, און די אַלטע מיט'ן לעמפּעלע אין דער האַנד שטעהט אַ דערציטערטע אין מיט'ן שטוב, און קוקט און קוקט...

און זי דערזעהט אַ ווייס גרויס אויג מיט אַן'אויפגעריסענער ברעהם קוקט צו איהר אריין דורך דעם אויסגעשניטענעם לעכעל אין לאָדען — איז זי אַנידערגעפאַלען אין מיטען שטוב מיט דעם לעמפּעלע אין דער האַנד און איז אויך געשטאָרבען...

מילא, געשטאָרבען — קלערט מען וועגען בעגראָבען. האָבען שכנים אַרויסגערוקט אַ ציגעל פון איהר באַק-אויוועלע, געפונען דאָרט אויף תכריכים און פאַר אַ שטיקעל אָרט צו בעצאָהלען, און ווייבער זענען אַ גאַנצען טאָג אונטער איהרע פענסטער געשטאַנען און מיט שאָקלענדיגע לעפּצען איהר נאָכגעזאָגט גוטע שבחים, וואָס פאַר אַ כשר מענש זי איז געווען, וואָס פאַר אַ גוט מענש זי איז געווען, וואָס פאַר אַ גוט האַרץ זי האָט געהאַט און אַז פאַר גרויס האַרץ-וועהטאָג צו דער געשטאָרבענער שוועסטער איז זי נעבעך געשטאָרבען.

זאָל זיין אַזוי. אַבי מען דאַרף זי בעגראָבען, ביינאַכט האָט מען זי שוין געטראָגען אויף דער מטה. אַרום — די חברה-לייט, און פאַראויס — אברהם שמש מיט דער פּושקע אין איין האַנד און מיט דער לאַמטערן אין דער אַנדערער האַנד.

נאָר אַזוי ווי די ציעג האָט אַלץ נאָך געדענקט, אַז איהר בעל-הבית פלעגט געהן אין שייער אריין מיט אַן'אָנגעצונדענע לאַמטערן — איז זי אַציגד אַקעגען דער מטה געשפּרונגען, געלאָפען פאַראויס און זיך גענעבען אַלע ווילע אַ שטעל אַב מיט אַ

ציגענעם אויפגעהויבענעם קוק קעגען דער חברה — און ווייטער געלאפען.

אלע האבען בעשיינפערליך געזעהן, אז דא איז עפיס נישט קיין גלאטינגע זאך, אז דא האט זיך עפיס מדבק געווען, און דער עולם האט זיך געשטארקט ניט צו קוקען אין יענער זייט, וואו די ציעג האט אקעגען געטאנצט.

מילא, נישט טרעפען זאל עס זיך. נישט איין מאל מאכט זיך, אז א משחית טאנצט א קעגען...

פונדעסטוועגען איז מען ארויף אויפ'ן בית עולם, זאל זיין ווי גאט'ס ווילען, און מען האט זיך אבגעשטעלט מיט דער מטה איבער'ן אפענעם קבר. נאר די ציעג האט שוין געקוקט פון צווישען די בוימער ארוים, ווי מען לייגט צו מיט דער לאמטערן איבער א בערגעל זאמד, און קוקענדיג אזוי, האט זי זיך דער־מאנט, ווי איינמאל אין הערבסט־צייט האט איהר בעל־הבית פער־ענדיגט ביי־נאכט דעם גרוב קארטאפלעס צו פערשיטען, און דע־מאלט האט מען אויך אזוי צוגעלויכטען איבער דעם בערגעל זאמד. און איהר הארץ, חאטש א ציגען־הארץ, איז געווארען פול מיט ערווארטונג. און איהר אויג האט געקוקט דאפעל גרוים פון צווישען די בוימער ארוים, בפרט נאך, אז זי האט שוין ניט געהאט גע־געסען פון דארף אן.

און שפעטער, ווען דער עולם איז צוריק אראב פון בית־עולם — איז זי צו צום קבר און צוקאפיעט עם און צוקקערט דאס זאמד מיט די הערנער, נאר אזוי ווי זי האט פארט צו גארנישט געקענט צוקומען און איהר ארבייט איז געווען אומזיסט — איז זי פאר גרוים צרות אוועקגעגאנגען אין צדיק'ס אוהל ארייז, וואס איז דארט געשטאנען, און געלעגט זיך אהן א וועטשערע.

אין דער פריה, דער קברן ניט א קוק איבער'ן פרישען קבר — אנ'אומגליק האט געטראפען... און ער איז אוועק צו דער חברה־קדישה אנזאגען, וואס דא האט געטראפען.

דאס גאנצע שטעדטעל האט זיך אנגעהויבען צו שרעקען, אלע האבען געוואוסט, מיט וואס אזא מעשה שמעקט; אז ביי־נאכט זאל א ציעג א קעגען טאנצען דער מטה, און אין דער פריה זאל מען געפינען דאס קבר צעווארפען.

קינד־בעטארינס האבען זיך אנגעהויבען צו שרעקען, אין

שטעדטעל איז געווארען א שטיל געדודער, א בסוד-סודות׳דיג שרע-קען, און ס׳איז געבליבען, אז דער רב מיט די חשובים פון שטאדט זאלען געהן ארויף אויפ׳ן גוטען ארט אנזאגען איהר: ראשית, אז זי זאל וויסען זיין, אז זי איז געשטארבען, און זי זאל איינרוהען. און צווייטענס: זאגען א פאר קאפיטלעך תהלים איבער איהר קבר צו בעפרייען איהר נשמה פון דעם משחית, וואס האט פיינאלט אקעגען געטאנצט קעגען איהר מטה און זיך אזוי געפרעהט מיט איהר...

דער רב האט אנגעטהון די זשופיצע מיט דעם ספאדיק, בעלי-בתים חשובים — די סאטעטענע היטלעך און מען איז גע-גאנגען...

און אז מען געהט, ווארפען שוין בעלי-מלאכות אויך אוועק יעדער זיין ארבייט, דער שוסטער זיין העמער׳ל, דער שניידער זיין שער, און מען לויפט. חאפענדיג די באלאטלעך אויף זיך.

מען האט אלץ געטהון פאר איהר נשמה וועגען, וואס מען האט געקענט, נאר אין מיט׳ן תהלים זאגען, איז די בלינדע צביה׳לע. וואס מאכט אל מלא רחמים׳ס אויפ׳ן בית עולם, פער-קראכען מיט נאך צוויי ווייבער צום צדיק׳ס אוהל, בעטען פאר זיי דעם צדיק׳ס זכות צו דערוועקען, און ווי זיי האבען דערזעהן די ציג רוהען אונטער די שטראחיילעך — האבען זיי זיך אלע דריי אויפגעכאפט מיט א געפילדער און מיט אויסגעשטרעקטע הענד געלאפען צו דער עדה יודען.

און גאט׳ס עדה האט זיך דערשראקען, ס׳איז געווארען א בהלה — און מען האט זיך ווייטער מישב געווען, אז דער רב מיט דער דעה פון גאנץ קהל זאל געהן גוזר זיין אויף דער ציג, אז זי זאל ארויס פון דארט, און אבגעבען איהר אנ׳ארט אין דער מדבר, וואו קיין מענשען קומען נישט, אדער אונטער א בריק ערגעץ...

האט דער רב זיך איבערגעזעהן די ציצות, און ער מיט דער גאנצער עדה האבען דאס אוהל ארומגערינגעלט, ער אין דער מהדר:

— געה ארויס פון דאנען — האט ער צו דער ציג גע-מענה׳ט, פריהער געלאסען און מיט גוטען — דאס בין איך אליין דיר גוזר, אני שמואל הקטן, רב דק״ק... בהסכם כל הקהל... און ארויסגעהן זאלסטו פון דאנען, נאר דורך דעם שינדעל-לעכעל אין

שפּיץ דאך, אז דו זאָלסט חלילה קיינעם ניט מזיק זיין...

און דער עולם איז געשטאנען מיט מויל און אויערען אויפגעשטעלט, און געוואַרט דעם רב'ס וואָרט זאָל געשעהן — נאָר די ציעג האָט זיך נישט געוואָלט רירען פון אָרט, האָט דער רב געחאפּט דעם שטעקען זיינעם און געוואָלט זיך מיט איהר בּעגעהן, ווי דער אַלטער קאָצקער זכרונו לברכה פלעגט זיך בּעגעהן מיט דבוקים. — האָט זיך די ציעג דערשראָקען און געגעבען א שפּרונג מיט די הערנער דעם רב אין דער בּאָרד אַריין און איבּערגערעהט איהם מיט דער זשופּיצע אַרויף, אַזוי, אַז די גאַנצע עדה, נאָט'ס חילות, האָבּען זיך געגעבען א הייב אין דער הויך און אַוועקגעפלויגען אין שטעדטעל אַריין מיט א געפּילדער, ווי איין סטאַרע גענז. און מען האָט אָנגעהויבען צו פּערהאַקען טהירען און לאַדענס: דער משחית לויפט!... און אַלע איינוואָהנער האָבּען זיך אין די היילעך בּעהאַלטען. פון שטעדטעל איז א אוהל געוואָרען, און די ציעג האָט אָנגעהויבען איבּער די פראַנק-און-פריע געסלעך אַרומצוגעהן מיט אַן אויפגעהויבּענעם קאָפּ.

פון דעמאָלט אָן איז שוין גראָז אין מאַרק אָנגעוואַקסען, אויף די רעכלעך — גאַנצע גערטנער מאָך, — דער עולם ליגט נאָך אַלץ בּעהאַלטען אונטער די לאָדענס — און זאָל קומען היינט א פרעמדער מענש מיט א גילדענעם קאָפּ אין דעם שטעדטעל אַריין, וועלען טהיר און טהויער זיין פערשלאָסען פאַר איהם.

דריטע אפטיילונג

א וואלד-מיידעל.

שרה'לע האט זיך אויפגעהאפט פון שלאף, האט אויפגעהויבען דעם קאפ קעגען פערהאנגענעם פענסטער, און אראבשפרינגענדיג פונ'ם בעטעל, האט זי מיט אנ'אויסגעשטרעקטער האנד דערגרייכט צום ווייסען פארהענגעל, אוועקגעשארצט עס און א קוק-ארויס געטהון מיט א האסטיג בעוועגליכען בליק. זי האט דערזעהן די בלומען אונטער'ן פענסטער, און דאס ציקען פון איהר ברוין בלאסליכען געזיכט און די אונרוהיגקייט פון די אויגען האט אין איין אויגענבליק נאכגעלאזט און זי האט ערשט לייכטער אפגעאטעמט. „אלץ ווי געוועהן"... האט זי שטיל געשעפטשעט און צוויי לויטערע פעריל-טרעהרען האבען זיך איהר געשטעלט אין די שווארצע פערטראכטע אויגען. די בלומען אונטער'ן פענסטער האבען מיט די קעפלעך צוגעשאקעלט, איבערבייגענדיג זיך אויף די שטענגלעך מיט א לייכט געריוש און וויגענדיג זיך פאר'ן ווינטעל. די ערד האט נאס געבלישטשעט, און עס האט געהויכט א פרישקייט פון אבגעשוועקטען קלארען זאמד ארויס נאך דעם ביינאכטיגען רעגען. שטעהענדיגע טראפען וואסער האבען אויף די גרעזער געגלאנצט, און די ביימער אין וואלד זענען געוועהן בעלויכטען איבער דער אייבערשטער העלפט מיט א הימליך שטראהלענדיגער קיהלקייט, און געפונקעלט האבען זיי, ווי די צווייגלעך וואלטען געוועהן בעהאנגען מיט קריסטאלען-לויטערע ארבעסלעך, וואס האבען געבלישטשעט מיט א שטילע אויסגעפייניגטע טרייסט, ווי שטילע לויטערע טרעהרען אין א שטילען פריה-מארגען...

אַ שטילער פערטראַכטער מאָרגען איז ביי שרה'לען אונטער'ן פענסטער געוועזען און אַ שטילע, אַ פערטראַכטע איז זי ביי'ם פענסטער געשטאַנען. דאָס געזיכט איז בלאַס, שטיל און אונבעוועגליך. די רויטע ליפּלעך זענען ווי פערשלאָסען און אַ בונד שוואַרצע געדיכטע דאָר לאָזען זיך איהר פון קאָפּ אַראָב און פערהענגען די רויטיג ברוינליכע באַקען און דעם ווייסען ווייכען האַלז, וואָס פעכעלט אַרוים פון העמד מיט די שפּיצעלעך — און זי שטעהט, קוים וואָס די ברוסטען בעוועגען זיך מיט אַ לייכטען אָטעם-ציק, און דאָס ווייסע העמד איבער זיי און אַרום די שלאַנקע ווייכע טאַליע בעוועגט זיך לאַנגזאַם אויף און אָב לויט דעם פאַלבען זיך אין די טונקעלע איינגעטיעפטע ערטער. זי האָט צוריק אַראָבגעלאָזט די האַנד פון פאָרהענגעל און אין צימער איז שטיל און טונקעל געוואָרען. זי האָט נאָר די בליקען אויפגעהויבען אויף דער טהיר פון צימער, און צוגעהערענדיג האָט זי אויסגעלעגט זי און אַריינגעקוקט אין דער פאָרענדיגער גרויסער שטוב, דאָ איז אויך שטיל, קיינער איז נישט דאָ. די זון האָט אין פענסטער אַריינגעשיינט, אַ זייל ליכטיגקייט האָט זיך אין שטוב אַריינגעגאָסען, האַרפענדיג אַ זעקסגעקעסטעלט ריים אויף דער פּאָדלאָגע, וואו אַ שוואַרץ און ווייס געפלעקטע קאַץ איז געלעגען מיט אונטערגעשפּרייטע פיסלעך אונטער'ן קעפּעל מיט די צוגעמרושעטע אייגלעך און געוואַרמט זיך קעגען דער זון. קיינער איז נישט דאָ, האָט זי זיך נאָך אַמאָל אומגעקוקט און צוריק אָבגעלאָזט די טהיר. זי איז צוריק צו צו איהר בעטעל און גענומען זיך אָנטהון.

באַלד איז זי געשטאַנען אין אַ קורץ בלוי האַלקעלע, וואָס דער פאָטער האָט איהר ערב ראש השנה געקויפט אין שטאָדט, און באַלד איז זי אַרוים פון שטוב.

אין דרויסען האָבען זיך איהר די לאָקען צולאָזט פון שנעל'ן גאַנג. דאָס ווינטעל האָט זיי אין דער לופט געוועהט און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי צוזאַמען מיט די לאָקען פליהט אין דער לופט. דאָס בלוזקעלע מיט'ן פאַרטוכעל פלאַטערען, און זי מיט אויפגעהויבענע אויגען אין עק וואַלד אַריין לויפט אַלץ ווייטער און חיטער מיט די באָרפיסיגע ברוינע פיסלעך איבער'ן פייכטען גראָז, ברעכענדיג מיט איהרע האַסטיגע פלינקע טריט די אַנגעוואָרפענע צווייגלעך און שישקעס אונטער די בוימער.

צווישען די בוימער איז זי פאַרבייגעלאָפען פאַר אַ בערגעל.

דאָרט איז דער פּאָטער איהרער, אַ ייד מיט אַ שוואַרצער רונדיגע באָרד מיט קויל־שוואַרצע אויגען, און מיט די בלויזע העמד אַרבעל. ער האָט איינגעשטעלט אַ קופּע קיהן איבער'ן אויוען, וואו ער ברענט די סמאָלע.

— שרהלע!... — האָט ער איהר נאָכגערופען, אויפהויבענדיג דעם קאָפּ מיט דער שפּיץ באָרד, און געבליבען שטעהען מיט'ן שטיק קיהן אין דער האַנד אַ פערגאַפטער.

שרהלע האָט זיך אַ האַפּ געטהון צוריק:

— פּאַטע... — האָט זי אויסגערעדט מיט אַ קלינגענדער שטימע און אונרוהיג געביטען די בליקען אויף איהם — פּאַטע... קיינער איז נישט געוועזען ביי אונז?...

— ניין — האָט דער פּאָטער געענטפערט, — נאָר וואו לויפסט דו דאָס אַזוי צולאָזט?

— וואו? — האָט זי וואונדערליך געבליקט און מיט אַ פיינליכען אויסדרוק אַרום אָפּענעם מוילכעל וויטער אָנגעהויבען — מיר האָט זיך געדאַכט, אַז לעאָן דעם סוחר'ס זוהן איז געקומען צו מיר אונטער'ן פענסטער און האָט מיר אַלע בלומען אויסגעפליקט — אַלע בלומען!... — האָט זי אויסגעשריען, צונויף פּאַטשענדיג איהרע קליינע ברוינע הענדלעך, און דעם פּאָטער אָנגעקוקט.

— נאַריש קינד! — האָט ער אויסגערעדט געריהרט, אויסשפּרייטענדיג די האַנד — וואָס האָסט דו דיר גענומען אין קאָפּ אַריין?....

— ער איז דאָך אַזאַ גוטער, טאַטעלי... אַזאַ גוטער....

— ט' יאָ... — האָט דער פּאָטער געצויגען — אָבער נישט פאַר דיר! ער וועט דיר נאָר אומזיסט דעם קאָפּ פערדרעהען און דערנאָך וועסט דו איהם שוין אפילו נישט אָנקוקען אויך!—

— גאָה! ביזט אַ בייזער!— האָט זי אַ שפּרונג געטהון פון אָרט, און וואַרפענדיג אַ ברוגז'דיגען בליק אויף איהם, האָט זי זיך אַ האַפּ געטהון וויטער לויפען.

דער פּאָטער האָט איהר נאָכגעקוקט, נאָכגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און אַ לאַנגע צייט נישט געקענט די אויגען אָבריסען פון איהר, ביז זי איז אַוועק אונטער'ן בערגעל.

פון דאַנען האָט זי שוין אַרויסגעזעהן דעם קאַסירער'ס הויז, אַ גרויס הילצערן הויז מיט גרויסע פענסטער אויף אַ פרייען אָפּע-

נעם פלאַץ אַרויס, וואָס לייכט זיך דורך פון צווישען די ביימער. קלאַפּטער האָלץ ליגען, ברעטער, צעוואָרפענע אָפּפאַלעס און קופּעס זעגעכץ, וואָס צעשיטען זיך אַרום די אָבגעזעגטע שטאַמען, וואָס קוקען אַרויס אייגעזונקען פון דער ערד, ווי יונגע מצבות אויף אַ פרישׁ בית-עולם. אַהער איז שרה׳לע אָנגעקומען, און צולויפענדיג צום הויז האָבען איהרע בליקען שוין געפינטעלט איבער׳ן פענסטער און באַלד איז זי אַריין אין שטוב.

— גוט מאָרגען! — האָט זי אויסגעקלונגען ווי מיט אַ זילבערנעם קול׳כעל.

— גוט מאָרגען, גוט מאָרגען! — האָט מען איהר פון אַלע זייטען געענטפערט.

דער קאַסירער, אַ יוד מיט אַ שענער געלער באָרד, האָט זיך נאָך אין מאָרגען-שלאָפראָק איבער׳ן שטוב אַרומגעדרעהט. דאָס ווייב, אין אַ ברייט פליטשענקען פאַרטוך, איז געשטאַנען ביי׳ן קוימען, וואו דאָס פייער האָט פרעהליך געקנאַקט אַרום אַ קופערנער פאַן. און ביי׳ן טיש איז געזעסען נאָך אַ מיידעל, אַ בלאָנדע מיט אַ לענגליך בלאַס געזיכט, בלויע אויגען און אין אַ מאָרגען-שלאַפראָק פון דעם דינסטען געוועב, וואָס האָט איהר גאַנצען לאַנגען קערפער ביז צו די קליינע שפּיץ פיסלעך צוגעדעקט. און אַז זי האָט זיך איפגעשטעלט קעגען שרה׳לען און אַ לייכטע בעוועגונג געמאַכט, האָט זיך געדוכט, אַז דער שלאַנקער ווייכער קערפער איהרער שווימט אַרום אין דעם לייכטען דינעם געוועב. לעאָנ׳ס אַ שוועסטער איז זי געוועזען, אַ פרייליין פון אַ גרויסער שטאָדט. זי איז געקומען מיט איהר צוזאַמען דאָ היי אַ גאַנצען זומער צו פערברענגען, ביי דעם קאַסירער זייערען, שרה׳לע האָט אויף איהר איהרע קינדעריש גוטע אויגען אָבגעשטעלט און שטיל געפרעגט:

— לעאָן איז נאָך אַלץ נישטאָ?...

— ניין... האָט דאָס פרייליין געענטפערט בעזאָרגט.

— נאָך אַלץ נישט... — האָט שרה׳לע נאָך אַמאָל, ווי פאַר זיך איבערגע׳חזר׳ט, פערריכטענדיג זיך די צעוואָרפענע האָר איבער׳ן זאָפ; און אין די אויגען האָט זיך שוין אָבגעשפּיגעלט אַ בלישטשענדיגע פייכטקייט.

אין שטוב איז שטיל געוואָרען. דער קאַסירער האָט זיך באַלד פערטיעפט ביי דעם ביוראָ אין די צעוואָרפענע פאַפּירען, וואָס זענען

געלעגען פאר אידם, דאס ווייב איז זיך אידר וועגס ביים קימען געשטאנען, און שרהלע מיט דעם פריילין האבען זיך אנגעקוקט. און איינע האט דער אנדערער נישט געוואוסט וואס צו זאגען.

— וואס טאכסטו דו שרהלע? — האט דאס פריילין שטיל אויסגערעדט — קום אהער שרהלע... זעץ דיך.

שרהלע האט זיך געזעצט.

— זיי שען, ווי ווייך. — האט דאס פריילין מיט א בלאסען שמייכעל בעטערקט שרהלען אויף אירע לאנגע צולאזטע האר— לאז, שרהלע, וועל איך זיי דיר פערפלעכטען...

— פריידקעשי... ווען וועט שוין לעאן קומען? — האט זיך שרהלע ווי קרענקליך געקרימט, און דערביי האט זי איהר דעם קאפ איבערגעגעבען און ארומגענומען זי ארום דער טאליע, צוטוליענדיג זיך צו איהר, ווי א קינד צו א מוטער.

פריידקע האט איהר שטילערהייד א קוש געטהון אין קאפ אריין, און ווי זי וואלט זיך פערשעמט פאר די שטוב־מענשען האט זי זיך ארומגעקוקט:

— קום שרהלע... לאמיר אריינגעהן אין דער אנדערער שטוב.— האט זי איהר אנגעהויבען צו דער טהיר.

ביידע זענען ארויס הינטער דער הויז־טהיר, וואו קעגען איבער איז נאך א טהיר געווען, און אהין זענען זיי אריין.

דא איז א גרויסע שטוב. נאר איין טישעל שטעהט ביים פענסטער, א קאנאפע און א בעטעל, ריין, ציכטיג, צוגעלעגט.

— זעה נאר, — האט פריידקע אנגעהויבען — זעה נאר, שרהלע, ווי בלאס דו זעהסט היינט אויס.

— איך בין נישט געשלאפען, — האט זי געענטפערט — און ערשט הרעדם זיך מיר אזוי דער קאפ...

— דו קענסט נישט שלאפען? — האט פריידקע איבערגעפרעגט.

— ניין... — האט שרהלע געענטפערט, און שטיל געבליבען.

— און ווען וועט שוין לעאן קומען? — האט זי ווייטער אנגעהויבען — שוין אזוי לאנג, אזוי לאנג...

פריידקע האט זי צערטליך איבערן קאפ געגלעט און די דינע ווייסע פינגער אין אירע לאקען געבאדען, ווי אין קיהלע וואססערלעך, וואס גיסען זיך קיהל, און מיט א ריח ווי פון א זמע

קענדיגען וואַלד אַרוּם. שׂרה׳לע איז געשטאַנען אַזוי ווי אַהנמעכטיג, דעם קאָפּ אויף פרײדקעס אָרעם אָנגעלעהנט, דאָס געזיכט—בלאַס, מיט טרויעריג אַראָבגעלאָזטע ברעמען, און שטיל, ווי אַ קינד, וואָס פערטראַכט זיך.

— לאָמיר זיך זעצען — האָט פרײדקע איהר שטיל אָנגעוויזען אויף אַ שטודל.

ביידע האָבען זיך געזעצט צוזאַמען אויף איין שטול, אַרומגעהאַלטען זיך ביי די טאַליעס און די קעפּ אָנגעלעהנט איינע אויף דער אַנדערערס אָרעם.

אַ ווײַלע איז שטיל געווען. דערנאָך האָט פרײדקע ווײַטער אָנגעהויבען:

— שׂרה׳לע... וואָס וועסטו מיר געבען, איך זאָל דיר עפּעס אויסזאָגען?...

— וואָס? — האָט זי שׂרה׳לע אָנגעקוקט מיט אַ וואונדערליך אויפגעלויכטענעם בליק.

— איך האָב אַ בריעף פון לעאָנ׳ען.

— פון לעאָנ׳ען? — איז זי אויפגעשפרונגען צונויפפאַטשענדיג ביידע הענדלעך — און פאַר וואָס האָסט דו געשוויגען?

— איך האָב דאָך דיר נישט געקאָנט ווײַזען פריהער... איך לייד נישט דעם קאַסירערס ווײַב... האָט זי זיך פערענטפערט און דערלאַנגט איהר דעם בריעף.

שׂרה׳לע האָט איהם געהאַפּט מיט ציטערדיגע הענד, געבליקט אַ רגע, צוויי, מיט אונרוהיגע בליקען און צוריק איבערגעגעבען איהם פרײדקען:

— נאַ, לייען — האָט זי אויסגעשריען, פערוואַרפענדיג די האָר איבער׳ן קאָפּ.

פרײדקע האָט איהר דעם בריעף איבערגעלייענט וואָרט ביי וואָרט, שׂרה׳לע האָט זיך אײַנגעהערט און פון דעם אַלעם אַרויסגענומען נאָר דאָס, אַז לעאָן וועט קומען היינט, אָדער מאָרגען...

די גאַנצע צײַט האָבען איהרע אויגען געשאָסען מיט ליכט און פרייד, באַלד אָבער איז זי צוריק פערטראַכט געוואָרען:

— און פאַר וואָס זיצט ער דאָרט אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג? — האָט זי ווײַטער געפרעגט — ער האָט מיך שוין נישט ליעב?...

— נאַרישע שׂרה׳לע... האָט זי פרײדקע געגלעט איבער׳ן קאָפּ—

נאַרישע שרהלע... אַזעלכע זאַכען קאָן מען נישט וויסען... ער איז דאָך מיין ברודער און איך האָב דאָך אייך ביידע ליעב, דיך אַזוי גוט ווי איהם... נאָר איך ווייס דיר גאָר נישט וואָס צו זאָגען — נאָר ווער הייסט דיך איבערקלערען?...

— אָבער דאָרט, ביי אייך, איז דאָך אויך דאָ מיידלעך — און יענע זענען שענער פאַר מיר?...

פריידקע האָט א שמייכעל געטהון:

— שרהלע... איז דען דאָס שען, וואָס שען הייסט? שען איז נאָר דאָס, וואָס מען ליעבט!...

— אָבער ער האָט מיך נאָך ליעב?

— פון וואַנען זאָל איך וויסען?...

שרהלע האָט צוריק די אויגען אַראָבגעהאַנגען מיט א בלאָס פערוונקען געזיכט.

— איך קאָן דיר נאָר דאָס זאָגען — האָט פריידקע ווייטער גע־צויגען — אַז ווען איך וואָלט געוועזען לעאָן, וואָלט איך נאָר דיך געוואָלט...

— אָבער ער קאָן נאָך היינט קומען?

— ער קאָן. אויב נישט היינט — מאָרגען זיכער. איך וועל איהם אליין אַקעגענטפאָדערען אויף דער סטאַציע. איך וועל הייסען איינשפאַנען די ברישקע...

— און די זאַכען האָט ער נישט מיטגענומען אַלע?...

— אודאי נישט. ער איז געפאָהרען אַזוי ווי ער שטעהט און געהט. ביסט דאָך געוועזען ביי'ן געזעגענען...

שרהלע האָט זיך פערטראַכט.

דערנאָך איז זי אויפגעשטאַנען בעפרייענדיג זיך פון פריידקע'ס אָרעמס, איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר פון לעאָנ'ס בעזונדערן צימער, אויפגעמאַכט די שטילערהייד און אַריינגעקוקט...

דאָס בעטעל זיינס איז געשטאַנען ביי דער וואַנד. דער ראָלעט אַראָבגעלאָזט איבער'ן פענסטער. און א טונקעלע קיהלקייט האָבען די בלייליך־אָבגעקאַלכטע ווענד אין זיך פערבאָרגען, א שטילע רו־היגקייט איז אין יעדען ווינקעל געלעגען אויסגעגאָסען. דאָס פער־שפרייטע לייליך אויפ'ן בעטעל האָט געשעכעלט, קלאָר ווי שנעע, און אין די איינגעפאַלבטע קניימשען בעהאַלט זיך די טונקעלע שטילקייט, וואָס האָט איבער'ן בעטעל אַרומגעשוועבט. קעגען איבער

שטעהט לעמפ'ס קויש מיט די זאכען זיינע, און א ווייס העמדעל מיט העקעלעך אונטערן קעלנעריל הענגט הינטער דער טהיר — עס אטעמט, דאכט זיך שרה'לען, און עפעס א פערבארגענע רוהיגקייט רוהט אין יעדען שפעלטעל און אין יעדען פעלבעל. עס שווייגט דאס צימער, ווי א טיעפער סוד וואלט זיך דא אריינגעגאסען, און אלץ ארום הערט זיך איין מיט א פערזונקענע פערטראכטקייט איבער דער שטילקייט...

— שרה'לע— וואס האסט דו דיך אזוי פערטראכט? — האט פריידקע געפרעגט צוקומענדיג שטילערהייד הינטער איהרע פלייצעס.

— גלאט אזוי... איך האב מיך פערקוקט, ווי דא איז אזוי שטיל...

האט שרה'לע געענטפערט, אנקוקענדיג זי מיט איין אומעדיגקייט.

— דו בענגסט?...

— ניין — נאר אזוי, טרויעריג איז מיר...

— זיי זשע נישט טרויעריג, שרה'לע... האט פריידקע בעזארגט אנגענומען זי ביי די האנד.

— עס איז שוין אזוי לאנג, אזוי לאנג... דאס הארץ איז מיר עפעס אזוי שווער... מיר דאכט זיך, איך וועל איהם שוין מעהר נישט אנקוקען...

— רעד נישט קיין נארישקייט, שרה'לע! — האט פריידקע אונצופריעדען און געפייניגט ארויסגעזאגט.

א ווייל'ע איז שטיל געווען, און פריידקע האט די אויגען אראבגעלאזט פאר שרה'לעס געזיכט, ווי זי וואלט נישט געקאנט קוקען אויף איהר שב..ען צער, וואס אין איהר שטילען פייכטען בליק האט זיך אבגעשפיגעלט. ענדליך האט זי ווייטער געבעטען:

— שטעה נישט שרה'לע... געה ערגעץ, אדער וואס... און אז ער וועט קומען, וועל איך באלד קומען צולויפען צו דיר אנזאגען...

אין שרה'לעס אויגען האט זיך א בלישצענדיגע טרער בעוויזען, און זי איז באלד ארויס פון שטוב, אומקעהרענדיג זיך צוריק אהיים.

א שווארצער געדיכטער רויך האט זיך שוין איבער דער לופט קיהן אויסגעוויקעלט און דערהויבען זיך איבער די שפיצען בויטער ווי א וואלקען-זייל און דאס ווינטעל האט פון איהם גאנצע שטיקער אבגעריסען און צוטראגען איהם אויף אלע זייטען. קעגען-איבער איז געשטאנען דער פאטער אנגעלעהנט אן א בוים מיט פערלענגט

הענד אויף דער ברוסט, און די שטילע, פערטראכטע אויגען האבען אהן א ציעל געקוקט איבער דעם זייל רויך וואס האט אין דער הויך אויסגעשטיגען. שרה׳לע איז שטעהן געבליבען מיט א שטיל רחמנות פנים קעגען פאטער.

— וואו ביסט דו שרה׳לע! — האט דער פאטער ווי פון א חלום זיך אויפגעכאפט.

— איך בין געוועזען ביי פריידקען. — האט שרה׳לע געענטפערט.

— וועה, דו קינד מיינס. — האט דער פאטער ווי אבזויפ־צענדיג אנגעהויבען — שוין דריי און דרייסיג יאהר לעג איך קופעס קיהן איבער דעם זעלבען בערגעל, שוין דריי און דרייסיג יאהר דערהויבט זיך דא דער רויך פון צייט צו צייט, און וואס האב איך דא דערלעבט!....

— וואס ווילסט דו, טאטע! — האט שרה׳לע געפרעגט.

— איך וויל נאר דו זאלסט רוהיג זיין... איך זעה דאך, אז מיט דיר איז עפעס, און, חלילה, אויף דיר איין האר, צו וואס טויג מיר מיין גאנץ לעבען? שוין גענוג קופעס קיהן אויסגעברענט. איך קוק אין דעם רויך, וואס וויקעלט זיך אונטערן הימעל, און מיר דאכט זיך, אז אין דעם רויך זענען אלע מיינע טעג פערשוואונדען. און אז דער רויך האט מיר די בעסטע צייטען אוועקגעטראגען. דיין מאמע לעבט שוין נישט, זי האט מיך דא איבערגעלאזט, און ווי א שאטען דרעה איך מיך הײנט ארום דער קופע קיהן... און אויב דיר זאל חלילה עפעס געשעהען, וואס האב איך נאך דא צו טהון, פאר וועמעס וועגען!...

שרה׳לע האט פערטראכט געהאלטען די אויגען אראב, און דער פאטער האט געגעהנט צו איהר, גלעטענדיג זי איבער׳ן קאפ.

— שרה׳לע... ווייסטו וואס איך קלער... איך וויל פאהרען אויף קבר אבות צו דער מאמען...

— נו פאהר... — האט שרה׳לע איהר ליכטיגען קינדערשען בליק אויפגעהויבען.

— און דו וועסט מיטפאהרען שרה׳לע? פאהר מיט, פאלג מיך — עס וועט דיר אביסעל גרינגער ווערען אויפ׳ן הארץ... א נאט וועט העלפען, איך וועל דעם אייוועז אויסשעפען, וועלען מיר פאהרען אין שטאדט אריין, געהען צו דער מאמעס קבר...

— שרה׳לע איז געשטאנען פערשטומט און דעם קאפ אראב־

געלאָזט אונטער דעם פאַטערס הענד, וואָס האָט איהרע הייכע לאָקען אַזוי צערטליך געגלעט.

דערנאָך איז שרה'לע אַוועק צו זיך הינטערן פענסטער און גע־זעצט זיך אין עק וואַלד קעגענאיבער דעם פענסטערעל פון איהר צימער. זי האָט געקוקט אויף דעם פענסטערעל ווי אויף אַ פרעמדס און פאַרגעשטעלט זיך, ווי שטיל, ווי איינזאַם דאָרט איז.

אַ גאַנצען טאָג איז זי אין שטוב נישט אַרײַנגעקומען, נאָר פאַרנאַכט, ווען די זון איז שוין אונטערגעגאַנגען און די שפּיצען ביימער האָבען זיך אין אַ פּורפּור־רויטקײַט פערהילט, נאָכקוקענדיג מיט אַ פערוונקען שווײַגען אויף די שטילע טונקעל־ברוינע וואָלקענדלעך, וואָס האָבען ווײַט הינטערן וואַלד אַרומגעבלאָנדזשעט און געזוכט זיך אַ נאַכט־לעגער — ערשט דעמאָלט איז שרה'לען נאָך שווערער גע־וואָרען אויפ'ן האַרצען, און זי האָט געזוכט אַיין אָרט, וואו פאַר דער נאַכט צו בעהאַלטען זיך. אַ שטילע אומעדיגקײַט האָט זיך אויף איהר פערוואָלקענט פנים צולעגט און שרעקענדיג זיך פאַר דעם טיעפען פערזונקענעם געמיש צווישען די ביימער, איז זי אַרײַן צו זיך אין שטיבעל און אַנידערגעוואָרפען זיך אויפ'ן בעטעל, אַ מידע, אַ צע־בראָכענע. זי האָט זיך, ווי אַ שטילער, טונקעלער שאָטען אײַנגע־טוליעט און מיט'ן פנים אין קישען זיך אַיינגעגראָבען.

אין שטיבעל איז וואָס אַמאָל פינסטערער געוואָרען שאָטענס האָבען זיך אין די ווינקלען ווענד געטוליעט. איהר טונקעלע פיגור אויפ'ן בעטעל האָט זיך קיין ריהר נישט געטהון. ווי פערגליווערט איז זי גע־לעגען אונטער דער שטילקײַט, וואָס האָט איבער'ן בעטעל געלויערט. שפּעטער, ווען דער פאָטער איז אַרײַן אין איהר צימערל, האָט זי זיך נישט אָנגערופען. און אַז ער האָט אַ ליכטעל אָנגעצונדען און צוגעגאַנגען נעהנטער, אַ קוק צו טהון אין איהר פנים ווי זי שלאָפט — האָט זי איהם געבעטען, ער זאָל זי לאָזען אַליין אין דער פינסטער.

דער פאָטער האָט מיט רחמנות־אויסגעשטעלטע אויגען געפאָלגט זי, אַרויסגעהענדיג מיט דעם ברענענדיגען ליכט אין דער האַנד פון איהר צימער.

שרה'לע האָט דעם קײַטעל אַרויסגעוואָרפען און צוריק געלעגט זיך אויף איהר בעטעל.

אַ גאַנצע נאַכט איז זי געלעגען אין האַלבען דרימעל ח:

אונטער אַ לײַכטען, טונקעל־אויסגעוואַקסענעם שלײַער און אַ גאַנצע נאַכט האָט זי נישט אויפגעהערט שטיל צו זיפצען.

ערשט פאַרטאָג, ווען דורך דער שפּאַרע פון לאָדען האָט אַ שמאָל פּאַסיקעל הימעל אַרײַנגעשײַנט, אויסציהענדיג זיך איבער דער פּאָדלאָגע קעגען איהר בעטעל, האָט זי דעם קאָפּ פון געלעגער אויפגעהויבען, און אַרומגעקוקט זיך, ווי נאָך אַ לאַנגען שווערען חלום, און איז אַראָב פון בעטעל.

זי האָט לאַנגזאַם אַראָבגעלאָזט דעם קײַטעל און שטיל אויף די שפּיצען נעגעל אַרײַן צום פאָטער אין שטוב, בלײַבענדיג שטעהן פאַר זײַן בעט.

דאָ האָט זיך אַ קלײַן לעמפּעל טונקעל געברענט אויפ'ן טישעל, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער זײַט בעט, און אַ רויטע ליכטיגקײַט האָט זיך אויף דעם פאָטערס שלאָפענדיג געזיכט געגאָסען.

ער איז מיעד געשלאָפען, פערוואָרפען דעם קאָפּ, אויסגעשטעלט די רונדיג שוואַרצע באָרד, און די ברוסט האָט זיך פול געהויבען אויף און אָב. זי האָט איהם בײַ זײַן עלענבויגען אָנגערירט און דער פאָטער האָט די ברעמען אויפגעמאַכט אַרומקוקענדיג זיך מיט אַ צעוואָרפענעם בליק, און נאַכהער, ערשט שרה'לען דערזעהן ווי זי שטעהט פאַר איהם שטיל מיט צעוואָרפענע האָר און שטאַרק בלאַס.

אַ רחמנות איז איהם בעפאַלען:

— וואָס איז דיר שרה'לע? — האָט ער ווי צעטומעלט געפרעגט.

— גאָר נישט, טאַטע... מיר איז גאָר נישט... האָט זי איהם געענטפערט און לײַדענד געקוקט אויף זײַן אונרוהיג געזיכט.

— שלאָפסט נישט? — האָט זי דער פאָטער בײַ די האַנד אָנגענומען, צונעהמענדיג זי נעהנטער צו זיך.

— נײַן, טאַטע... איך קען נישט... איך וויל דאָ זיצען, נעבען דיר... האָט זי איהם אָנגעוויזען אויפ'ן בענקעל, וואו זײַן אָנטהון איז געלעגען.

דער פאָטער האָט דאָס לעמפּעל אַרויסגערעדט, האָט איהר אָנגערעדט דאָס בענקעל קעגענאיבער דעם בעט, און זי האָט זיך געזעצט. בײַדע זענען פערזונקען געוועזען אין אַ שווערע שטילקײַט, און זי האָט אַלע ווײַלע די אויגען אויפגעהויבען אויף דעם פאָטער, נאָר ווי צוריק אַראָבגעלאָזט.

נאַכהער האָט זי שטיל אָנגעהויבען:

— טאַטע... טאַטע... דו געדענקסט דעמאָלט די ציגאַנקע אין וואַלד... די ציגאַנקע מיט דעם בײַדעל?

— וואָס זאָגסט דו שרה'לע?

— איבער איהר קאָן איך נישט שלאָפען...

— שרה'לע... דיר האָט זיך עפּעס געחלומ'ט...

— ניין טאַטע... דו געדענקסט דאָך יענע ציגאַנקע, וואָס איז אַרויסגעקומען פון בײַדעל מיט אַזוינע שטילע אויגען, און די שוואַרצע האָר?... אוי צולאָזט... געדענקסט נישט?...

דער פּאָטער האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף איהר צוטראָגען, אונגלויביג, און נאַכהער ערשט בערוהיגט געענטפערט.

— איך געדענק...

— און זי וועט מיר נישט צונעהמען מײַן לעאָנ'ען?...

— זי לעאָנ'ען?... צו וואָס? שרה'לע?...

שרה'לע איז שטיל געבליבען, די אויגען אַראָפּגעלאָזט.

— געדענקסט — האָט זי אין אַ ווײַלע אַרום אָנגעהויבען — ווען די מאַמע האָט נאָך געלעבט?...

— איך געדענק... האָט דער פאָטער טרויעריג צוגעשאָקעלט מיט דעם קאָפּ.

— האָט זי מיר איינמאָל אַ מעשה דערצעהלט, מיט אַ באָבעלע וואָס האָט געהאַט אַ הײַזעל אין מיטען וואַלד און אין דעם הײַזעל האָט זי געהאַט דרײַ טעכטער, איינע שענער פאַר דער אַנדערער, און אַלע האָבען געהאַט צו דרײַ גאָלדענע האָר אויף דער סאַמע מיט קאָפּ...

— שרה'לע... האָט דער פאָטער אויסגערופען, און אויפגעצענדיג זיך האָט ער וועדטאָגליך געקוקט אין איהר געזיכט — שרה'לע... חײַז נאַר... האָט ער זיך צו'ן איהר צוגעבויגען און אַרויפגעלעגט זײַן האַנד אויף איהר שטערען — האָסט נישט קײַן היץ?...

— אײַ, לאָז מיך אָב, טאַטע... האָט זי זיך געקרימט און ברוגזדיג אָבגעקעהרט דאָס געזיכט אָן אַ זײַט.

— נו, טאָכטערשי... נו, וואָס זאָל איך דיר טהון?... וואָס קאָן איך דיר העלפען, טאָכטערשי?

ער איז אַראָב פון בעט, גענומען זי אונטער דער האַנד, און דאָס לעמפּעל פון טיש אַראָב אין דער אַנדערער האַנד און האָט זי,

אונטערהאַלטענדיג, אָבגעפירט אין איהר צימער און צוריק געלעגט זי אויף איהר בעטעל.

— וועהסט, מאַכטערשי, — האָט ער איהר געוויזען אויפ'ן שפּאַלט פון לאָדען — וועהסט.... דער טאָג בליעט שוין אַריין... עס ווערט שוין טאָג...

— און צו וואָס טויג ער מיר?... האָט שרה'לע אָבגעזיפצט, און אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבען — פאַר וואָס, טאַטע, הערט מען נאָך די הענער נישט קרעהען פון בוידעם?...

— קענסט נישט שלאָפען, שרה'לע?... האָט דער פאָטער מיט רחמנות איבערגעפרעגט.

— ניין... איך וויל אויף זיין. אפשר וועלען מיר די הענער מיט זייער קרעהען אָנזאָגען אַ גוטע בשורה...

דער פאָטער האָט שטיל אָבגעזיפצט, און אין צימער איז שטיל געוואָרען. דאָס פייערל פון ברענענדיגען לעמפּעל אויפ'ן טישעל האָט אַ טונקעל-רויטליכע ליכטיגקייט צוגאָסען איבער זייערע קעפּ, די געזיכטער האָבען אויסגעזעהן פערזאָרגט און דאָס גאַנצע צימער, האָט זיך געדאַכט, אָטעמט מיט איין שטילען סוד, וואָס צוגיעסט זיך איבער אַלע טונקעל-בעשאָטענע ערטער און אין די ווינקלען פון צימער...

אַזוי האָט שרה'לע נאַכט ביי נאַכט פערברענגט, און ביי טאָג פלעגט זי די שטוב פערלאָזען, פערקלויבען זיך ערגעץ אין וואַלד אונטערן שאָטען פון אַ בוים און דעם גאַנצען טאָג איבערזיצען איינע אַליין און שטום געקוקט מיט פייכטע פערגליווערטע אויגען אויף די שפּיצען בוימער, ווי זיי וויעגען זיך איין אין זייער אייגען שטיל גערויש.

ביסלעכווייז איז איהר אייגען גערטענדעל אונטערן פענסטער אויך פרעמד געוואָרען איהר. פון דער ווייטענס נאָר פלעגט זי קוקען אויף די שטומע בלומען-קעפּלעך, ווי זיי בייגען זיך איינס קעגען דעם אַנדערען אויף זייערע דינע הויכע שטענגלעך און ביקען זיך, פרעגענדיג איינס דאָס אַנדערע „וואו איז לעאָן, וואו איז לעאָן?"... און אין שרה'לעס אייגען פלעגען זיך צוויי ליכטיגע טרערען שטעלען און ביטערליך האָט זי דאָס געזיכט אָבגעקעהרט פון די בלימעלעך, אידרע פערלאָזטע יתומים'לעך...

און אַז זי פלעגט אונרוהיג ווערען, פלעגט זי זיך אין טיעפען

וואלד צווישען די געדיכטע ביימער אין טונקעל־טיעסען שאטען פערבארגען. און וואס טיעפער, וואס געדיכטער עס איז דער וואלד געוועזען, אלץ מעהר בעשיינפערליך פלעגט זי פון דער וויטער טונקעלהייט, אדער פון צווישען די בלעטער איבער די געדיכטע צווייגען — לעאנ׳ס געשטאלט זעהען ארויסקוקען...

און איינמאל איז זי, זוכענדיג לעאנ׳ען, צו די שטיבלעך פון די וואלד־העקער פערקראכען... סאמע ניעדריגע ערד־דעכלעך, ארונגעלאזט צו דער סאמע ערד, מיט א קליין פענסטערל אונטער דער זייט דעכעל און א שמאל קומענדעל, וואס שטעהט אין דער מיט דעכעל. פאר יעדער טהיר, וואס לאזט זיך אראב, ווי ביי א הייל אונטער דער ערד, ליגט א סטערדע האלץ, אדער א קופע שטעכעכץ, הענגט א פאר ווינדעלעך, אדער ליעגט איין איבערגעדרעהטער קובעל צום טרוקענען, און אונטער יעדען הייזעל זיצען א צוויי, דריי נאקעטע קינדערלעך, ווי פון דער וועלט ארויסגעזעצט און שפיעלען זיך אין זאמד.

דארטען פלעגען די קינדערלעך פון די וואלד־העקער נאכקוקען שרה׳לען, ווי אויף א שטילען סוד.

און זי פלעגט ארומבלאנדזשען צווישען די פערזעגטע שטאמען אין דעם אויסגעהאקטען שטיק וואלד ארום די הייזלעך, שטיל, מיט א בלאס געזיכט, פערטראכט אין זיך, און נאר זעלטען פלעגט זי אויפהייבען אידרע שעגע שווארצע אויגען, און די פינסטערקייט פון יאוש און פערלאזטקייט אויף אלץ ארום האט זיך אין אידרע פייכטע בליקען אבגעשפיגעלט...

פאר די זעלבע ניעדריגע הייזלעך פלעגט איהר לעאן פארבייפאהרען, רייטענדיג אויף זיין פערד און זאטעל, מיט א שפיץ־רוט אין דער האנד. מיט זיינע בלייע געפאסטע הייזלעך און די געגלאנצטע שטיוועלעך אויף די פיס פלעגט ער זיצען, ווי צוגעגאסען צום פערד, און זיין שטאלץ־אויסגעגלייכטער קאפ פלעגט אויסקומען העכער איבער אלע דעכלעך פון דאנען. און טייל מאל פלעגט ער זיך דא אבשטעלען פאר א טהיר פון א הייזעל. און זיין בריונעט געזיכט, שווארצע אויגען און די דינע שווארצע וואנסעלעך האבען שרה׳דיג אויסגעזעהן, און מיט א שטרענג קול פלעגט ער א רוף טהון „קאשקין”, אראבביגענדיג זיך פון פערד צום ניעדריגען פענסטערל... א גלאז וואסער פלעגט ער זיך הייסען ארויס־

דערלאַנגען אויפ׳ן פֿערד אַרויף...

נאָר הײַנט איז ער נישט דאָ... נישט ער און נישט זײַן פֿערד... און שרה׳לע זוכט האָטש „קאַשקין״, האָטש דאָס הײַזעל אָנקוקען...

און אַז זי קוקט זיך אַרום, און דערזעהט, ווי פּוסט דאָ איז הײַנט, לאָזט זי דאָס געזיכט אַראָב צו דער ערד און געדט אַוועק מיט שטילע טריט, און די קינדערלעך פֿון די וואַלד־העקער קוקען איהר נאָך מיט שטילע פּנימ׳לעך, גרויסע סודותדיגע אויגעלעך, ביז זי פֿערשווינדעט צוריק אין וואַלד צווישען די ביימער...

איין אַנדערע מאָל ווײַטער, פֿלעגט זי צוקומען צו דעם ראָוו, וואָס האָט זיך אין דער מיט וואַלד אַ דורכגעשניטען, טיעף צווישען די ביימער — פֿלעגט זי בלײַבען שטעהען אַ צוגעשמידטע צום אָרט. מיט איהרע שוואַרצע אויגען פֿלעגט זי זיך אײַנקוקען אין זײַן טונקעלער טיעפֿקײַט איבער דער גאַנצער לענג, וואָס איז בעוואַקסען געווען מיט גרינעם פֿרישען מאָך, ווי אַ ווייך געלעגער, און זי האָט געקוקט און געקוקט... אַ זאַפֿטיגע קיהלקייט פֿלעגט זיך אין דעם ראָוו פֿערבאָרגען. די ביימער בײַ די זײַטען הילען איהם אַריבער מיט ווײַערע אַראָבגעלאָזטע צווײַגען, ווי אונטער אַ גרינע סוכה, און שרה׳לען פֿלעגט זיך דאַכטען, אַז אַלע גאָט׳ס סודות, צוזאַמען מיט דעם לײַכטען גערויש פֿון די ביימער און גרעזער, גיעסען זיך דאָ אַהער צונויף און פֿערבאָרגען דאָ דעם וואַלד׳ס שטילען סוד...

און דאָס פֿלעגט אַזוי שרה׳לעס האַרץ ציהען אין דער טונקעלער קיהלקייט, אין דעם ווייכען שטילען מאָך, אַז זי פֿלעגט זיך נישט איינמאָל פֿערגעסען, און נישט פֿיהלענדיג, אַליין אָנגעהויבען צו געהן גלײַך מיט דעם ראָוו, ביז דער וואַלד האָט זיך שוין אָנגעהויבען שיטער אַדורכצולײַכטען קעגען דעם בלויען הימעל, און זי איז אַרויסגעקומען אויף איין אָנבעקאַנט נאַקעט פֿעלד...

און דאָ איז איף אַ בערגעל אַ פֿערלאָזטער געשטאַנען, איינער אַליין, אַ „וויעטראַק״ פֿון גאָר אַלטע צײַטען. די ווענד זײַנע זענען שוין געווען אַרומגעשיילט, צוויי אויסגעשפּרייטע פֿליגעל אין דער ברייט, ווי צוויי דאַרע אויסגעשטרעקטע הענד, און דאָס דעכעל אויף איהם האָט אויסגעזעהן, ווי אַ גרין מאַכען הימעל אויף אַ פֿערצ_טיש [illegible] מכשף...

און אַז שרה[illegible]ע האָט [illegible] אַ גאַנצע פּוסטקייט אַרום.

איז איהר דאָס האַרץ אויסגעלעהרט געוואָרען, און זי איז אויפ׳ן גראָז אַנידערגעפאַלען מיט אַ געוויין און אַ רחמנות צו זיך אַליין — „לעאָן, לעאָן... וואו האָסטו מיך געלאָזט איינע אַליין אין דעם פרייען פעלד?"...

און אין מיטען וואַלד אויף אַ קיילעכיג גראָזיג אָרט איז אַ טייכעל געווען, וואָס שרה׳לע פלעגט אַהין קומען טאָג-טעגליך, און אַרומדרעהען זיך אויף דעם ברעג איינע אַליין, ווי אַ שטילע פערוואָגעלטע טויב.

אַרום און אַרום ברעג איז דער וואַלד מיט זיינע הויכע ביימער, וואָס שטעהען מיט אַיינגעשוויגענע קעפּ אונטערן בלויען הימעל, צופּיסענס וואַשט דאָס טייכעל דאָס זאַמד אויף די ברעגעס, און שרה׳לע דרעהט זיך אַרום איינע אַליין פערזונקען אין אַ שווערער שטילקייט. און אַז עס מאַכט זיך אַ ווינטעל, און די קעמפּע הויכע גראָזען אויף יענער זייט ברעג הייבען זיך אָן צו צעוויינען מיט אַ שרעקליך געוואַרפערייַ אויף אַלע זייטען, איבערבייגענדיג זיך איבער׳ן וואַסער, האָט רינצעלט זיין שפּיגעל-גלאַטע אויבערפלעכע פאַר שרעקדעמאָלט הייבט שרה׳לע איהר פערשטיינערטען בליק אויף, און פון צווישען דער קעמפּע ענטפּלעקט זיך פאַר איהר איין אָנגעבונדען שיפעל צום ברעג, וואָס וואַרפט זיך צווישען די וועלען, אַזוי עלענד, אַזוי פערלאָזט, אַז זי מוז צוריק אָבקעהרען איהר געזיכט אָן אַ זייט און וויינט מיט אַ שטיל איינגעהאַלטען קול, אַז איין גאָט אין הימעל מעג איהר ענטפערען.

זי וויינט דאַרויף, וואָס זי האָט שוין היינט נישט נאָך וואָס אַהער צו קומען... און זי דרעהט זיך אַזוי לאַנג אַרום אויף די ברעגעס ביז זי געהט אַוועק אַ מידע, אַ צובראָכענע פון דאַגען.

נאָר צום מייסט בעפאַלט איהר אַ מרה-שחורה פריטאָג פאַרנאַכט, ווען די זון לאָזט זיך איבער די שפּיצען ביימער אַראָב. אַ מידע, צופלאַקערט אין איהר איינענעם שטילען טרויער, און די לעצטע רויטע שטראַהלען צובּרעכען זיך אויף שרה׳לעס פענסטערעל. זי דערמאַנט זיך דעמאָלט אָן דער מוטער, ווי איהר געלב פנים האָט מיט שטילע ליכטיגע אויגען פון קראַנקען-בעט אַראָבגעקוקט, ווי זי, שרה׳לע, וועט דאָס ערשטע מאָל ליכט בענשען אָהן איהר... זי האָט די ליכט אָנגעצונדען און די מוטער האָט מיט איהר די ברכה געמאַכט... און פאַר וואָס האָט זי דעמאָלט אַזוי געוויינט, די

מאַמע... און פאַר וואָס האָבען די טרערען אַזוי געליכטען?...

„שרה'לע... — האָט זי איהר צום בעט צוגערופען און, גלעטענדיג זי איבער'ן קאָפּ, געזאָגט „שרה'לע... בענש ליכט אָהן מיר, אַלע פרייטאָג פאַרנאַכט, ווען גאָט שיקט דעם ליעבען שבת קודש אויף אונז יודען"...

און אַצונד, ווען דאָס האַרץ איז איהר אַזוי שווער געווען פון בענקען נאָך לעאָנ'ען, האָט זי נישט געוואָלט, אַז דער פאָטער זאָל איהרע טרעהרען זעהן בשעת זי צינדט אָן די ליכט. דער פאָטער איז איהר הינטער די פּלייצעס געשטאַנען, און זי, אויסגעדרעהט מיט'ן פּנים צו די ליכט מיט די שטילע פערטראַכטע פלעמלעך, האָט זי מיט די הענד דאָס פּנים פערשטעלט און איהרע ליפּלעך האָבען געשעפּטשעט אַ שטיל געבעט, וואָס האָט די גאַנצע שטוב אָנגעפילט מיט אַ שטילען צער, צוזאַמענגיסענדיג זיך מיט דער רויטער ליכטיגקייט פון די ברענענדיגע ליכט.

— שרה'לע... — האָט דער פאָטער מיט שטילען צער אין די אויגען געבעטען — ווייַן נישט אַזוי פיעל... עס איז דאָך הייַנט שבת...

— וואָס זאָל איך נישט ווייַנען — האָט זי געענטפערט — אַז הייַנט צוויי וואָכען איז נאָך מייַן לעאָן געווען בייַ מיר...

— וועט גאָט העלפען, ער וועט ווייטער קומען, און וויין נישט...— האָט ער זי געטרייסט.

נאָר שרה'לע האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען.

— איך וויל, טאַטע— זאָגט זי בעטענדיג — געהען צו לעאָנ'ס שוועסטער... אין דרויסען איז שוין נאַכט — ווייזט זי איהם דורכ'ן פענסטער — דאָס פעלד איז אַזוי שטיל, אַזוי לעדיג... און דאָ, אין שטוב, קען איך אויך נישט דערזייַן...

— נו נעהם דאָס רויטע פאַטשייַלעכעל אויפ'ן קאָפּ, הייַנט איז שבת... געה נישט אַזוי מיט די האָר צולאָזט... און איך וועל דיך אונטערפיהרען.

האָט זי עס גענומען אויפ'ן קאָפּ, אונטערבינדענדיג זיך מיט ביידע עקען אונטער דער גאָמבע, און איז שוין געשטאַנען בייַ דער טהיר. האָט זיך ערשט דער פאָטער אומגעקוקט איבער דער שטוב און אויף די אָנגעצונדענע ליכט, און האָט אָבגעזיפצט:

— שרה'לע — בעט ער זיך — וואָס פערשטערסט דו דיר אליין די שבתים?...

— איך קען נישט, טאטע, איך קען נישט... — האט זי ווי אבגעהאקט אין דער מיט, און דער פאטער האט זי געמוזט אונטערפיהרען.

ווענען זיי א גאנצען וועג געגאנגען שטיל און פערטיעפט אין זיך, נאר אונטער'ן בערגעל, אז שרה'לע האט דערזעהען די ליכטיגקייט פון צווישען די ביימער, וואו עס לייכטען ארוים די ברענענדיגע שבת־ליכט פון דעם קאסירערס פענסטער — האט זי דעם פאטער אבגעשטעלט, געהייסען איהם שוין צוריק געהן און זי איז אליין אוועק צום קאסירערס הויז.

אונטערן פענסטער פון פריידקע'ס בעזונדערער שטוב איז זי געבליבען שטעהען ווי צוגעשמידט. אויף דעם טישעל האט געברענט א לאמפ אונטער א בלויער שיין, וואס האט אזוי העל־בלוי אבגעשלאגען אויף די ווייסע געקאלכטע וועגד. פריידקע איז געלעגען אויפ'ן בעטעל, די האנד אונטער'ן פנים אונטערגעשפארט, און פאר איהר, אויף דעם קישען, איז איין אויפגעמישט בוך געלעגען...

נאר אזוי שטיל איז דא אלץ ארום אין דעם צענאטענעם שיין פון דער בלויער ליכטיגקייט, אז עס דאכט זיך שרה'לען — לעאנס א שטילער בליק קוקט אויף דעם אלעם פערבארגענערהייד פון ערגעץ א שפאלט ארויס... זי געדענקט איין אבענד, ווען ער האט זיך ארומגעדרעהט איבער דער שטוב, די האר צעווארפען איבער'ן שטערען, די הענד פערלעגט אויף פארענט, און דאס געזיכט געזונקען... פאר דעם ברענענדיגען לאמפ זענען געלעגען אנגעווארפען שאכטלען פון גילזען, פאפיראסען, און אן דער זייט אויף א שטוהל איז געלעגען זיין אנגעפאקטער רייזעטאש... נאר ער האט זיך נאך אלץ ארומגעדרעהט אין בלויען לייב־קאלירענעם לייבעל... ער האט עפעס געטראכט... און וואס האט ער געטראכט... וואס, ווייס זי נישט... אין זיין ברוינליך ארונטערגעהאנגענעם געזיכט, אין זיין שטומען בליק און אין די ווינקלען אויגען איז עפעס געלעגען א טונקעלע שטילקייט...

— גאט ווייס, וואס... האט שרה'לע, שטעהענדיג אונטער'ן פענסטער, שטיל אבגעזיפצט, און דערמאנט זיך, אז זי געהט צו פריידקע'ן...

זי איז אריין אין שטוב.

א שטילער פריידקע'ס בליק האט זי בעגעגענט, און שטיל ווי אונטער א ווייכען פוכענעם פליגעל האט זיך שרה'לע דערפיהלט,

און זי איז צוגעגאנגען צו פריידקע׳ס בעטעל מיט אראבגעהאנגענע אויגען.

— פון וואנען קומסט דו ערשט?... האט זי פריידקע געפרעגט, קוקענדיג פערוואונדערט.

— איך קום פון דערהיים. — האט שרה׳לע געענטפערט.

— זיץ... האט איהר פריידקע אנגעוויזען נעבען זיך אויפ׳ן בעטעל.

א לאנגע צייט האבעןביידע געשוויגען, און זייערע בלויע בע־לייכטענע פנים׳ער מיט די אראבגעלאזטע פערוואָרגטע ברעמען האבען אויסגעזעהען, האלטען דער שטוב׳ס אטעם איין...

— עס איז שוין גוט נאכט?... האט פריידקע די שטילקייט אי־בערגעריסען.

— יא... האט שרה׳לע אויפגעהויבען איהר בלאס געזיכט, מיט פערגליווערט אויסגעשטעלטע בליקען צום פענסטער.

אויף דעם טיעפען בלויען הימעל האבען געבלישצעט שטע־רענדלעך, ווי געשליפענע רובינדלעך, און פערשיעדענפארביג געפינ־קעלט אין דער טיעפער נאכט.

— דו זעהסט... האט שרה׳לע, ווייזענדיג מיט א פינגער אויפ׳ן פענסטער, געווענדעט זיך צו פריידקען, שטיל אנקוקענדיג זי, ווי זי וואלט איהר עפּעס א סוד ענטפּלעקט— דו זעהסט, ווי פינסטער עס ווערט אין דרויסען...

פריידקע האט געשוויגען, קוקענדיג אין איהר וואונדערליך בלאס געזיכט, וואס האט ערשט אזוי ערנסט און שטרענג אויסגע־זעהען...

— איך זעה... האט זי ווי מיטגעזאגט, נאך מעהר פערוואונדערט אנקוקענדיג זי.

שרה׳לע האט זיך עפּעס ווי פלוצלונג צוזאמענגעשטויסען מיט פריידקע׳ס פארשענדיגען בליק, און עפּעס האט זיך פלוצלונג אין איהרע אויגען ווי אויסגעלאשען. זי האט פערשעמט אראבגעלאזט די ברעמען און ירום איהר מויל׳כעל האט זיך צולעגט אין אונ־געוועהנליכער ..יסדרוק פון פיין, ווי איינע וואס האט עפּעס א שמערץ ד.. פיהלט.

— שרה׳לע... וואס איז דיר?... האט זי פריידקע געפרעגט— דו ביזט עפּעס נישט געזונד?...

— ניין... האָט שרה׳לע געענטפערט — מיר איז נישט, נאָר נישט... נאָר אַז עס קומט בייַנאַכט — וועה איך ווי אין דרויסען ווערט אַזוי פינסטער... און איך ווייס נישט וואו לעאָן איז, און ער ווייס נישט וואו איך בין...

— נאַריש קינד... פאַר וואָס ווייס ער נישט?... וואָס האָסט דו דיר אַזוי פיעל צום האַרץ צו נעהמען... ער וועט קומען צו דיר... ער ווייס אַליין... ער ווייס גאַנץ גוט...

— און איך ווייס נישט... הייבט שרה׳לע ווייטער אָן — איך ווייס נישט... און טייל מאָל פּלאָנטערן זיך מיר עפּעס אַזוינע חלומות אין קאָפּ...

פריידקע האָט דאָס געזיכט אָבגעקעהרט אָן אַ זייַט, ווי זי וואָלט איהר עפּעס נישט געקענט קוקען אין פּנים אַרייַן פאַר רחמנות...

דערנאָך איז זי אויפגעשטאַנען פון בעטעל, מיט אַ רחמנות אין קול, געפרעגט שרה׳לען, אפשר וועט זי דאָ נעכטיגען, וועט זי אפשר גיכער קענען שלאָפען... האָט איהר שרה׳לע טרויעריג צו־געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, און זי איז אַליין אַרויסגעגאַנגען פערמאַכען דעם לאָדען.

שפּעטער, האָבען זיך ביידע געלעגט שלאָפען צוזאַמען אין בעטעל, דער לאָמפּ מיט דער בלויער שייַן אויפ׳ן טישעל האָט בעלויכטען זייערע שטילע בלאַסליכע געזיכטער, וואָס האָבען זיך געבאָדען אין די אייגענע צולאָזטע האָר איבער׳ן קישען. און ביידעס שלאַנקע פיגורען האָבען זיך מיט אַ בולטע ווייכקייַט פון אונטער דער לייַכטער צודעק אויסגעדריקט. שרה׳לע האָט זיך צו פריידקען צוגע־טוליעט און מיט דער האַנד זי אַרומגענומען, אייַנטיפענדיג דאָס געזיכט אין איהר.

און דער לאָמפּ האָט אַזוי שטיל געברענט, אַ בלאַסליכע פער־זאָרגטקייַט אויף פריידקע׳ס געזיכט געוואָרפען, און אויף דער בלויליך בעלייַכטענע וואַנד איבער פריידקעס פּלייצעס האָט זיך ווי אַ שטילער סוד צוגאָסען.

פריידקע האָט לייַכט אָבגעאָטעמט, און די שטילקייַט איבער דער לעדיגער שטוב איז נאָך טיפער געוואָרען.

— דו ווילסט אַזוי שלאָפען?... האָט זי שרה׳לען שטיל געפרעגט, טוליענדיג זי צום האַרץ, ווי אַיין אָרעם פייגעלע — דו ווילסט?...

— ניין... האָט שרה׳לע געענטפערט — איך וויל נאָר ליגען אַזוי... אַזוי איז בעסער...

— נו ליג, שרה׳לע... ליג... טוליע דיך צו... אט אזוי. — האט זי זי צום האַרץ געדריקט.

— ווען די מאַמע האט נאָך געלעבט... האט שרה׳לע איהר דערצעהלט — בין איך אויך אַזוי געלעגען... און זי פלעגט מיר מעשה׳לעך דערצעהלען...

— דו געדענקסט נאָך עפּעס, שרה׳לע, געדענקסט?...— האט זי פריידקע געפרעגט.

— איך געדענק... האט שרה׳לע שטיל אָבגעזיפצט.

— דערצעהל מיר שרה׳לע... דערצעהל... איך האָב ליעב דיינע מעשה׳לעך... האט זי פריידקע געבעטען מיט אַ צערטליכער פער־זאָרגטקייט, ווי אַ מוטער איהר קינד.

— דערצעה׳לען? — האט שרה׳לע איהר בליק אויפגעהויבען.

— דערצעהל...

— פון אַ באָבעלע מיט דריי טעכטערלעך?...

— פון אַ באָבעלע מיט דריי טעכטערלעך...

„אַמאָל איז געווען אַ באָבעלע, אַ כשוף־מאַכערין... האט זי געהאַט דריי טעכטערלעך, איינע שענער פאַר דער אַנדערער, נאָר די יונגסטע איז געווען די שענסטע, און דריי גאָלדענע האָר האט זי געהאַט אויפ׳ן סאַמע מיט קאָפּ... און דאָס באָבעלע האט געהאַט אַ הייזעלע אין מיטען וואַלד, און אַ גאָרטען קאַרטאָפליעס אַרום דעם הייזעלע... פלעגען זיי אָבקאָכען קאַרטאָפליעס, ברענגען אַ קריי־געלע וואַסער פון דעם טייכעל, וואָס איז אין מיטען וואַלד געווען, און אַריינגערופען זיי אין שטוב עסען...

איז איינמאָל אין דעם וואַלד פערבלאָנדזשעט געוואָרען אַ קייזערס אַ זוהן, וואָס איז געגאַנגען מיט זיין שווערד אויף דער זייט און אַ ביקס אויף די פּלייצעס צו פאַנגען חיות אויפ׳ן געיעג... האט ער אַ גאַנצען טאָג נאָכגעיאָגט אַ הירש, ביז ער איז פערבלאָנדזשעט געוואָרען צו דעם טייכעל. איז ער זעהר דורשטיג געווען און מיעד, נעהמט ער און לאָזט זיך אַראָב פאַר דעם טייכעל אויף די קניע, טרינקט זיך אָן, און זעצט זיך אַנידער אויף דעם ברעג אָבצורוהען... קומט אָן דאָס באָבעלע, איינגעהילט אין איהר פאַטשיילע, און דאָס קריגעלע אין דער האַנד... דערזעהט זי דעם יונגען פּרינץ, ווי ער געהט אָנגעטהון אין קייזערליכע מלבושים, בלייבט זי שטעהן פערוואונדערט איבער זיין רייכקייט... קומט צו איהר צו דער יונגער

פרינץ און פרעגט זי, ווי אַרום מען קומט אַרויס פון דעם וואַלד... ענטפערט זי איהם, אַז זי האָט דריי טעכטער, וועט זי איהם שיקען איינע, וועט זי איהם אַ וועג אויסגעפינען... האָט איהר דער פרינץ איידעל געדאַנקט, און זי האָט אָנגעשעפּט אַ קריגעלע וואַסער און איז אַוועק אַ היים.

דערזעהט זי איהרע דריי טעכטער זיצען אונטער'ן פענסטערל, רופט זי זיי אין שטיבעל אַריין.

— קינדערלעך, איך דאַרף אייך עפּעס זאָגען...

שטעלען זיך די טעכטערלעך אוים פאַר איהר און זי פרעגט זיי.

— וועך פון אַייך וויל האָבען אַ פרינץ פאַר אַ מאַן?...

— איך!... שרייט אוים די יונגסטע.

— גיה — זאָגט זי — אויף דעם ברעג פון טייכעל און ברענג איהם דיר אַהער...

איז זי געגאַנגען, די יונגסטע טאָכטער, און ווי זי קומט צו צום טייכעל און דערזעהט דעם פרינץ אַרומדרעהען זיך אויף דעם ברעג, איז זי שטעהען געבליבען פאַר זיין שענהייט...

— אדוני קעניג... — מאַכט זי צו איהם — דו ווילסט, איך זאָל דיך אַרויספיהרען פון דאַנען — און דער וועג איז אַ ווייטער... און דו ביסט דאָך, זעה איך, אַזוי מיעד...

— נו, וואָס־זשע זאָל איך טהון?... — האָט דער יונגער פרינץ געפרעגט.

— נעהם — זאָגט זי — אַראָב פון דיר דיין שווערד און דיין ביקס... ועסט דו דיך קענען אָנלעהנען דאָ אויף דעם ווייכען גראָז...

האָט ער זי געפאָלגט, געגעבען איהר צו האַלטען דאָס געוועהר, און געלעגט זיך אויפ'ן גראָז... און זי האָט זיך געזעצט איהם צוקאָפּענס, געגלעט איהם זיינע ווייכע האָר און געקוקט איהם אין די אויגען אַריין אַזוי לאַנג, ביז זי האָט איהם פערכשופ'ט, און ער איז איינגעשלאָפען מיט דעם קאָפּ אין איהר שויס...

פאַרנאַכט, ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען אונטער'ן וואַלד, און צווישען די ביימער איז טונקעל געוואָרען, איז ער שוין איהר'ער געווען... און זי האָט איהם פערנאַרט אין איהר הייזעל אַריין, — און די ביקס מיט דעם שווערד האָט זי שוין געהאַט אין איהר האַנד...

שרה׳לע האָט אָבגעזיפצט און איז שטיל געבליבען.

— און וואָס זיפצסט דו אַזוי? שרה׳לע?... האָט זי פרײדקע געפרעגט.

— איך זיפץ... האָט שרה׳לע געענטפערט — ווער ווייס, צי מיט לעאָנ׳ען איז אויך נישט געשעהען עפּעס אַזוינס...

— נאַריש שרה׳לע... האָט זי זי צו גלעטען אָנגעהויבען — היינט געשעהען שוין נישט אַזוינע מעשיות... זאָג מיר, שרה׳לע... זאָג מיר, אפשר שרעקסט דו פאַר עפּעס, און דו ווייסט פאַר וואָס?...

— איך ווייס — האָט שרה׳לע געענטפערט — איך שרעק מיך ווידער פאַר דער ציגאַנקע, וואָס זיצט דאָ אין אַ ביידעל אין מיטען וואַלד...

— נו, ווייסט דו וואָס, שרה׳לע... האָט פרײדקע געענטפערט ערנסט — אַז דו האָסט דיר דאָס יאָ אַזוי שטאַרק גענומען אין קאָפּ אַריין... וועל איך דיר זאָגען אַן עצה... וועלען מיר מאָרגען אין דער פריה געהען אָבזוכען די ציגאַנקע אין איהר ביידעל, וועסט דו דיך ארומקוקען... און עס וועט דיר לייכטער ווערען...

שרה׳לען האָבען זיך די טרעהרען געשטעלט אין די אויגען, און מיט אַ האַרצליך-בעטענדיג בליק אויף פרײדקען, האָט זי זיך צו איהר שטיל און ציטערדיג צוגעבויגען, אויסגעקושט איהר יעדעס אבר — און אַרומגעהאַלזט ערה׳יד זענען זיי ביידע די נאַכט איינגעשלאָפען...

פאַרטאָג האָט זיך פרײדקע אויפגעכאַפּט. אין שטוב איז פינסטער געווען, נאָר דורך דעם שפּאַלט פון לאָדען האָט זיך דער הימעל אַריינגעבליט, און אין שטוב האָט זיך אויסגעמישט די פינסטער־ניש מיט דער בלויער שיין פון מאָרגען. שרה׳לע איז נאָך געשלאָפען און איהר לייכטער אָטעם האָט איבער׳ן בעטעל געשוועבט.

פרײדקע האָט זיך פאָרזיכטיג אויפגעזעצט, איינקוקענדיג זיך אין איהר בלאַסען געזיכט און פערשלאָסענע אויגען, צי וועקט זי זיך נישט פון שלאָף, און שטיל האָט זי זיך פון בעטעל אַראָפּגעגנבעט, מיט איהרע באָרפיסע שטילע פיסלעך אויף דער בלויער פּאָדלאָגע.

זי האָט זיך אָנגעטהון און שטילערהייד, אויף די שפּיץ־נעגעל, איז זי צו דער טהיר צוגעגאַנגען און געעפענט זי...

דער פריה-מאָרגען האָט דורך דער אָפענער טהיר אַריינגעשלאָגען, די ליכטיגקייט האָט זיך אויף אַ רגע צעשפּלעקט און אַ פרישע

קיהלקייט האט זיך אין שטוב אריינגעריסען, נאר באלד איז פריידקע פערשוואונדען און די טהיר האט זיך צוריק פערמאכט.

אידרע גרינגע טריט האבען זיך דורך דער וואנד געהערט, ווי איז הינטערן לאדען ארונטער. עס האט זיך א קייטלען דערהערט, און באלד האבען זיך די צוויי האלבע טהירלעך פון לאדען פונאנ־דערגעפראלט, און די שטוב איז פול געווארען מיט'ן ליכטיגען מארגען...

באלד איז פריידקע צוריק געקומען.

א בלאסע, די האר נאך צולאזט, אין איהר לייכטען שלאפ־ראק און אין די שטעק־שיך, איז זי שטעהען געבליבען פאר'ן טישעל קעגען פענסטער.

אין מורה־זייט האט זיך דער הימעל שוין גערייטעלט, שטילע הויטע וואלקענדלעך האבען זיך פון הינטערן ווייטען פעלד אויפ'ן הימעל ארויף בעוויזען, בעשטראהלט פון די רויטע מארגען־שטראה־לען, וואס האבען ערשט פון הינטערן עק פעלד ארויסגעשפראצט— און אזוי שטיל, אזוי פערטראכט זענען די מארגען־וואלקענדלעך גע־שטאנען, ווי א סוד וואלט עפעס מיט דער ערד געשעהען איבער נאכט, און אצונד שטעהען זיי און הערען זיך איין אין איהר טויטער שטילקייט ארום און ארום...

שטיל איז...

און פריידקע, ווי זי וואלט די שטילקייט דערפיהלט ארום זיך, האט זיך איבער דער שטוב אומגעקוקט.

שרהלע איז נאך אלץ געשלאפען.

פריידקע האט זיך שטיל צוגעשלייכט צו איהר בעטעל, און איינגעקוקט זיך אין איהר שלאפענדיג געזיכט מיט א שטילען איינ־געהאלטענעם אטעם...

איהר דאכט זיך, אז שרהלע איז עפעס קראנק...

דאס פנים איז אזוי בלאס... איין אומעדיגער צער ליגט דארויף אויסגעגאסען... די אויגען פערשלאסען, אזוי מיעד... דער האלז אזוי פערוואָרפען... און די ליפעלעך, דאכט זיך איהר, ריהרען זיך עפעס און קריסען זיך אזוי שטיל, אזוי קרענקליך, ווי זי וואלט זיך אין שלאף אויף עפעס געקלאגט...

זי האט זיך איבערגעבויגען איבער איהר, אונטערשפארענדיג זיך מיט דער האנד אן קאנט פון בעטעל, און לייכט, קוים וואס

זי האָט די דורשטיג־אויסגעצויגענע ליפּעלעך אָן איהר שטערען בעריהרט, האָט זי איהר אַ שטילען קוש געטהון...

זי האָט זיך צוריק אויסגעגלייכט, נאָר בלאָנדזשענדיג מיט איהר שטילען שמייכלענדיגען בליק אויף איהר שלאָפענדיג געזיכט, און שטיל זיך אָבגעריקט פון בעטעל...

...זי האָט ערשט לייכטער אָבגעאָטעמט.

נאָר באַלד האָט זיך איהר געזיכט בעצויגען מיט אַ טונקעלען מינע און מיט אַ שטילען זיפץ האָט זי צוגעגעבען, קוקענדיג אויף איהר פון ווייטענס:

— שלאָפסט נעבעך, שרה׳לע... שלאָפסט...

זי האָט זיך געזעצט אויף דער שטוהל נעבען טישעל און שטום געקוקט אונטערן לעערען בעליק...

דער לענגליכער, בלאַסער שטערען האָט זיך, ווי אָהן איהר ווייסען, געראונצעלט אין דינע יונגע קנייטשען, און אונבעוועגליך זענען איהרע בלויע אויגען געשטאַנען איבער איין אָרט.

פּלוצים האָט זיך די שטילקייט איבערגעריסען. פון דער אַנדערער שטוב האָט זיך געהערט אַ טהיר אויפמאַכען, און פריידקע האָט איהרע בליקען אויף איהר טהיר אָנגעשטעלט.

... עס האָבען זיך שווערע טריט געהערט איבער׳ן הויז, און ווידער זענען זיי שטיל געוואָרען, מיט אַ דערווייטערטען אָבקלאַנג אויף דער גאַס אַרויס...

פריידקע איז אויפגעשטאַנען, און לאָזענדיג אַ בליק צו שרה׳לען, איז זי שטילערהייד אַרויס פון שטוב, פערמאַכענדיג שטיל די טהיר נאָך זיך — — —

דערווייל האָט דער מאָרגען אָנגעהויבען העלער צו ווערען. אין שטוב האָט זיך אַ שטילע ליכטיגקייט צוגאָסען, איבער שרה׳לעס בעטעל האָט זי געשוועבט איבער איהר בלייך געזיכט, און די גאַנצע שטוב האָט זיך מיט אַ בלייכע רוהיגקייט אָנגעפילט.

אויף דעם טישעל איז דער אויסגעלאָשענער לאָמפּ מיט דער בלויער שיין געשטאַנען, און אַ מידער, אַ נעכטיגער, האָט ער עגען דעם ליכטיגען פענסטער אויסגעזעהן.

אונטער דעם פענסטער האָט זיך שוין געטראָגען אַ ווייס פערבאָרגען געפּישטשעריי פון פייגעלעך. דער הימעל אין מזרח איז מיט אַ פורפור־רויטקייט פערגאָסען. אַ סאַמיט־בלויער וואָלקען־פאַס האָט

זיך צווישען הימעל און ערד אויסגעצויגען מיט א גאָלדען-פייער-דיגען זוים אויפ׳ן בלויען רוקען, ווי ער וואָלט זיך אנגעקליידעט אין א מאַנטעל פון קייזערס אוצרות און טראָגט אַ גאָלדענע מתנה פאַר דער וועלט, אָדער ווי גאָט וואָלט איהם פאַר זיין שליח געמאַכט, א פייערדיגען לאַמפּאַס איהם אָנגעטהון און שיקט איהם די וועלט צו טרייסטען... עס וועקט זיך דאָס פעלד מיט זיסע פייגעל-געזאַנגען, וואָס צוגיעסען זיך אין פריהען מאָרגען. אין דער שטילער לופט... אַ שטילע ליכטיגע האָפענונג טראָגט זיך אונטערן בלויען הימעל, גיעסט זיך אויס אויף יעדען ביימעל, אויף יעדען גרעזעל, און וועקט זיי פון אונטערן פאַרטאָגעדיגען גרויען נעבעל אויפצושטעהן און דער ליכטיגער זון אַקעגען צו געהן מיט די בעדאַנגענע טראָפּען טוי, ווי אָרעמע געטרייסטע קינדערלעך מיט שטילע ליכטיגע טרעהרלעך אין די אויגען, ווען די מאַמע גלעט זי איבער׳ן קעפּעל. פון אונטערן וואָלקען-פאַס שיקען זיך שוין גאָלדענע הערנער אַרויס... דאָס זענען די הערנער, וואָס הער טאָג האָט מיט זיי די נאַכט מנצח געווען... די וועלט קוקט שוין מיט אַ צאַפּעלדיג האַרץ קיין מזרח זייט. די הימלען שמייכלען... און ווען די זון האָט זיך שוין פון הינטערן וואָלקען ענטפּלעקט און אָנגעהויבען פון איבער איהם אַרויסצוקוקען און די ערשטע גאָלדענע שטראַהלען צו שרה׳לען אין שטוב געשיקט— האָט זיך שרה׳לע אויפגעכאַפּט, מיט שטילע אויגען בעמערקט די ליכטיג-רויטע שטראַהלען, וואָס האָבען זיך אויף דער וייס-געקאַלכטער וואַנד איבער איהר בעטעל צוגאָסען, און אומעדיג האָט זי גע-פרעגט „וואו איז מיין לעאָן?"

שפּעטער איז שרה׳לע מיט פריידקען געגאַנגען זוכען די ציי-גאַנקע אין איהר ביידעל. אויף א לאָנקע אין דער אַנדערער זייט וואַלד זענען זיי אַרויסגעקומען פון צווישען די ביימער, אַרומבלאָנדזענ-דיג מיט זייערע בלאַסע פערטראַכטע געזיכטער און שטילע אויגען. עס איז נאָך גענוג פריה געווען. דער וואַלד האָט זיך נאָך מיט זיינע געדיכטע צווייגען אין בלוילינען נעבעל געהילט. אויף דער לאָנקע אונטערן שאָטען פון וואַלד האָט נאָך אַ ווייסער טוי געגלאָנצט, נאָר ווייטער איז דאָס פעלד שוין בעשיינט געווען מיט דער העלקייט פון די זונען-שטראַהלען. די זון איז הינטער די שפּיצען ביימער געשטאַנען, פון הינטער די גרינע בלעטער אַרויסגעפינקעלט, און אַ ליכטיגער אָבשיין פון צושלאָגענע בונדען שטראַהלען האָט זיך אַן

די שפּיצן צווייגן צעשלאָגן און זייער העלע ליכטיקייט האָט זיך אין לאַנגע אויסגעצויגענע בעזעמס פונאַנדערגעוואָרפן. ווייט האָט דער בלייער הימל דאָס פעלד אַרומגעהילט. איבער איהם האָבן אַ פּאָר זילבערנע צעשוואומענע וואָלקנדלעך אַרומגעבלאָנדזשעט. אַ שטילקייט, אַ פערבאָרגענע רוהיגקייט האָט זיך אין דער לופט אויפגעהאַלטן. נאָר זעלטן ווען האָט זיך אַ שאַרפער פייגעלס-פייף פון איבער די שפּיצן ביימער אין וואַלד דערהערט, און אַ זילבערנער קלאַנג האָט זיך אין דער שטילער לופט צעגאָסן.

שרהלע האָט אירע פערטראַכטע אויגן אויפגעהויבן און דערזעהן ביי דער זייט וואַלד אַ פּאָר ציגיינערישע שוואַרצע פערד מיט פערפלאָכטענע שוואַרצע גרייוועס. אונטער יונגע האָגע-ביימלעך זענען זיי אַרומגעגאַנגען מיט איינגעטיפּטע מיילער און אָראָב-געלאָזטע אויערן איבער'ן פייכטען גראָז, וואָס האָט נאָך געהויכט מיט דער מאָרגן-פרישקייט און געבלישטשעט מיט טראָפּען טהוי קעגן דער זון. און די ביימלעך, שטעהענדיג, ווי אויסגעשטעלט מיט זייערע יונגע גרינע קעפּעלעך איינס הינטער דאָס אַנדערע, האָבן אויסגעזעהן ווי שטיגן אויפ'ן וואַלד אַרויף, און זיי האָבן אויף דעם וואַלד אַרויפגעקוקט, און דער וואַלד האָט איבער זיי אַראָבגעקוקט.

אַהין האָט שרהלע געצויגן פריידקע'ן מיט אירע שטילע בליקן, און זיי זענען צוגעגאַנגען, איינקוקענדיג זיך שטיל צווישען די ביימלעך אין דעם טונקעלען שאָטן. פון דער טיפער טונקעלהייט האָט זיך אַ ווייס ביידעל אַרויסגעבלייכט, צוויי געלע ברייטשקעס, מיט רויטע שטרייפן אַרום די קעפּ און איבער די ספּרעכעס פון די רעדער, זענען געשטאַנען ביי דער זייט ביידעל. דאַנעבן האָט זיך אַביסעל צעהודערט שטרוי געוואַלגערט און אויסגעלאָשענע קוילעלען און אָבגעברענטע העלצלעך אַרום אַ שוואַרצען פלעק, וואָס איז געווען אויסגעברענט אויפ'ן גראָז. נאָר אַ טיפע שטילקייט האָט אויף אַלץ געהערשט, און דער מאָרגן האָט זיך ערשט אין די טונקעל-פערבאָרגענע ערטער אין וואַלד געוועקט...

אַ שטילקייט האָט שרהלען אַרומגעכאַפּט — און שטיל, ווי עמיצער וואָלט איבער איהר מיט אַ פינגער בעפוילען פאָרזיכטיג צו זיין — האָט זי מיט שטילע לייכטע טריט אָנגעהויבן צווישען די טיפע ביימלעך אַריינצוגעהן, און פריידקע נאָך איהר, נאָך שטילער... מיט נאָך מעהר שטילע בולט אויסגעשטעלטע אויגן...

די זענען שוין פארבייגעגאנגען פאר דעם אָבגעבראָכענעם פלעק אויף דער ערד, און ביי דער זייט ביידעל, וואו די פלאכטע איז געווען אויפגעשאַרצט, זענען זיי שטעהען געבליבען און אריינגעקוקט...

אינווענדיג איז טונקעל. נאָר בלייכע פנים'ער פון אויסגעמאַטערטע פרויען מיט שוואַרצע צעלאָזטע האָר, און קינדערלעך ביי די זייטען, האָבען זיך פון טונקעלען בעמגעוואַנד אַרויסגעבלייכט... אַ מידער שלאָף האָט איבער זייערע פנים'ער און פערמאַכטע אויגען אַרומגעשוועבט, און אַ טיעף איינגעהאַלטען שנאָרכען האָט דאָס ביידעל אָנגעפילט.

שרה'לע האָט באַלד דערבליקט איינע, איין עלטערע ציגאַנקע, מיט אַ געל-פאַרמעטען געזיכט און שוואַרץ-גרויע האָר איבער'ן גע-קנייטשטען שטערען, וואָס האָבען זיך ווי געוואַלגערט אויפ'ן קאָפּ, און געלעגען איז זי אין סאַמע ווינקעל אין שטרוי איינגעטיעפט און צונויפגעדרעהט אין אָנטהון.

— די איז זי... — האָט שרה'לע שטיל מיט פריידקען זיך איבערגעבליקט, אָנווייזענדיג מיט אַ פינגער אויף דער אַלטער...

— קום אַוועק... — האָט פריידקע געוואונקען צו שרה'לען, אָנגעהמענדיג זי פאַר די האַנד.

דערווייל האָט זיך די אַלטע אַ רודער געטהון....

— שאַ...— האָט שרה'לע דעם אָטעם איינגעהאַלטען און גע-בליקט צורודערט.

פריידקע האָט זי ביי דער האַנד אַוועקגעצויגען, און שרה'לע, געהענדיג אויף די שפיץ נעגעל, האָט זי נאָך צו פריידקען מיט די ליפעלעך פערביסען און אַ פינגערל איבער'ן מיילכעל צוגעלעגט...

— שאַ...

נאָר אַ פערשלאָפען קול האָט זיך שוין פון אונטער דער פלאַכטע דערהערט:

כמאַ משם?...

פריידקע איז שטעהן געבליבען:

— סוואַי... — האָט זי צוריק געענטפערט. און באַלד האָט זיך דאָס זעלבע געזיכט, מיט די זעלבע צעשויבערטע גרויע האָר פון דעם ביידעל אַרויסגערוקט און שטום איבערגעקוקט זיך מיט די צוויי מיידלעך...

זי האָט זיך איבערגעצ'ילטש, אַראָבלאָזענדיג די אויגען, און

די ליפּען האָבּען שטיל געשעפּטשעט, ווי געכשוש׳ט... דערנאָך האָט זי זיך אויסגעגלייכט, אָבּגעשאָקעלט דאָס שטרוי, וואָס האָט זיך איינגעהעפּט אין איהר קלייד מיט די שוואַרצע און רויטע שטרייפען, און חידער איהרע פאַרשענדע, שטילע אויגען צו פריידקע׳ן און שרה׳לען אויפגעהויבּען...

— וואָס איז אייער בּעגעהר, און מיט וואָס קען איך אייך דינען, טעכטערלעך?... — האָט די ציגאַנקע געפרעגט פערדריכטענדיג זיך די האָר אויפ׳ן קאָפּ.

— מיר האָבּען גאָר נישט פערלאַנגט... מיר זענען דאָ פאַרבּייגעגאַנגען און צוגעקומען... — האָט פריידקע געזאָגט.

— „אָווּשעס"... — האָט די ציגאַנקע געענטפערט — און אַזוי האָט איהר גאָר נישט געדאַרפט?... — און וואָס איז יענע אַזוי בּלאַס, וואָס איז מיט איהר?... — האָט זי אויף שרה׳לען אָנגעוויזען.

שרה׳לע האָט די בּליקען צוגענומען, צוגערירט זיך צו פריידקע׳ן, און קרענקליך דעם קאָפּ אויף פריידקע׳ס אַקסעל געלעגט...

— וואָס איז דיר, טאָכטער?... — האָט די ציגאַנקע שרה׳לען אָנגעקוקט, און שטיל, פערוואונדערט, מיט׳ן קאָפּ צוגעשאָקעלט...

אַ ווײַלע איז שטיל געווען. דערנאָך האָט די ציגאַנקע אַרויסגענומען אַ פּאַש קאָרטען פון בּוזעם, און נישט פרעגענדיג מעהר, האָט זי זיך אויפ׳ן גראָז אַראָבּגעלאָזט פאַר פריידקע׳ס און שרה׳לעס פיס:

— איך וועל דיר קאָרטען לעגען... — האָט זי איהרע בּליקען צו שרה׳לען אויפגעהויבּען, דערנאָך צו פריידקע׳ן.

שרה׳לע איז שטיל געווען, שטיל און בּעצערט, און פריידקע האָט געענטפערט פאַר איהר:

— לעג איהר קאָרטען...

האָט די ציגאַנקע דעם גראָבּען פינגער אָן די ליפּען בּעפייכט און גענומען מישען די קאָרטען. זי האָט זיי פונאַנדערגעוואָרפען אין דריי רייהען איינע אונטער דער אַנדערער, און פון דאַנען אַרויס האָט זי אָנגעהויבּען צו זאָגען:

— וואָס וויינט עס אַזוי דיין האַרץ אין דיר, טאָכטער שענע? אָט פאַר אַ גרויסע מרה־שחורה האָט זיך אין דיין האַרץ בּעזעצט — — און וואָס קורטשעט זיך דיין האַרץ פון בּיטערקייט?...

— מיר איז בּיטער — האָט שרה׳לע געענטפערט — אז מיין געליעבּטער איז אַוועק פון מיר?...

— „משעמנאַ-בלאָנדין" האָט דיר דיינע געדאַנקען צוגענומען... און דו בענקסט נאָך איהם, ווי דער נאַכטיגאַל אויפ'ן צווייגעל אין אַ שטילע פריהלינגס-נאַכט צו די סאַמעט-בלומע הימלען... אין טיעפּ-סטען שלאָף, ווען דו האָלטסט נאָך די אויגען צו, וואַכט שוין אַ זיסער רעיון אין דיר, און דיין האַרץ וועקט זיך פון אַ ווייט שטיל געזאַנג, ווי דער פויגעל אין זיין נעסט פון דעם ערשטען זונען-שטראַהל... און פאַר וואָס געפינסט דו דיר קיין רוה נישט, פאַר וואָס איז דיר דער שלאָף פרעמד געוואָרען?...

— ווי אַזוי קאָן איך שלאָפען, אַז איבער מיר שטעהען שטענדיג מיין געליעבטענס שענע אויגען? קיינער אין דער וועלט האָט נאָך אַזאַ געליעבטען נישט געהאַט, קיינער האָט נאָך נישט געזעהן אַזעלכע ברענענדיגע אויגען, אַזאַ הויכען שטאַרקען האַלז, ווי ער האָט דעמאָלט, ווען ער זיצט אויף זיין פערד מיט דער שפּיץ-רוט אין דער האַנד...

— דיין געליעבטער האָט פערד, דיין געליעבטער איז אַ רייכער און דו ביזט אַ וואַלד-מיידעל... ער וועט זיך זוכען אַ געליעבטע, וואָס געהט אין זייד געוויקעלט און טרעט אויף פלוש... דיין געליעבטער קאָן זיך אויף פּיאַנע-שפּיעלען... נאָר דער שטומער געזאַנג, וואָס ערוואַכט אין אַ האַרץ פון אַ וואַלד-מיידעל, איז איהם פרעמד. דאָס איז צו אָרעם...

— מיין געליעבטער זוכט נישט קיין רייכקייט. מיין געליעבטער איז אַליין רייך.

— און קיין שענע פאַר איהם ביסט דו אויך נישט... האָלסט אפילו אַלע פריה-מאָרגען צונויפקלויבען די לויטערסטע טראָפּען טהוי פון די גרעזלעך, ווען זיי בלישצען קעגען דער זון, און פון זיי דיר אַ האַלז פעריל אויפציהען, וועט ער דיר אויך זאָגען, אַז דאָס האָט קיין ממשות נישט... דיין געליעבטער גלויבט נישט אין אַזאַ שענהייט...

— מיין געליעבטער ליעבט דעם פריה-מאָרגען... ווען די טראָפּען טהוי בלישצען אויף די גרעזער, דעמאָלט געהט ער שפּאַצירען אין פעלד...

— ער ליעבט נאָר די לויטערע טרערען פון דעם יונגען מאָרגען, ווייל זיי בלישצען שען... אָבער ער פערשטעהט זיי נישט, ווי ער פערשטעהט דיך נישט... — און הייבסט דו אויף דיין בליק און

קוקסט אויף די ביימער, ווי זיי שאָקלען שטיל מיט די קעפּ און די בלעטלעך רוישען אומעדיג — דעמאָלט פערשטעהסט נישט דיין געליעבטער, וואָס דעם האַרץ פון אַ וואַלד-מיידעל פעהלט...

אומזיסט, „דזשעוושינאַ", אומזיסט... ער האָט דיר נאָר דעם קאָפּ פערדרעהט, און אַ שווערער גורל וואַרט אויף דיר... — האָט די ציגאַנקע געענדיגט און אויפגעשטאַנען פון דער ערד.

שרה'לע האָט נישט געפיהלט, ווי די גאַנצע צייט זענען איהר צוויי ליכטיגע טרערען געשטאַנען אין די אויגען, נאָר פריידקע ערשט האָט זי דערמאַנט:

— וויין נישט, שרהלע... ווישט דיינע טרערען אָב...

— לאָמיר געהן — האָט זי מיט אַ צובראָכען האַרץ געענטפערט — לאָמיר אַוועקגעהן פון דאַנען... די ציגאַנקע איז אַ שלעכטע...

האָבען זיי זיך ביידע ביי די הענד אָנגענומען, און לאַנגזאַם, ווי אַ חינטעל וואָלט מיט זיי אַרומגעבלאָנדזעט, זענען די צוריק אַהיים געגאַנגען דורך דעם טיעפען וואַלד, מיט בלאַסע פערטראַכטע פּנימ'ער, איינגעטיעפט אינ'ם שאָטען צווישען די געדיכטע צווייגען, וואָס האָבען איבער זייערע קעפּ געהאַנגען און פון טיעפען וואַלד צו זיי שטום אַרויסגעקוקט...

דערנאָך האָט זיך שרה'לע געזעגענט מיט פריידקע'ן און אַליין האָט זי זיך צוריק געזעצט אונטער איהר פענסטער, מיט'ן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים, מיט האַלב-פערמאַכטע אויגען, ווי פון מיעדקייט, און אַזאַ שטילקייט, אַזאַ בלאַסקייט האָט זיך אויף איהר געזיכט צוגאָסען, אַז ווען דער פאָטער האָט זי דערזעהן, איז איהם דאָס האַרץ איינגעפאַלען, און אונטער די אָרעמס האָט ער זי אין שטוב אַריינגעפיהרט, אויף איהר בעטעל אַרויף, און אַזוי איז זי שוין אָבגעלעגען דעם גאַנצען שבת'דיגען טאָג.

און צומאָרגענס אין דער פריה, ווען זי האָט די אויגען געעפענט, האָט זי געטראָפען פריידקע'ן זיצען נעבען איהר בעטעל.

אין צימער איז האַלב-פינסטער געווען — נאָר דורך דער אָפענער טהיר פון דער פאָרענדיגער שטוב האָט זיך אַ זייל ליכטיגקייט אַריינגעלעגט.

— וואָס מאַכסט דו, שרה'לע? — האָט זי פריידקע געפרעגט מיט אַ פערזאָרגט פּנים און טרויעריג אויסגעשטעלטע אויגען:

— וואָס איז ערשט? — האָט זי שרה'לע געפרעגט — צי איז

ערשט אין דערפריה?..

— יאָ... — האָט פריידקע געענטפערט — פרי־מאָרגען... האָט ער דיר אַ רפואה שלמה ברענגען...

— און פאַר וואָס איז דער לאָדען נאָך צו?...

— דיין טאַטע האָט געהייסען אַזוי, אַז דו זאָלסט קענען שלאָפען...

— און וואו איז ער, דער טאַטע?...

— ער איז אין שטאָדט אַרייַנגעפאָהרען... דו ביסט אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפען... דו ביסט ווידער אונרוהיג געווען, האָט ער... און ער האָט זיך שטאַרק געשראָקען...

— און ביי דער סטאַנציע וועט ער אָבטרעטען?...

— זיי דיך נישט מצער, שרה׳לע... לעאָן ווייס ראָך דעם וועג אָהן דיין טאַטען אויך... אפשר וועט גאָט העלפען און ער וועט נאָך היינט קומען...

— היינט... — האָט שרה׳לע אָבגעזיפצט און שטיל געבליבען.

— פריידקע — האָט זי אין אַ ווייַלע אַרום געבעטען זיך — מאַך מיר אויף דעם לאָדען... לאָמיך האָטש דעם ליכטיגען טאָג זעהן...

פריידקע האָט אַזוי געטהון, און די שטוב איז מיט אַ ליכטיגקייט אָנגעפילט געוואָרען.

שרה׳לעס געזיכט איז היינט וויַיס געווען, ווי דאָס העמד אַרום איהר האַלז, אויף וועלכען, מען האָט ביי דער זייט געזעהן דאָס ווערען פון פולס. די ליפּעלעך איהרע זענען פערברענט, די אויגען עפּוואָס איינגעפאַלען און די הענד זענען אָהנמעכטיג געלעגען איבער דער צודעק.

אַ ווייַלע איז זי געלעגען שטיל, מיט אַ פערגליווערטען פייַכטען בליק קעגען פענסטער, דערנאָך האָט זי פריידקען געבעטען מיט אַ שוואַך קול:

— פריידקעשי... איך בין אַזוי שוואַך... טאָמער וועט לעאָן אָנקומען, וויל איך מיך אָנטהון...

— זיי נאָר געזונד, שרה׳לע... וואָס טויג דיר ערשט זיך אָנ־צוטהון...

— פיהר־זשע מיך אַזוי אַביסעל אַרויס, האָטש דעם דרויסען אָנצוקוקען... — האָט זי זיך ווייטער געבעטען, אונטערהייבענדיג דעם קאָפּ פון געלעגער.

פריידקע האָט איהר געהאַלטען זיך אָנצוטהון, און שרה׳לע האָט איהר דערצעהלט, ווי שווער עס איז איהר דעם קאָפּ צו האַלטען, און אַז אין די אויגען עפּיס ברענט איהר, ווי מען וואָלט איהר זאַמד אָנגעשיט...

— עס וועט דיר, מיט גאָטס הילף, גאָר נישט זיין... — האָט זי פריידקע געטרייסט, און אונטערהאַלטענדיג זי אונטער׳ן אָרעם, געהאָלפען איהר פון שטוב אַרויסצוגעהן.

די זון איז געשטאַנען אין מיטען בלויען הימעל. טייכען ליכטיג־קייט האָבען זיך צוגאָסען אַרום, און שרה׳לע האָט די אויגען צו־געטרוּשעט און פערשטעלט זיך מיט דער האַנד איבער׳ן שטערן.

דערנאָך האָבען זיך ביידע אויף דער הויז־שוועל געזעצט און געקוקט אין פרייען פעלד אַריין...

אַ שטיל ווינטעל האָט געבלאָזען. דער וואַלד פון הינטער׳ן הייזעל האָט זיך אַלע מאָל אויפגעהאַפּט מיט אַ לייכט גערויש, וואָס האָט די געדאַנקען פער׳שכור׳ט, און איבער די פעלדער קעגען־איבער מיט די הויכע העלע זאַנגען, וואָס האָבען זיך פאַר׳ן ווינטעל געוויעגט און די קעפּלעך געבויגען, זענען פאַסען ליכט געשוואומען, און דאָס האָט שרה׳לעס בליק אַזוי ערמידעט, אַז זי האָט נישט־ווילענדיג אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן דער זייט פון דער טהיר און דאָס געזיכט איז פערזונקען געוואָרען אין אַ מידע בלאַסקייט.

— פיהר מיך צוריק אין שטוב... — האָט זי פריידקע׳ן געבעטען מיט אַ קרענקליכע מינע אַרום מויל׳עכעל — פיהר מיך צוריק...

האָט זי אָבער אין שטוב אויך נישט געקאָנט איינזיצען, האָט זי זיך אַלע מאָל געלעגט און אויפגעהויבען פון בעטעל. איבער דער שטוב זיך אַרומגעדרעהט, און ווידער זיך געלייגט.

— און וואָס וועט זיין, אַז לעאָן וועט קומען, און איך קאָן דאָך צו איהם נישט געהן, וועט ער קומען אַהער — אַ, דאָ איז אַזוי פּראָסט... אַזוי גאָרנישט אויפגעפּוצט...

— זאָרג נישט, שרה׳לע... ער ווייס דאָך... ביי אַ דאָרפס־ייד אין שטוב... וואָס דאַרף מען...

— וועל איך אפשר מיט גרינעביימלעך מיין הדר׳ל אויפפּוצען?..

— מען דאַרף נישט... — האָט פריידקע בלאַסליך געשמייכעלט — ער וועט נאָך מיינען, אַז ס׳איז היינט שבועות...

— ער וועט נישט מיינען... איך וועל איהם זאָגען: אין שטאָדט

מען זאָל זיין, פּוצט מען מיט עפּיס אַנדערש אויס... און דאָ, חייל ס׳איז אין וואַלד, קריגט מען גאָר נישט...

— דאַרף מען גאָר נישט... ביסט אַ נאַרישע שרה׳לע... — האָט זיך פרײדקע איבערגעבויגען איבער איהר און אָנגעקוקט זי מיט אַזוינע גוטע אויגען און מיט אַזאַ שמייכעל, פאַר וועלכען שרה׳לע האָט זיך פערשעמט און געמוזט די בליקען אַראָבלאָזען...

אַזוי האָט שרה׳לע מיט פרײדקע׳ן שטילערהייד פערבראַכט דעם גאַנצען טאָג צווישען זיך...

און פאַרנאַכט צו, ווען די זון האָט זיך שוין אָנגעהויבען אַראָבצולאָזען הינטער׳ן וואַלד, האָט שרה׳לע פרײדקע׳ן פון שטוב אַרויסגעצויגען, אַקוק צו טהון איבער׳ן וועג, וואו דער פאָטער דאַרף אָנקומען...

דער צלם, וואָס איז געשטאַנען ווייט איבער׳ן זאַמדיגען וועג, וואָס האָט זיך צווישען פעלד און הייזעל אויסגעשפּרייט, איז שוין געווען בעלויכטען איבער דער אייבערשטער העלפט מיט די לעצטע שטראַהלען. אַ בארען-בוים, וואָס איז קעגען־איבער דעם הייזעל געשטאַנען, האָט אויסגעזעהן ווי אונטערגעצונדען מיט אַ פורפור-רויטקייט אויפ׳ן שפּיץ. אַ צוגאָסענע רויטקייט האָט זיך אויך אָבגעשלאָגען אויף שרה׳לעס און פרײדקעס געזיכטער, שטעהענדיג פאַר׳ן הייזעל. אויפ׳ן פעלד האָבען זיך שוין לאַנגע שאָטענס אויסגעצויגען, און אַ טונקעלע מרה־שחורה האָט זיך פון מזרח־זייט אָנגערוקט, די גאַנצע וועלט אין איהרע טונקעלע אָרעמס אַריינצונעהמען, און געקראָכען איז זי קעגענאיבער די טונקעל-רויטע וואָלקענדלעך, וואָס האָבען זיך מיט אַ געפּרעסט שטיל-שווייגען איבער׳ן הימעל געצויגען.

— מען זעהט נאָך נישט קיינעם... האָט שרה׳לע שטיל אויסגערעדט, און איהרע שטילע פייכטע אויגען האָבען אָנגעהויבען איבער׳ן ווייטען וועג אַרומצובלאָנדזען. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צום בארען-בוים, וואָס איז ביים פּלאָט געשטאַנען, האָט זיך אויף דעם פּלאָט אַרויפגעשטעלט, מיט׳ן קאָפּ אונטער די צווייגען, און מיט נאָך מעהר פערצווייפלונג געקוקט איבער׳ן וועג אַראָב.

די זון איז שוין געהאַט אונטערגעגאַנגען, הינטער׳ן וואַלד האָט אָנגעהויבען טונקעל צו ווערען, דאָס פענסטעל פון הייזעל האָט בלינד געקוקט אויפ׳ן וועג אַרויס. און שרה׳לע איז נאָך אַלץ געשטאַנען

אויפ׳ן וועג, אנגעלעהנט אן פרײדקע׳ס אקסעל און געקוקט מיט דער וועלבער פערביטערטקייט אויפ׳ן וועג ארויס.

פון דער ווייטער טונקעלהייט האט א שווארצער פלעק אנגעהויבען ארויסצושווימען, און שרה׳לע האט אן זיין שאקלען זיך דערקענט, אז דאס איז א פערד מיט א דרוהע...

זי האט פריידקע׳ן געצויגען פאר-אויס... נאר פריידקע האט זי אבגעהאלטען, ביז דאס פערד-און-וועגעלע איז געקומען אנצופאהרען, און שרה׳לע האט שוין דערזעהן דעם פאטער זיצען מיט די ליטשעס אין דער האנד!...

— פאטע!...

— שרה׳לע!... — האט שוין איינער דעם צווייטען, דערוועהענדיג זיך, אויסגערופען.

דער פאטער האט באלד צוריק דעם קאפ אראבגעלאזט, האט זיך מיט דעם פערד-און-וועגעלע צום הייזעל צוגעשאקעלט, אונטער׳ן פאטע פענסטער, און שרה׳לע איז איהם שוין הינטען נאכגעגאנגען מיט א ביטערליך געוויין.

— נישט דא מיין לעאן, נישט דא... און נאך וואס ביסט דו געפאהרען?... האט זי געקלאגט אויפ׳ן קול, אזוי, אז פריידקע איז געבליבען שטעהן א פערגליווערטע.

— פאכטערשי... נו, וואס זאל איך דיר טהון?... האסט די נאכט אזא שלעכטע נאכט געהאט, בין איך געפאהרען צום רבין... ער האט מיר געגעבען א סגולה פאר דיינעטוועגען... און פון דאקטאר, להבדיל, האב איך דיר א פלעשעלע געברענגט אויף איינצושלאפען...

נאר שרה׳לע האט שוין קיין ווארט נישט געהערט, און איין אונטערגעהאקטע איז זי אויף דער ערד געפאלען מיט א העפטיג געהעשערייע און פערשטעלטע הענד פאר׳ן פנים...

פריידקע איז טאג ביי טאג געקומען געוואהר ווערען צו שרה׳לען, וואס זי מאכט. טאג ביי טאג פלעגט זי איהר טרעפען ליגען אויפ׳ן בעטעל, די אויגען האלב פערמאכט, ווי פערזונקען אין א טיעפען חלום, פון וועלכען זי פלעגט זיך טיילמאל ביי א ליאדע שארך אויפכאפען מיט א צומישטען קוק איבער דער שטוב — א האלבער טאג האט געדויערט עהדער זי פלעגט אביסעל צו זיך קומען, און פון פריידקע׳ס טרייסט-ווערטער פלעגט איהר אויך נישט גרינגער ווערען.

פייסטען.

שרעקליך פּלעגט פריידקע זײַן צו איהר קומען, און טרויעריג פּלעגט זי פון איהר אַוועקגעהן.

נאָר איינמאָל איז זי געקומען צולויפען שטאַרק אָבגעסאַפּעט און מיט בלישענדיגע אויגען פאַר פרייד. און גלײַך האָט זי געוואָלט אַרײַן צו שרה׳לען אין צימער, נאָר שרה׳לעס פאָטער האָט זי אָבגעשטעלט און געפרעגט, וואָס דאָס איז...

— לעאָן איז געקומען! — האָט זי אויסגעשריען.

— לעאָן... — האָט זי דער פאָטער ערשטוינט אָנגעקוקט — דערבאַרם דיך.... זי וועט עס נישט אויסהאַלטען, ווי שוואַך זי איז...

און ער האָט פריידקען צו דער טהיר פון צימער צוגעפיהרט, שפּילענדיג אויפגעלעגט זי און ביידע האָבען געקוקט צו שרה׳לען איבער׳ן בעטעל...

קוים וואָס מען האָט איהר אָטעם געהערט; דער קאָפּ מיט די לאָקען פערוואָרפען, די אויגען האַלב-אָפען, און אַזוי מיעד, אַזוי פערחלש׳ט, נאָר אַ שפּריץ וואַסער צו געבען איהר איבער׳ן פנים, און אויף די פערברענטע ליפּעלעך אַ טראָפּען דערפרישונג אַרויפצו-לאָזען...

— זאָל איך געהן זאָגען איהר?.... — האָט פריידקע שטיל גע-פרעגט דעם אַלטען.

— ... איך האָב איהר אײַנגעגעבען אויף שלאָפען... — האָט דער אַלטער געענטפערט — און ס׳איז נאָך נישט די צײַט צו וועקען זי....

— דאַכט זיך, אַז זי קרימט עפּיס דאָס מויל׳כעל... — האָט פריידקע מיט אַ פינגער אָנגעוויזען.

— יאָ... זי קרימט זיך פון שלאָף...

— און די שטילקײַט איבער׳ן בעטעל... עפּיס אַזאַ מאָרנע שטיל-קײַט...

— דאָס איז די מיעדקײַט איהרע... מען פיהלט זי, דאַכט זיך, איבער דער גאַנצער שטוב... און די ווינקעלעך שוועבט זי אַרום...

פריידקע איז שטיל געבליבען, און אין אַ ווײַלע אַרום ווײַטער געפרעגט מיט אַ שטילע פערזאָרגטקײַט:

— וויפעל קראָפּלעס האָט זי אײַנגענומען?..

— די שטאַרקסטע מאָס.... פינף....

— עפּיס שלאָפט זי צופיעל אײַנגעטהון....

— וואָל גאָט היטן... — האָט דער אַלטער אַ וואָרט געטאָן מיט דער האַנד.

— זי וועט זיך... — האָט פרײדקע זיך אָנגעהויבן אײַנצוקוקן.

— ניין... דאָס איז איבער מיין וואָרט מיט דער האַנד... האָט דיר אַ שווינדעל געטאָן פאַר'ן אויג...

— און אַז מען נעמט מער ווי פינף קראָפּלעס?... האָט פרײדקע שוין בערואיגט געפרעגט, מיט אויסגעשמעלטע אויגן איבער שרהלעס געזיכט — איך וויל נאָר דעם אָטעם הערן. — זי האָט אַ שטילע בעוועגונג געמאַכט, און אויף די שפּיץ־נעגעל זיך צום בעטעל צוגערוקט, איבערגעבויגן, און אײַנגעהערט...

שרהלעס געזיכט האָט זיך אָנגעהויבן צו קרימען פון שלאָף, און געזעהן האָט מען ווי זי אַמפּערט זיך עפּיס אַ בעוועגונג אַרויסצוברענגען, נאָר זי איז אָהנמעכטיג.

האָט פרײדקע אויף איהר רחמנות געקריגן, און איבערגעוועקט זי:

— וואָס איז דיר, שרהלע?...

— אוי, פרײדקע'שי... — האָט שרהלע ערשט, אַרומקוקענדיג זיך, שווער אָבגעאָטעמט.

— וואָס איז דיר אַזוי שווער... טאָכטערשי?... — האָט דער פאָטער געפרעגט.

— איך האָב מיך געוואָלט אויפכאַפּען... מיר האָט זיך געדאַכט אין שלאָף, ווי איך הער דורך דער וואַנד דײַן קול, פרײדקע... איך הער, דו רימסט דעם טאַטע'ן אײַן, אַז לעאָן איז שוין געקומען... און עפּיס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מען מאַכט דאָס פאַר אַ סוד... און איך וויל מיך אויפהאַפּען און קאָן נישט... און עפּיס האָט איהר דאָ איבער מײַן בעטעל געשמועסט... איך ווייס נישט וואָס... נאָר עפּיס האָט עס מיך געשראָקן, ווי דער טויט... פון טויט, דאַכט זיך מיר, האָט איהר געשמועסט... — — האַ, מאַטע?...

— ניין, מײַן טאָכטערשי... געה שוין... וואָס דיר האָט זיך דאָרט געפּלאָנטערט...

— און דערנאָך האָב איך דערפיהלט דײַן פנים, פרײדקע... איבער מײַנעם... און אַז דו האָסט דיך געוואָלט צוריק אָבּרוקען, און מיך אַזוי לאָזען... איז מיר אַזוי ביטער געוואָרען...

— און דו האָסט דיך געוואָלט אויפהאַפּען?... — האָט פריידקע געפרעגט.

— יאָ... און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז לעאָן איז אויך דאָ ערגעץ דאָ...

— ווילסט דו צו לעאָנ׳ען געהן?...

— פריידקע... — האָט שרה׳לעס פאָטער איבערגעריסען.

— ס׳שאַדט שוין נישט... האָט פריידקע געענטפערט, און צו שרה׳לען מיט אַ שמייכעל זיך געווענדעט — אמת דו ווייסט שוין, אַז לעאָן איז געקומען?...

שרה׳לע איז עפּיס היינט געווען מעהר ווי אַלע מאָל אויפגעלעגט. אַ רויזע פאַרב האָט ווידער גענומען שפּיעלען אין אירע באַקען, און אויף זיי האָט זיך אָנגעהויבען צוריק אַרויסצוהאַפּען איהר געוועהנליכע ברוינעטע מראה. די אויגען האָבען געבלישטשעט, ווי אין אַ פרייד נאָך אַ לאַנגען שטילען פּיין, און קוים וואָס זי האָט זיך שוין אין שטוב איינגעהאַלטען צו קאָנען זיך האַטש אָנטהון, ווי עס איז...

— יאָג דיך נישט אַזוי... טהו דיך אָן, ווי אַ מענש... געדענקסט דאָך עפּיס צו לעאָנ׳ען... — האָט פריידקע געשמייכעלט, קוקענדיג אויף איהר.

און אַז שרה׳לע האָט שוין דערלעבט צו זיין פאַר דעם קאַסירער׳ס הויז, האָבען שוין די באַקען אירע גוט געפלאַמט, די לאָקען זענען ווייטער געפלויגען אין דער לופט, ווי אַמאָל... די אויגען האָבען מיט פייער געשאָסען און נאָך פון ווייטענס האָבען זיי איבער׳ן פענסטער פון פריידקע׳ס און לעאָנ׳ס וואוינונג געצאַפּעלט... און דערזעהענדיג אַ פערשטויבטען ראָווער שטעהן אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנד פאַר דער הויז-טהיר — איז זי מיט אַ ווילדע צוטראָגענהייט און פייערשפּריצענדיגע אויגען אַריין אין שטוב, און בעגעגענענדיג זיך מיט לעאָנ׳ען, איז זי ווי פערשטיינערט געוואָרען, און זיי זענען שטעהן געבליבען איינס פאַר דאָס אַנדערע מיט אַ לייכטע אָנגעצונדענקייט אין די בליקען.. נאָר באַלד האָט זי מיט אַ לייכטען אויסגעשריי פון האַרץ אַרויס זיך אַריינגעוואָרפען אין זיינע שטאַרקע אַרעמ׳ס, ווי איין אויסגעפּייניגט פּישעל פון איבער׳ן זאַמדיגען ברעג אין אַ פרישער אָנגעקומענער וואַליע אַריין...

• • • • • • • •

בײַדענ׳ס געזיכטער האָבען זיך העפטיג געקרימט, נאָר איהר׳ס האָט נאָך מיט אַ ווילדע צופלאַקערונג געבּרענט, בליצענדע הוואַליעס האָבען פון די אויגען געשלאָגען, און ציטערנדיג מיט׳ן גאַנצען קערפער, ווי פון אונבּעהאָלפענקייט, איז זי איהם אויפ׳ן האַלז געבליבען ליגען מיט דעם קאָפּ פערוואָרפען אויף זיין אַקסעל, און נאָר אָהנמעכטיג האָבען זיך איהרע הענד געהאַלטען אַיינגעשלאָסען ארום זיין געקרויזטען קאָפּ און מאַרמאָר־שטאָלצען האַלז און געציטערט, ווי פון אַ פיבּער אַרויס...

• • • • • • • •

— זי הלש׳ט!... — האָט אויסגעשריען פריידקע, וועלכע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען הינטער זייערע פּלייצעס איבּערראַשט, ווי פערהאַפט פון אַ שטורם...

— שרה׳לע!... — האָט לעאָן דערשראָקען אַ געשריי געטהון, און האַפּענדיג זי בּיים פּנים אין זיינע בּיידע הענד אַריין, האָט ער איהר אין די אויגען אַריינגעקוקט מיט אַ צוטראַגענקייט אויף זיין שטרענג אַנגעצונדען געזיכט און בּולט אויסגעזעצטע אויגען.

— איך הלש ניש... — האָט שרה׳לע שוין עטוואָס לייכטער אָבּגעזיפצט, און אַ פערשעמטער מידער שמייכעל, וואָס האָט פון איהרע ליפּעלעך אַרויסגעטריפט, האָט בּאַלד דעם ווילדען גלאַנץ פון איהר געזיכט צוריק אַראָבּגעווישט.... און ערנסט, שטיל, איז זי צוריק שטעהן געבּליבּען צווישען זיי בּיידע מיט לייכט אַראָבּגעלאָזטע ברעמען...

— עס שאַדט ניש... — האָט זי פריידקע געטרייסט מיט אַ שטילען בּעהאַלטענעם שמייכעל אין די ווינקלען פון איהרע גוטע בּליע אויגען, און לעאָן, אויך מיט אַ שמייכעל אויף זיין שרה׳דיג געזיכט מיט די שוואַרצע וואָנסען, האָט איהר גוטמוטיג געגלעט איבּערן אַראָבּגעלאָזטען קאָפּ...

— שעם דיך ניש.... שעם דיך ניש...

שרה׳לע האָט די אויגען צוריק אויפגעהויבען, פריהער אויף לעאָנ׳ען, דערנאָך אויף פריידקע׳ן און אין זייער שוואַרצער טיעפקייט האָט זיך עפּיס ווי אַ שטילער סוד אָבּגעשפּיגעלט... און לעאָן האָט וויל׳ן געשמייכעלט און לאַנג פון איהר קיין אויג ניש אַראָבּגענומען...

— נו, וואָס, שרה׳לע, מאַכסטו? — האָט ער זי געפרעגט, ווען זי איז שוין געווען בּערוהיגט.

— גאָר נישט... — האָט זי שטיל געענטפערט...

— זי האָט זיך פערשעמט... — האָט פרײדקע צוגעשמײכעלט, קוקענדיג אַמאָל אויף איהר, אַמאָל אויף לעאָנ'ען — און וואָס שעמסט דו דיך, שרה'לע?... שעם דיך נישט... איך האָב איהם שוין פֿאַר ווי פֿאַר אַלץ דערצעהלט... אפילו פון די קראַפּלעס אויך, וואָס דער טאַטע האָט דיר געבראַנגט אויף צו קענען איינשלאָפען...

— נו זעץ דיך, שרה'לע... — האָט לעאָן זי בײַ דער האַנד אַנגענומען און צוגעפיהרט זי צו אַ שטוהל.

זי האָט זיך געזעצט.

— ביסט ערשט אָנגעקומען?... — האָט זי זידענווײַך געפרעגט.

— ערשט... — האָט ער ליעבליך מיט'ן קאָפּ צוגעניינגט— איך געה מיך שוין אַרומוואַשען פון וועג, און וועל מיר אַביסעל איבער-געדן זיך...

— קום, לעאָן... — האָט די שוועסטער גערופען איהם — אין דויז שטעהט פריש וואַסער...

פרײדקע מיט לעאָנ'ען זענען באַלד אַרויס, און שרה'לע איז געבליבען אין שטוב.

זי איז געזעסען ווי פערזונקען אין דער שטילקייט און האָט זיך קיין ריהר נישט געטהון. איהרע שטילע אויגען האָבען עפּעס אַ פערוואָרטקייט אויסגעדריקט, און די שטילקייט אין שטוב איז אַזוי טיעף געוואָרען, ווי אַלץ פון פריהער וואָלט עפּעס דורך אַ חלום גע-שעהען — אַזוי זענען עפּעס שרה'לעס אויגען פערטראַכט געוואָרען, און אַ לייכטער שטילער זיפץ האָט טיעף פון איהר ברוסט אַרויסגע-ציטערט, געפרעסט, ווי פון אונטער אַ משא וואָס איז אויף איהר האַרץ געלעגען, און קוים וואָס ער האָט זיך דורך די האַלב פער-שלאָסענע ליפּלעך אַרויסגעשפּאַרט.

לעאָן האָט זיך דערווײַל אָבגעוואַשען, איבערגעטהון און איז באַלד צוריקגעקומען מיט פרײדקען.

זײַן ברוין געזיכט האָט ערשט געשפּיעלט מיט אַ רויטליכער פרישקייט, און זײַן גאַנצע ריזיגע פיגור האָט געדויכט מיט אַ ליעב-ליכע איפּגעריסטקייט, ווי אַ בוים אין זומער בעגינען, ווען די זון געהט ערשט אויף און אויף זײַנע גרינע בלעטער ליעגט נאָך דער מאָרגען-טוי.

— נו וואָס זיצסט דו אַזוי, שרה'לע?... — האָט ער זי גע-פרעגט.

נאָר שרה׳לען האָבען זיך שוין צוויי ליכטיגע טרערען אין די אויגען געשטעלט.

— דו ווייִנסט גאָר!... — האָט ער שמערצליך דאָס געזיכט געקרימט און געקוקט אויף איהר ווי פערוואונדערט...

— זי בענגט דאָך נאָך... — האָט פריידקע ווי פערצווייפעלט אויס־גערעדט — אַ נאַרישע שרה׳לע...

— בענג ניִשט... — האָט ער זי ביי דער האַנד אָנגענומען און איבערן קאָפּ זי געגלעט — בענג ניִשט... בענג ניִשט...

און מעהר האָט איהר שוין ניִשט געפעהלט... זי האָט אַ ציטער געטהון מיט׳ן גאַנצען קערפּער, ווי אַ שטראָם וואָלט איבער איהר אַדורכגעלאָפען — — און אַצינד ערשט האָט זיך אַ קוואַל טרעהרען אַ גאָס געטהון פון אונטער איהרע ציטערדיגע ברעמען איבער די באַקען אַראָב, און אַ ציטערדיג העשען האָט זי אַרומגעהאַפּט...

פריידקע האָט שוין דאָס געזיכט פערבאָרגען אין איהרע קלאָרע ווייסע הענטלעך, און לעאָן האָט מיט אַ רחמנות־צוגאָסען פּנים געוואַרט און געשוויגען, שטעהענדיג פאַר איהר מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען, ביז וואַנען זי וועט צו זיך קומען און אַליין זיך איינשטילען.

אַ צייט האָט עס געדויערט, ביז זי האָט זיך מיט׳ן פאַרטיכעל אָנגעהויבען די טרעהרען אָבצווישען, און אַ סך שפּעטער ערשט די אויגען אויף לעאָנ׳ען אויפגעהויבען, און מיט אָבגעהאַקטע קלאַנגען, ווי פון אַ צוריסען האַרץ, אַרויסגעהעשעט:

— איך... איך... האָב... שוין... ניִשט גע... וואו.. סט וואָס... איבער... צו... קלערען!...

ער האָט נאָר געקוקט אויף איהר מיט אַ פערדאָרגטען שמייכעל אין די שטילע אויגען, און דערנאָך ערשט זי אָנגענומען ביי דער האַנד, און אָהן ווערטער, געלאָזט זיך געהען מיט איהר צו דער טהיר...

צו פריידקען האָט ער זיך נאָר אומגעקוקט און שטיל געפרעגט:

— ווילסט אויך געהן?...

— ניין... ניין... — האָט פריידקע געענטפערט, און לייכט אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד — געהט אַליין... זי האָט דיר אַ סך צו דערצעהלען... איך וויל ניִשט...

לעאָן מיט שרה׳לען זענען אַרויס אין דרויסען.

ליכטיג, שען. עס בלישטשעט פון אַלע זייטען. עס פלאַטערן

גאַנצע בונדען שטראַהלען פון דער זון אַרויס, וואָס ציטערט און פינקעלט פון בלויען הימעל אַראָב מיט אַ פלייסיגקייט, ווי זי וואָלט דעם גאַנצען פלאַץ געוואָלט אַרומהאַפען. ברענענדיגע שטראַהלען טאַנ־צען איבער די קלאַפטערן האָלץ און איבער די ווייסע בושעוזינע ביימ־לעך, וואָס זענען ערגעץ וואו ווי נאַקעטע שומרים אונטערן פרייען אָפענעם הימעל געשטאַנען און מיט בענגשאַפט צום אַרומיגען גע־דיכטען וואַלד געקוקט.

... שטיל איז געווען... און צום וואַלד צו איז שרה'לע מיט לעצטען געגאַנגען, איהר האַנד אין זיינע איינגעשלאָסען, אַזוי שטיל, אַזוי בלאָס, ווי אַ סוד וואָלט זי מיט איהם צוזאַמענגעוועבט, און שטיל, ווי אַ [illegible] סוד, האָט ער זי אין טיפען וואַלד אַריין געפיהרט...

און אַרומגעבלאָנדזעט מיט איהר צווישען די ביימער איבער ווייכע גרע־זער, אין טיפען שאָטען איינגעהילט, ביז זיי זענען צום טייכעל צו־געקומען — —

און דאָס טייכעל האָט זיך געוויעגט. די חוואַליעס האָבען זיך קענען דער ליכטיגער זון געשפיגעלט, איינע מיט דער אַנדערער זיך געשושקעט, איינע נאָך דער אַנדערער געקומען אָנצולויפען און געיאָגט זיך, נאָכבערגלענדיג זיך איינע נאָך דער אַנדערער, און אַ שטיל געפלעשטערי האָט זיך אויף די ברעגעס אויסגעגאָסען און פער־מישט זיך מיט דעם ליכטען געראַוש פון די אַלטע הויכע ביימער, וואָס זענען אַרום דעם טייכעלס ברעג ווי פערכשופט געשטאַנען און געוואַכט, ווי פאַרצייטיגע ריזען אַרום אַ בעטעל מיט אַ שלאָפענ־דיגער בת מלכה, איבער וועלכען דער הימעל האָט שטיל און גרויזאַם אַראָבגעקוקט.

— וואָס קוקט עס דער הימעל אַזוי בייז?... — האָט שרה'לע מיט שטילען פורכט געפרעגט — און וואָס וויעגט זיך דאָס שיפעל אויף די חוואַליעס מיט כעס?...

— נישט בייז קוקט דער הימעל... — האָט לעאָן געענטפערט, בלאָנדזענדיג מיט די בליקען איבערן טייכעל, און אויף זיינע עפיל־באַקען און אַרום די רויזען־ליפען האָט זיך אין אויסדרוק פון שמערץ צולעגט.

— וואָס איז דיר, לעאָנ'שי?... — האָט שרה'ליך געבעטען איהם, זאָג וואָס ביזט דו עפעס אַזוי פערטרויכט?...

— יעה, שרה'לע... — האָט ער איהר מיט אַ פינגער איבערן

האַבער אָנגעוויזען — זעה, ווי פערטראַכט אין רעיונות דער הימעל קוקט אין טייכעל אַריין...

— ניין, לעאָנישי... — האָט שרה׳לע ווייטער געענטפערט — דיר איז עפּעס טרויעריג אויפ׳ן האַרץ... און דו בעהאַלטסט עפּעס פאַר מיר אַ סוד...

— וואָס זאָל מיר נישט טרויעריג זיין... — האָט ער זי אָנגעקוקט מיט ליידענדיגע אויסגעשטעלטע אויגען — אַז דאָס שיפעל, וואָס וויעגט זיך דאָרט צווישען דער קעמפע, איז מיין עדות, אַז איך בין קעגען דיר נישט ערהליך געוועזען...

— וואָס רעדסט דו, לעאָן... דו האָסט דאָך מיך ליעב... און איך האָב דיך אויך אַזוי ליעב, ליעבער, ווי מיין גאַנץ לעבען...

— דו האָסט מיך ליעב... און איך דיך אויך... נאָר אַמאָהר וואָלטען מיר געוועזען, ווי די ביימער אין וואַלד, וואָס צוגעהען זיך קיינמאָל נישט...

— וואָס רעדסט דו, לעאָן?.... — האָט זי זיך ציטערנדיג אָן זיין האַנד אָנגעהאַפּט,— זאָג מיר לעאָנשי... װער וויל דען, אַז מיר זאָלען זיך צוגעהען?...

— ווער עס וויל, שרה׳לע?... דו ביסט נאָך אַזוי יונג, און איך קען דיר נישט דערצעהלען דאָס אַלץ...

— דערצעהל מיר לעאָנישי... דערצעהל... און מיר וועלען זיך ווייטער, ווי פריהער, אונטער דעם שאָטען פון די ביימער זעצען...

— און אַז דו וועסט אפילו דיין שענעם קאָפּ אויף מיין ברוסט אַנלעהנען, וועסט דו מיר אויך מיין שמערץ נישט לינדערן....

— קום-ושע, לאָמיר זיך אין שיפעל איינזעצען... זעה, ווי העל עס איז בעליכטען קעגען דער זון... און דאָס וועט דיר דיין שמערץ לייכטער מאַכען...

— ניין... שרה׳לע... ניין... דער קאָפּ איז מיר מיעד, און שווער בין איך פון געדאַנקען... און איך קען ערשט נישט פערטראָגען דאָס פּלעסקען פון די וועלען, בשעת דאָס שיפעל גליטשט זיך איבער זיי.

— קום-ושע, לאָמיר זיך האָטש אויף דעם גרינעם גראָז, קעגען-איבער דעם שיפעל, זעצען...

— איך קען נישט, שרה׳לע... דאָס שיפעל דערמאַנט מיך אָן יענע טעג, ווען איך בין נאָך צו דיר אמת׳דיג געוועזען...

— און היינט ביסט דו דאך אויך אמת׳דיג, לעאָנ׳שי... דו ביסט דאך נאך דער אייגענער גוטער לעאָן...

— אָבער די מענשען, פון וועלכע איך קום ערשט, האָבען ביי מיר מיינע פריהערדיגע געדאַנקען אויפגערויבט...

— נעהם, לעאָן, אַ האַלב פון מיינע געדאַנקען און מיר וועלען זיך בעגנוגענען... — און וואָס טויגען דיר די מענשען, פון וועלכע דו קומסט... קום בעסער מיט מיר צווישען די ביימער, און אין טיעפען וואַלד וועלען מיר זיך אַ הייזעל פון די גרינסטע צווייגען אויספלעכטען און דאָרטען וועלען מיר זיצען...

ווי קען מען זיך, שרה׳לע, מיט געדאַנקען טיילען, און ווי קען מען לעבען אין אַ וואַלד?... — — און דערנאָך, אַז די וואַלד-העקער וועלען זיך מיט זייערע העק און זעגען צו אונזער הייזעל נעהנטער צוריקען — וואָס וועלען מיר דעמאָלט טהון?...

— דו וועסט זיי זאָגען, די וואַלד-העקער, אַז זיי זאָלען די ביימער אַרום אונזער הייזעל אויסמיידען...

— ניין, שרה׳לע... איך קען אין קיין וואַלד נישט לעבען... איך בין פון אַ שטאָדט געבוירען...

— נעהם-זשע מיך צו דיר... וואו דו וועסט זיין, וועל איך אויך זיין... און זאָל די גאַנצע וועלט וויסען, אַז איך קען אָהן דיר נישט לעבען...

— דו קענסט אָבער אין שטאָדט נישט זיין...

— פאַר וואָס קען איך נישט, פאַר וואָס, לעאָנ׳שי?... ווען דו וועסט שוין שלאָפען, וועל איך נאָך וואַך זיין, און ווען דו וועסט דיך פון שלאָף אויפכאַפּען, בין איך שוין פון לאַנג אויפגעשטאַנען...

— ביי אונז אָבער שלאָפט מען ביז צוועלף אים׳ן טאָג. ביינאַכט קומט מען אין פערשיעדענע געזעלשאַפטען... יעדעס פרויענצימער, יעדע פרוי שפּיעלט „ראָיאַל״... און ווי אַזוי וועסט דו קענען זיי אויסזעהען?...

— וועל איך זיי זאָגען, אַז ביי אונז אין וואַלד ווייס מען נים פון אַזאַ שפּיעלען... און, אַז איך האָב קיין צייט נישט געהאַט צו טראַכטען וועגען דעם, ווייל פון בעגינען ביז די זון גיעהט אונטער פלעג איך מיך נאָר איינהערען אינ׳ם געזאַנג פון די פייגעל...

— אָבער אין שטאָדט פערשטעהט מען נישט אַזעלכע רעד...

און זיי וועלען קוקען אויף דיר, ווי איך אויף דעם שיקסעל דא אין איהר רויטער „סוקענקע", וואס האט פאר מיר בארפיסערהייד רויטע יאגדעס אריינגעקליבען אין א געפלאכטען קיישעלע פון קארע...

— וועל איך זיי זאגען, די פרויען פון שטאדט, אז איך בין אזוי שען ווי זיי, האטש זיי זענען פון א שטאדט און מיך האט טאג מיט נאכט די זון אבגעברענט, און דאס הייסע זאמד אויף די וועגען האט אין דער האלב-טאגעדיגער היץ מיינע בארפיסע פיס געגליהט...

— דו ביסט שען, שרה'לע... דו ביסט שען... נאר לעבען מיט דיר וועל איך מיר די יאהרען פערזינדיגען... דיך וועט מען רופען „דארפישע"... און איך וועל דאס צוהערען און מוזען שווייגען...

— וועל איך תמיד געהען הינטער דיר, אז דו זאלסט נישט זעהן נישט הערען, ווי מען פערשעמט מיך.. .

— ביי אונז אין שטאדט געהט מען אבער נישט אזוי... נאר מען געהט געארעמט...

— וועל איך יעדערן, ווער עס וועט נאר א קרום אויג אויף אונז אויפהייבען, מיט זאמד עס איהם פערשיטען...

— ניין, שרה'לע... ביי אונז אין שטאדט פיהרט זיך נישט אזוי... דאס טהוען נאר די האלב-נאקעטע שיקסלעך אויפ'ן דארף, ווען א טהר מיט פערשיינען פארט פארביי פאר זייערע הייזלעך..

— וואס דען זאל איך טהון... וואס דען, לעאנ'שי!... — האט שרה'לע איהר קול אויפגעהויבען מיט א ביטערליך געוויין, און ציטערנדיג מיט'ן גאנצען גוף, האט זי דעם קאפ אין לעאנ'ס ברוסט איינגעטוליעט...

— און וואס-זשע וויינסט דו, שרה'לע?.... — האט ער איהר אין פנים מיט רחמנות געקוקט — איך קען דאך דיר גארנים העלפען, און וואס וועט דיר שוין דערואוים-קומען דיין קלאגען?... — האט ער זי געטרייסט.

— לאז-זשע מיך האטש וויינען... — האט זי זיך געבעטען — וויינען — ביז מיין הארץ וועט אין גאנצען צוריסען ווערען...

— שרה'לע.... וויין נישט אזוי פיעל... — האט ער זי ווייטער געטרייסט — ווישׁ דיר אב דיינע טרערען און לאמיר צוריקגעהען... איך דארף היינט אבנעהמען רעכנונג ביים קאסירער...

— רעכנונג?... — האט זי זיך איינגעקורטשעט, איבערפרעגענדיג שטיל... און אין איינגעהאלטענקייט האט אין איהר קול געקלונ-

גען, ווי זי וואלט עס געוואלט מיט די צעהן צובייסען, און אין אידרע שווארצע אויגען האט זיך שוין אנגעהויבען א פונק צו צוגליהען...

— ווייסט דו וואס, שרה'לע... — האט ער זי מיט גוטען איינגענומען — ווייסט דו וואס... דו בלייב דא... און איך וועל דיר געהן ארויסשיקען מיין שוועסטער בריינדעלע...

— ווילסט געהן?... — האט זי נאך אמאל איבערגעפרעגט.

— איך דארף... — האט ער געענטפערט.

— נו, געה=זשע!... — האט זי איהם א לאז=אב געטהון — אזוי האט מיר די ציגייַנקע אויך געזאגט!... — האט זי איהם נאר איין בייזען בליק פון ווייטענס צוגעשיקט, און ביידע זענען זיך צוגאנגען, זי אויף דעם עק טייכעל, און ער אויף יענעם עק טייכעל... ער מיט איין אראבגעלאזטען קאפ און זי מיט איין שטאלץ=אויפגעהויבענעם, און מיט א ברענענדיגען בליק פאראויס אין די טיעפע שווארצע אויגען, ביז ביידע זענען אין צווי באזונדערע זייטען צווישען די ביימער פערשוואונדען...

און שפעטער איז שוין שרה'לע אונטער איהר פענסטערל געזעסען אין דעם גערטעל צווישען די בלומען. די אויגען אויסגעלאשען, דאס געזיכט פערשטיינערט, בלאס, און די בלומען איבער איהר קאפ האבען אפט פון א שטיל ווינטעל אויפגעשוידערט, און טרויעריג האבען זיך די קעפלעך גענייגט איינס קעגענאיבער דאס אנדערע און געוויעגט זיך שטיל, מאנאטאנע, ווי אבלים אין איין אבל שטוב... זעלטען האט זיך א לייכט גערויש צווישען די ביימער אין וואלד דורכגעטראגען, און די בלעטלעך האבען אויף א רגע אויפגעציטערט און ווידער שטיל געבליבען... איבער'ן הימעל האבען זיך גרויליכע וואלקענדלעך געצויגען, ארייַנקוקענדיג צווישען וואלד און הייזעל, שטיל, פארשענדיג, און שרה'לע איז אויף איין ארט געזעסען, שטום און אונבעוועגליך.

דער פאטער, וואס האט נאך ביים אויסגעברענטען אויוען צו טהון געהאט, האט די ארבייט אבגעלאזט און איז צוגעקומען צו איהר מיט א טרויעריג אראבגעלאזטען קאפ:

— שרה'לע... — האט ער זיך געבעטען — וואס ויצסט דו שוין ווייטער אזוי?...

—שרה'לע האט נישט געענטפערט, און א שטומע, ווי פריהער, ווייטער געזעסען...

— שרה׳לע... וואָס ווילסט דו פון דײַן אַלטען טאַטען האָבען?... וואָס ווילסט דו פון זײַן לעבען האָבען?...

שרה׳לע האָט נאָר אַ שטומען פערגליווערטען בליק געוואָרפען אויף איהם און ווײַטער נישט געענטפערט.

— שרה׳לע — האָט דער אַלטער מיט אַ ציטערן אין קול אַרויסגעפּלאַצט — שרה׳לע! דו ווילסט, אַז דײַן טאַטע זאָל נאָך לעבען אויף דער וועלט — — — שרה׳לע, ענטפער מיר?...

— נו, וואָס ווילסט דו?... — האָט זי רוהיג און קאַלטבלוטיג דעם קאָפּ אויפגעהויבען און געפרעגט.

— וואָס פעהלט דיר שוין ווײַטער?... לעאָן איז דאָך שוין דאָ!... — האָט דער פאָטער געפרעגט. נאָר דאַרויף האָט זי ווײַטער נישט געענטפערט און צוריק אַראָפּגעלאָזט דאָס געזיכט מיט דער האַלבער פערשטיינערטקייט.

דער אַלטער האָט בעהיטענד מיט׳ן קאָפּ צוגעשאָקעלט, און אַ פינסטערער יאוש האָט פון זײַנע אויגען אַרויסגעקוקט.

— איך האָב דאָך דיך שטענדיג געוואָרענט — האָט ער ווײַטער מיט אַ מין קלאָגען זיך אָנגעהויבען — איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז דו וועסט איהם דערעסען ווערען... און זעה, וואָס דו האָסט אויסגעפּידרט....

— געה אַוועק פון מיר!... — האָט זי בעהאַרצט געבעטען, אויסשטעלענדיג די אויגען אויפ׳ן פאָטער און אין איהר קול איז שוין אַ בייזע פערביסענקייט געלעגען.

און אַז דער אַלטער האָט נישט געפאָלגט, איז זי פון דער ערד אויפגעשטאַנען און פינקלענדיג מיט די אויגען אויסגעשריען:

— איך דאַרף נישט קיינעם... נישט לעאָנען, און נישט דיך איך... אַוועק פון מיר!... אַליין וויל איך זײַן!...

און ביי די ווערטער האָט זי דאָס געזיכט אָבגעקעהרט און איז אַוועק אין עק וואַלד און געזעצט זיך דאָרט אונטער אַ בוים....

— שרה׳לע.... אַזאַ קיהלער טאָג... — האָט דער אַלטער נאָך געפּרובט זיך פון דער ווײַטענס צו שרײַען — שרה׳לע... דער הימעל פערוואָלקענט זיך... און די לופט איז אַזוי פײַכט— האָט ער מיט אויסגעשפּרייטע הענד אין דער לופט אַרײַנגעוויזען, און שטיל, ווי פאַר זיך, דערענדיגט: — פון האַלבען טאָג אָן איז אַ מין איבערקעהרעניש געשוואָרצען אויף דער זון... און אויף אַלץ...

שרה׳לע האָט זיך שוין מעהר נישט אומגעקוקט און דער אַלטער איז צוריק אַוועק צו׳ם אויווען, וואָס האָט זיך נאָך איבער׳ן בערגעל געריכערט מיט אַ נעבעל־שוואַרצען רויך, וואָס האָט זיך אָן דער ערד אָנגעשלאָגען, אַרומוואַלגערענדיג זיך אין דער גרויער פייכטער לופט.

פאַרנאַכט האָט די זון אַרויסגעקוקט פון אונטער אַ גרויע געדיכטע חמאַרע מיט אַ געל־געשלאָגען געשטאַלט, און אַ טרויעריג בלייכער שיין האָט זיך איבער פעלד און וואַלד צוגאָסען. שרה׳לע איז נאָך אַלץ געזעסען הינטער איהר הייזעל, און קוקענדיג אויף דעם פענסטערל, וואָס האָט זיך אויך אַזוי בלייך רחמנות׳דיג אָבגעשפיגעלט קעגען דער אונטערגעהענדער זון — האָט זי זיך ווייטער פאָרגעשטעלט ווי שטיל, ווי אומעדיג אין איהר חדר מוז ערשט זיין.... נאָר אין איהרע אויגען, וואָס האָבען אַצונד אַזוי אויסגעלאָשען געקוקט, איז שוין געלעגען אַ פערבאָרגענע קאַלטקייט צו דעם אַלעם, וואָס אַרום איהר און מיט איהר טהוט זיך.... און אַז די זון האָט זיך מיט אַ געל פערזונקען געשטאַלט נאָך מעהר אַסער־געריקט פון אונטער דעם וואָלקען, און דאָס גאַנצע הייזעל מיט דעם פענסטערל און די בלימעלעך אונטער׳ן פענסטערל זענען מיט אַ געלע ליכטיגקייט פערגאָסען געוואָרען, — איז שרה׳לע שטום פון איהר אָרט אויפגעשטאַנען, אַ פינסטערן בליק געוואָרפען צו דעם גערטעל און מיט אַ קאַלט פערשטיינערט געזיכט האָט זי זיך צווישען די בלומען אַריינגעשטעלט מיט איהרע לאַנגע צולאָזטע האָר ביז איבערן גאַרטעל, און איינציג־ווייז האָט זי די בלומען־קעפּלעך פון די שטענגלעך געריסען — אַ קעפּעל נאָך אַ קעפּעל, און אויף דער ערד זיי געוואָרפען...

איהר געזיכט האָט זיך געגעלט קעגען דער זון מיט אַ מוראַדיגער קאַלטער טויטקייט, און ווען זי איז אַזוי געשטאַנען פערטהון אין איהר אַרבייט, האָט זיך פון הינטערן וואַלד דערהערט איין אומעדיג שפּיעלען פון אַ „פּיאַרקע״, ווי אַ פּאַסטוכעל וואָלט זיך ערגעץ געקלאָגט אויף זיינס אַ פערבלאָנדזשעט שעפּעלע אין וואַלד... די טענער האָבען זיך מעלאַנכאָליש געגאָסען אין דער שטילער פאַרנאַכטיגער לופט, מיט איין אומעדיג בענגען אָנגעפילט. נאָר באַלד האָט זיך דער וואַלד מיט אַ לייכטען שידער אויסגעהאַפט, די טענער פון דעם פּייפעל האָבען האַסטיגער און בייזער אָנגעהויבען אין דער

לופט אָבצושלאָגען און אַלץ, וואָס דאָ האָט זיך אָבגעטהון, האט זיך זיי אין איין האַרמאָניע אויסגעגאָסען און אין איין טאַקט אַריינגעקומען: די „פּיאַרקע" האָט שנעלער און בייזער איהרע טעגער געיאָגט, דער וואַלד האָט געחישט און גערוישט און שרה'לע האָט די בלומען געפליקט און געפליקט!....

דערנאָך איז זי אַריין אין איהר בעזונדערן חדר'ל, האָט דאָס געלעגער אַראָבגענומען פון איהר בעטעל און האָט עס אויף דער ערד צעלעגט מיט צוויי קישענס אונטערגעבעט, האָט פון אַ שענקעל אַראָבגענומען צוויי לייכטער, געשטעלט זיי צוקאָפּענס דעם געלעגער און צוויי ליכט האָט זי אין זיי אָנגעצונדען.

די ליכט האָבען געברענט. איבער די ווענד פון חדר'ל האָט זיך אַ רויטע שטילע ליכטיגקייט צוגאָסען, און אין דער לופט האָט זיך דער טאָג מיט דער נאַכט צונויפגעמישט, די רויטע ליכטיגקייט אין חדר'ל, און די בלייכע שטראַהלען פון דעם זון-אונטערגעהען, וואָס האָבען דורכ'ן פענסטערל אַריינגעשלאָגען.

שרה'לע האָט זיך נאָך אַמאָל איבער'ן שטילען רויט-בעלויכטענעם געלעגער אומגעקוקט, און באַלד האָט זי פון דער פאָרענדיגער שטוב אַריינגעברענגט אַ פיער-עקיגען סערשטויבטען שפּיגעל, אויף וועלכען אַ שוואַרץ שטריקעל האָט איבער זיין טונקעל בראָנזער ריים נאָכגעהאַנגען. זי האָט דאָס שטריקעל אַראָבגעריסען, מיט אַ האַנדטוך האָט זי דעם שטויב פון איהם אָבגעווישט, און געשטעלט איהם צופוסענס דעם געלעגער, אָנגעשפּאַרט אָן דעם קליינעם טישעל, אז ער זאָל אין זיך אָבשפּיגלען די גאַנצע שטוב....

זי האָט אין דעם שפּיגעל דערזעהען די ברענענדיגע ליכט און די לייכטער, און דאָס ווייסע געלעגער, וואָס גרענעצט זיך הינטערן שפּיגעל מיט דעם צווייטען געלעגער אויף דער שטוב אַרויס — און אויף איהר בלאַס געזיכט האָט אַ טרויעריגער שמייכעל אָנגעהויבען צו חוהען...

זי האָט זיך נאָך אַמאָל אין אַלע פיער ווינקעלעך פון איהר שוחט'ישע רויט-בעלויכטענעם חדר'ל אומגעקוקט, און וואַרפענדיג אַ בליק צו'ם פענסטערל איז זי אַרויס פערמאַכען דעם לאָדען...

דער לאָדען איז שוין צו געווען, אין שטוב איז נאָך רויטער, נאָך ליכטיגער געוואָרען, און אַ טיעפע שטילקייט האָט זיך אין חדר'ל

צוגאָסען, מען האָט געהערט, ווי די שטילע ליכט־פלעמלעך סימען איבער די אָנגעברענטע שנויצען, אַזוי שטיל איז געוואָרען. און באַלד האָט זיך ווייטער דערהערט דורך דער וואַנד דאָס פריהערדיגע שפּיעלען פון דער „פּויאַרקע”, און די טענער האָבען זיך דייטליך אין הדר׳ל אַריינגעגאָסען...

און אַז שרה׳לע איז צוריק געקומען פון דרויסען האָט זי שוין אַ בינטעל בלומען אין איהר פאַרטוכעל געטראָגען... די אויגען האָבען געקוקט שרעקליך סודות׳דיג, און איהרע טריט און איהרע לייכטע בעוועגונגען האָבען זיך שוין געהאַט ווי צונויפגעגאָסען אין איין טאַקט מיט דעם שפּיעלען פון הינטערן וואַלד....

זי האָט זיך געזעצט אויף דעם צוקאָפּענס פון איהר געלעגער, מיט די בלומען אויף איהר שויס, און שטיל פונאַנדערוואַרפענדיג די פיסלעך, מיט איין אויסגעשפּרייטער שויס, האָט זי גענומען פלעכטען זיך אַ קרענצעל, און דאָס פלעכטען, און יעדעס בלימעל אין זיין ריהע אַריינזעצען איז אויך געווען צום טאַקט און מיט איין איבערגעגעבענהייט נאָך דעם דרויסענדיגען שפּיעלען...

זי האָט זיך דאָס קרענצעל אויף דעם קאָפּ אָנגעמאָסטען, איינגעקוקט זיך מיט איהרע שטילע אויגען אין שפּיגעל און פערפעסטיגט עס צו די האָר:

„אַצונד, לעבען, איז דיין שרה׳לע אַ שענע”...— האָט זי שטיל, מיט אַ בלאַסען שמייכעל אויף די קראַנקע רויזען־ליפּעלעך צו יענער שרה׳לען פון שפּיגעל צוגעשעפּטשעט...

און דאָס קלאָנגען זיך פון דער „פּויאַרקע” האָט זיך אין דער שטילער נאַכט, וואָס אַמאָל טיעסער צוגאָסען, און שרה׳לע, מיט בעוועגונגען צום טאַקט, איז נאָך אַמאָל צום שענקעל צו מיט איין אויסגעשטרעקטער האַנד, אַראָבגעקריגען פון דאָרט דאָס פלעשעלע מיט דעם שלאָפגעטראַנק, פערריכט נאָך אַמאָל דאָס געלעגער מיט די ליכט צוקאָפּענס, און זעצענדיג זיך דאַרויף, מיט די פיסלעך צום שפּיגעל אויסגעצויגען, האָט זי דאָס פלעשעלע צו איהרע אָפּענע ליפּעלעך צוגעטראָגען און אויף איין מאָל דאָס אויסגעטרונקען....

דאָס שפּיעלען אין דרויסען האָט זיך, ווי איבערגעריסען, און שרה׳לע האָט זיך נאָך דאָס לעצטע מאָל אין שפּיגעל דערזעהען מיט דעם קרענצעל אויפ׳ן קאָפּ, און אַ זיסער מידער שמייכעל האָט זיך

שוין איבער אידרע אויגען געהוצבט... זי האט לאנגזאם דעם קאפ אויף דעם קישען געלעגט און איז איינגעשלאפען איין עביג-זיסען שלאף מיט א לייכטען שמייכעל אויפ'ן שטילען אויסגעפייניגטען געזיכט, און זי האט די כשר'ע נשמה אויסגעגאסען אין די שטילע פיער ווינקעלעך פון אידהר הדר'ל, ווי א כשר'ע צדקת... און הינטער דער צוגעמאכטער טהיר און לאדען, אז קיין שום זינדיג אויג אין דער וועלט זאל זי נישט קענען בעפלעקען...

די זון.

(פאָעמאַ).

ווען די זון האָט זיך העכער אויף דעם טיפען בלאָהען הימעל אַרויסגערוקט, און אויף דיזעם סאַמעט־בלויען הימעל האָט אַ יום־טובדיגע שטילקייט געהערשט — האָט זי זיך איינע אַליין אין דער גאַנצער אַרומיגער ברייטקייט דערזעהן — איין גאָלדען־פינקעלענדיג טעלערעל אין דער גאַנצער אַרומיגער ווייטקייט. און זי האָט אָנגעהויבען אויף דער ערד אַראָבצוקוקען.

די שטראַהלען אַרום איהר האָבען אויפגעהערט אַרום צו פלאַטערן, נאָר שטעהן זענען זיי געבליבען, ווי גאָלדען־אויסגעשפּראָצטע שפּיזלעך אַרום איהר ברענענדיגען ראַנד. און אַראָבגעקוקט האָט זי אַזוי פאַרשענדיג, מיט איהר העל שימערענדיג געזיכט, אַז דעם גאַנצען הימעל האָט אַ שטילקייט פערהאַפּט, ווי ער וואָלט זיך אָנגעהויבען איינצוהערען, וואָס דאָ טהוט זיך... זי, די זון, האָט עפּעס דערזעהן, און דאָס רעטעניש אויף איהר פערטראַכט געזיכט וואַקסט אונטען, אויף דער ערד ווערט זיך עפּעס אומגע ...טס. אַ קופּע בלעכענע דעכער האָרט איינער צום אַנדערן שטעהען אויפ׳ן רוקען פון דער ערד צוגעוואַקסען, שוויצען מיט גאַנצע טייכען גלאַנץ, אַז די לופט אַרום הערט אַוש דערשטיקט, ווי פון אויסגעגעבעלטען שווייס. גאַנצע בונדען שטראַהלען פלאַטערן מיט אַ ברענענדיגער אָנגעגליהטקייט און צושלאָגען זיך אָן די דעכער, איבער זיי און צווישען זיי, אויף שטיינערנע ווענד, אויף בליצענדיגע שויבען און אָנגע־

גלידהטען אספאלד, וואָס צוטראָגט אין דער לופט אַ ריח פון צוהיצטער סמאָלע. דויף און גאַסען ליגען ווי אין רעמלעך איינגעשלאָסען, און פערפאַנצערט אונטער אַ גראָבע אָנגעגלידהטער דעק, אַז מען זאָל קיין שטויבעלע ריינע ערד נישט אַרויסזעהן.

און אומעטיג איז דער זון געוואָרען! ווער האָט דאָס געמאַכט? ווער האָט דאָס אַזוי אויסגעבויעט, און וואָס לויפען דאָ די מענשען אַזוי אַיילענדיג, אַזוי וואַרפענדיג מיט די הענד און מיט אַזוינע רויטע פערפלאַמטע געזיכטער?... און פאַר וואָס בליצען זייערע אויגען מיט אַזוינע פערסמ׳טע בליקען, ווי אויף אַ געיעג?... וואָס זאָל דאָס בעדייטען!... שלינגט דאָ אפשר איינער דעם צווייטען איין?...

נאָר נישטאָ דאָ ווער עס זאָל דעם קאָפּ צום הימעל אויפהויבען און דער זון איין טרייסטבליק שענקען. אַלע איילען, אַלע האָבען נישט קיין צייט, און לויפען שאָרכענדיג מיט צופלאַטערטע פאָלעס אין דער לופט און שאַרווענדיגע טריט איבער די טראָטואַרען. און עס גאַרט די זון פון איבער די דעכער אַראָב מיט אַ פינסטערן בליק אין איהר רויט פלאַמענדיג געזיכט, האָטש צו קענען זיך אַראָבלאָזען נידעריגער איבער די גאַסען, צו קענען זיך בעסער איינקוקען אין די מענשענס צוהיצטע פנים׳ער, אין זייערע צאַפּעלדיגע בליקען, אפשר וועט זי פערשטעהן, וואָס אַזאַ מין געיעג בעדייט.

נאָר וואָס מעהר זי גאַרט געוואָהר צו ווערען וואָס דאָ טהוט זיך, אַלץ מעהר פעריאָגט ווייזען זיך איהר אוים די מענשען, און עס הויבט זיך איהר אָן דאַכטען, אַז דאָס זענען נישט קיין מענשען, ווי מענשען פון אַ וועלט, נאָר מענשען וואָס האָבען זיך ערגעץ פרוצלינג פון אַ פערבאָרגען ווינקעל אַרויס אַ שיט געטהון און איצט לויפען זיי אַרום פערסמ׳ט, ווייל זיי האָבען זייערע נעסטען פערלוירען, זייערע לעכער אונטער די שטיינערנע ווענד.

נאָר פון דעם, וואָס די זון האָט זיך איינגעקוקט איבער די גאַסען, האָט דער ברוק אָנגעהויבען צו גליהען נאָך מעהר ווי פריהער, די טעלעגראַף־דראָטען האָבען שוין געבליצט מיט גאַנצע בונדען שטראַהלען, וואָס האָבען אין דער לופט אַרומגעפלאַטערט, און די מענשען האָבען זיך אָנגעהויבען די שטערענס צו ווישען פון שווייס און דערביי געקרימט זיך: וואָס פאַר אַ צרות מיר ליידען פון דער זון... וואָס האָט זי זיך היינט אָנגעזעצט איבער אונז?

דאָס ערשטע מאָל אין לעבען איז דער זון אויסגעקומען אַזוינע שטעכווערטער צו הערען, און אין דער ערשטער רגע האָט זי זיך גלייכגילטיג נאָך אַמאָל איינגעקוקט אין די פּנים'ער, וואָס אויף זייערע ליפּען האָט נאָך דאָס זידעל-וואָרט אַרומגעשוועבט — און דערזעהען האָט זי, אַז דאָס שמעקט מיט דעם געוועהנליכען עקעל אויף זייערע מיאוסע פערפעטסטע פּנים'ער, מיט וועלכען זיי ריכטען אַזוי אָפט אין די גרעסטע פון צווישען זיך אַליין, בלויז דערפאַר ווייל ער איז נאָר גרעסער פון זיי... און די זון האָט בעשלאָסען ביי זיך, אַז נישט אַנדערש, נאָר מענשען איז דאָס אויף אַניאמת... ווי נאָר מענשען קענען זיין; און זענען... און זי אַלס הערשערין אין אַזאַ טיעפ-בלאָהען הימעל האָט זי זיך גאָר נישט געמאַכט דעראויס, זאָלען זיי זיך דאָ ליגען פערטהון אין זייערע ד' אמות אונטער די שטיינערנע הענד, אַרומליפען טאָג מיט נאַכט, אָנפילען די גאַסען, חאָז נאָר אַ לעדיג חינקעלע, מיט שטיינערנע היזער, און דאָס בית עולם, אַרויס פון די גאַסען — מיט שטיינערנע מצבות... מעהר דאַרפען זיי נישט, די בית הקברות לייט, וואָס לעבען, כדי עס זאָל זיין ווער עס זאָל נאָכגעהן נאָך אַ לויה... — — און די זון האָט אָבגעווענדעט איהר געזיכט איבער אַ פריי גרינ פעלד.

זי האָט זיך דערמאָהנט, ווי גאַנץ פריה, ווען זי האָט נאָר אָנגעהויבען אויפצוגעהען, זענען רויטע וואָלקען-פאַסען געלעגען אויסגעשפּרייט פאַר איהר און אַרום דעם גאַנצען עק הימעל, ווי שיינענדיג פון גליק האָבען זיי אין זייער פורפורנער רויטקייט דעם יונגען מאָרגען געטוליעט און זי האָט זיך ווי אין אַ פרישען קוואַל לעבען אַריינגעשיפּט אין זייער צוגאָסענער רויטקייט. גלייך מיט דעם יונגען טאָג האָט זי פון אונטערן עק הימעל אַפּערגעשפּראָצט. אַ פריש לעבען האָט זיך אין דער לופט געוויעגט, אויף דער ערד איז דער ווינטער אָבגלאַנץ געפאַלען און בעדויכט זי מיט דעם ערשטען הויך צום לעבען אויפצושטעהן, און זי, די זון, האָט דערמאָלט פון צווישען די וואָלקען-פאַסען אויף דער ערד אַראָבגעקוקט איינצודרעהען זיך אין דעם ערשטען חלום-ציטער, וואָס די וועלט טרוט, אין דעם ערשטען לייכטען געדאַנקען-דרעמעל און ווי זי וועקט זיך און רייטעלט זיך אין שלאָף...

און ווען וואַלד און פעלד האָבען זיך נאָר אין דער פאַרטאָגעדיגער טרוי געבאָדען האָט שוין די זון מיט אַ שטילער בענקשאַפט

אויף דער ערד אראבגעקוקט, זי האט געבענקט נאך דעם לעבען אויף דער וועלט, און געקוקט האט זי אויף איהר מיט א שטומען וועה און פערטיעפט אין רעיונות ווי עס וואלט איהר א שאד געוועזען וואס איבערנאכט איז אלץ אויף דער ערד אויסגעשטארבען... די בוימער האבען נאך פערסוד'עט פון דער נאכטיגער שטילקייט מיט זייערע טונקעל-גרינע קעפ צו די שטילע וואלקענדלעך ארויסגעקוקט, וואס האבען אויך אזוי שטיל איבער דער וועלט ארומגעבלאנדזעט — און זי האט שוין צו דער גרינקייט פון וואלד געבענקט... זי האט געבענקט, אז זיין שווייגען זאל דורך דעם געפישטשעריי פון יונגע פויגעל-קול'כלעך, וואס וועקען זיך בעגינען אין זייערע נעסטען — איבערגעריסען ווערען. א שטילער וועלט-שמערץ האט זיך אין דער לופט צוגאסען און דער בלאהליכער נעבעל, וואס האט די בוימער פון וואלד פערהילט, האט אנגעהויבען צו רינען ביי דעם ערשטען פלאקערדיגען שטראהל, וואס האט זיך אויס'ן שפיץ פון א צווייגעל אנגעצונדען, דאס שטילע מארגען-ווינטעל האט א בלאז געטהון, און די וועלט, בוימער, און גראז האבען שוין זייער ערשטען שטילען ציטער, ווי פון שלאף ארויס, געטהון. עס האט זיך איינציגווייז אויפגעהאפט א פישטש נאך א פישטש פון א יונג פויגעלע און די וועלט האט אנגעהויבען ביסלעכווייז צו זיך צוקומען.

און דעם אלעם האט זיך די זון דערמאהנט, און בענקליך האט זי אצינד ווידער אמאל אנגעהויבען צו קוקען איבער יענעם געגענד. זי האט זיך דערמאהנט ווי גאנץ פריה איז א פויער שוין נאכגעגאנגען אונטערן וואלד נאך א פאר אקסען אין אקער געשפאנט, און זי איז א בעלין געוועזען צו זעהן, וואס טהוט דער פויער אצינד. זי האט איהם געזוכט אונטער'ן שאטען פון וואלד, און איבער דעם פרייען פעלד, און האטש דער פויער איז שוין דא נישט געוועזען, דאך שטעהט ער פאר איהר פאר אינגאנצען, און עס דאכט זיך איהר, אז זיין שטילער פערסוד'עטער בליק בלאנדזעט נאך ערגעץ אין דער לופט ארום... און עס טהוט איהר זעהר באנק, וואס זי זעהט איהם שוין נישט, ווי ער וואַרפט ארויס גאנצע הזאל'עס שווארצע ערד מיט דעם בלאנקען אקער-אייזען און לעגט זיי אום אויף א זייט...

...און אצינד ליעגען די שווארצע שורות ערד אויסגעטריקענט פון דער האלב-טאגעדיגער היץ, און שטיל איז ארום...

נאר ביי א קלאר קריסטאלען וואסעריל, וואס האט פון אונטער

א בארג אפגעגריזעלט, האט די זון דערזעהן א מיידעל זיצען איינע אליין, שטיל, ווי א סוד, און מיט ליכטיגע אויגען האט זי אין דעם וואסערל געקוקט און געשפיגעלט זיך א לאנגע צייט. דאס וואסער׳ל קוקט צו איהר מיט טוויזענדער בלישצענדיגע אויגלעך, קליינע גע-שנירעלטע פעריל-רוואליעס וואלגערען זיך פאר איהרע נאקיטע נאסע פיס וואסערל אב און וואסערל אויף, אוועקשווימענדיג מיט׳ן שטראם, און זי שפיגעלט זיך איהר ברוינליך געזיכט, שווארצע פינקעלדיגע אויגען און די לאנגע לאקען האר, וואס הענגען איהר דאס געזיכט ארום, און לאזען זיך שלענגלענדיג מיט די שפיצען צום וואסער אראב און ציהען זיך צום בלאהען הימעל אונטערן וואסער, פון דארט קוקט אויך ארויס אזא מיידעל מיט אזוינע האר ווי איהרע. און דאס וואסערל ריזעלט שטיל, און זי זעהט איהרע אייגענע נאקעטע פיס, וואס פעכעלען פון וואסער׳ל ארויס פון אונטער׳ן קורצען קליידעל אפער, וואס שפיגעלט זיך אין וואסער׳ל אב מיט אזא העלע קלארקייט —

און פון איבער דעם בארג, וואו א „וויעטראק" שטעהט אויף זיין רוקען, האט די זון געזעהען א פאסטוכעל, וואס האט זיך אין סאמע שפיץ פערגנב׳ט אראבצוקוקען צו דעם מיידעל, און אפאר קליינע שיכלעך, אויסגעפלאכטענע פון קארע, האט ער אין דער האנד געהאלטען; דאס האט ער איהר די שיכלעך אויסגעפלאכטען זיצענדיג אין דעם שאטען פון וויעטראק; זאל זי בעגינען, ווען די טויו ליגט נאך אויפ׳ן פעלד, דאבען אויף די פיס אנצוטהון... און קוקענ-דיג אזוי פון בארג אראב האט ער זיך אנגעהויבען צו איהר אראבלאזען מיט אינגעלשע פלינקע טריט. דאס מיידעל איז אידם אקעגען גע-לאפען און אריינגעווארפען זיך אין זיינע ארעמס.

די זון האט זיך שוין נישט פערגינען ווייטער צו קוקען, און האט איהר שטיל געזיכט אבגעחענדט איבער א שכאל זאמדיג וועגעל, וואס איז געלעגען פערווארפען צווישען די פעלדער.

און דא האט זי ווייטער דערזעהן איין אלטע, מיט א גע-שרומפען פנים און אין א פאטשיילע איינגעהילט, זיצען פאר׳ן צלם, וואס איז אויף דעם וועגעל געשטאנען, נישט וויט פון א קופקעלע שטיינער. די אלטע האט געהאלטען איין האנד איבער׳ן הארץ, אין דער צווייטער האט זי א קראנץ געהאלטען און מיט ליכטיגע

אויגען האט זי צום בילד ארויפגעקוקט. זי האט א מתנה געברענגט פאר דער „הייליגער מאריא". די בלומען האט זי צווישן איהר פענסטערל געפלאנצט, טאג ביי טאג מיט וואסער בעגאסען און איינינד דאנקט זי גאט פאר דעם חסד, וואס ער האט זי געלאזט לעבען ביז היינט און בעט איהם פאר ווייטער.

די זון האט געזעהען דער אלטערס עהרליכע געדאנקען, וואס האבען זיך אויף איהר שטילען פנים אין פרומע הארציגע שטריכען צלעגט. און געטראכט זיך, אז אזוינע שטילע גלויבענס, אבי זיי זאלען נאר נישט איינשטעהן ביי „יעזואיטער" אין די הענד, וואלטען געמעגט עביג הייליג זיין... און דער אלטער האט זי שטיל צוגעוואונשען — לעב גליקליך און שטארב רוהיג...

און די זון האט ווייטער געקוקט.

און ווי דערפרעהט האט זי זיך, אז זי האט געפונען דעם אייגענעם פויער, וואס זי האט אין דערפריה געזעהען. אין עק דערפעל האט ער נאך א ניי שטיבעל צוגעשטעלט צו די אלטע צו. די ערשטע קראקווע איז שוין געוועזען אויפגעשטעלט איבער די אויפגעבויטע וואנד, וואס זענען געווען אין די שפאלטען מיט מאך אנגעשטאפט, און אויפ'ן שפיץ פון דער קראקווע איז געווען א גרינ בוימעלע ארויפגעשטעלט פאר א סימן פון א ניי לעבען, וואס וועט זיך דא ערשט אונטער דעם דעכעל אנהויבען, ווי נאר עס וועט פארטיג ווערען. דאס האט דער פויער דאס שטיבעל געשטעלט פאר זיין טאכטער, וואס ער גרייט איהר ערשט געבען א מאן מיט א שטיק פעלד... ער זיצט אויפ'ן דאך מיט א שטרויענעם הוט מיט א ברייטען ראנד איבער'ן קאפ און שלאגט צו א קראקווע נאך א קראקווע, און איבער דעם גאנצען דערפעל, פאר אלע פענסטערלעך און אין דער ארומיגער שטילער לופט קלינגט אב די בשורה פון אונטער דעם פויערס קלעפ איבער דעם געהילץ — אז א ניי לעבען וועקט זיך דא, און ווען די אלע שטילע איינגעשלאפענע הייזלעך וועלען זיך האבען פון דער האלבטאגעדיגער היץ אויפגעהאפט, וועט דאס דערפעל האבען נאך א הייזעל צוגעקימען— — און די זון האט זיך אנגעהויבען פארשטעלען, ווי אין איין פארנאכט, ווען זי וועט שוין האלטען ביי זעצען זיך אויף מערב-זייט, איהרע לעצטע שטראהלען וועלען זיך אין די פענסטערלעך פון די שטילע הייזלעך אנצינדען, און

געזעגנען וועט זי זיך שוין דאַרפען מיט זיי אויף איבער נאַכט— וועט זי מיט איינמאָל דערזעהן אַ יונגע טאָכטער דעם דאָרפ'ס שטעהען אויף דער שוועל פון דעם נייעם הייזעל, און פערשטעלט מיט דער האַנד איבערן שטערען פאַר די לעצטע זונען-שטראַהלען וועט זי קוקען אין דער ווייטקייט איבער דעם ברייטען זאַמדיגען וועג פון וואַנען איהר מאַן וועט דאַרפען אָנקומען... זי וועט זעהן, ווי איבערן וועג דערהייבט זיך אַ זייל שטויב און טראָגט זיך ווייט און ברייט איבער'ן פעלד, און איינציגווייז וועלען אַ גאַנצע סטאַדע בהמות פון דעם וואָלקען-שטויב אַרויסשווימען, דערנאָך וועלען זיי אַלע אָנהויבען צו מ-ע-ע'קען, קומענדיג וואָס אַמאָל נעהנטער צו די הייזלעך. און וועלכע קיה עס וועט צום העכסטען אויסמ-ע-ע'קען, וועט פערדרייסען דעם עק אין דער הויך און האַפּען דעם קאָפּ צווישען די פיס און שטעלענדיג זייטיג די הערנער, לאָזען זיך לויפען צו איהר שטיבעל, אַזוי, אַז אַ שטויב וועט אַזש פליהען פון אונטער איהרע קאָפּיטעס און וועט די ערשטע איהר די בשורה ברענגען, אַז איהר מאַן קומט — דער קיה וועט זי אַ גריין קרענצעל אויספלעכטען און אויף די הערנער איהר עס אָנטהון...

אַזוינע פאַרנאַכטען האָט זיך די זון פאַרגעשטעלט אין דעם דערפעל צו זעהען. און וואונדערליך, עפּעס, ווי דורך אַ כשוף האָט זי זיך ווייטער דערמאָנט אָן יענער קופּע בלעכענע דעכער, פערשוואַרצטע הויכע קוימענס — און טונקעל-טרויעריג איז איהר געזיכט געוואָרען, פאָרשטעלענדיג זיך וואָס פאַר אַ פאַרנאַכטען עס קען דאָרטען זיין — און אַז ווען זי געהט אונטער, קריכען דאָרט די מענשען צוריק אַריין אין זייערע לעכער און שפּאַרעס צווישען די שטיינערנע ווענד, עס ווערט שטיל, ווי אויף אַ בית-עולם. און אַז זי האָט זיך נאָך פאָרגעשטעלט, ווי יעדע האַלבע נאַכט, ווען די לבנה קוקט אַראָב אויף דער קופּע בלעכענע דעכער מיט אַ שטיל געלבליך פּנים, ווי אויף אַ האַרבה פון פאַר צוויי טויזענד יאָהר, וואָס אין איהר איז פערגליווערט געוואָרען די צייכענס פון אַמאָליגען לעבען — האָט זי זיך בעשלאָסען, אַז אַלע אין דערפריה, ווען זי וועט אויפגעהן, זאָלען די מענשען פון דאָרט נישט קענען זעהען איהר פריש לויטער געשטאַלט, נאָר ביימאָג בלויז וועט זי אַליין צווישען זייערע מויערען מיט עקעל אַריינקוקען—און פאַרנאַכט, ווען זי וועט האַלטען ביי אונטערגעהן, זאָל זי ווייטער איהר רויט פלאַמענדיג געזיכט פערבאָרגען פון זיי —

מער קיין בית הקברות-לייט חיל זי דעמאלט איהר שטילען צוחעהי-טענטען מחיער נישט אויסגיסען — און וועהען זאלען זי נאר דעמאלט אין איהר שטילען בענגשאפט די, וואס וואהנען אויף די ברייטע פרייע פעלדער אין פראסטע הילצערנע הייזלעך מיט איינציגע פענסטערלעך — דארט ווערען זיי געבוירען מיט ריינע אפענע הערצער און נאר יענע קענען זי אין איהר טיעפען שמערץ מיט-פיהלען !...

מיין פריינדס ליעבע.

דאָס איז געווען אין איינע פון די שענסטע נעכט — האָט מיר מיין פריינד אָנגעהויבען צו דערצעהלען — איך מיט מיין חברטאָרין האָבען צוזאַמען שפּאַצירט הינטער דער שטאָדט, אין דער אַלעע, וואָס ציהט זיך פערביי דעם שטאָדט-גאָרטען. הינטער אונז זענען נאָכגעגאַנגען נאָך עטליכע פון אונזערע גוט-בעקאַנטע בחורים מיט מיידלעך. אין שפּאַצירענדיג האָבען מיר אפילו ניט געשפּירט, ווי מיר טיילען זיך אָב פאָרלעך-ווייז און יעדעס געהט זיך אַוועק אין אַ בעזונדער ווינקעלע.

די לבנה האָט געשיינט איבער די שפּיצען בוימער פון איין זייט אַלעע און אָבגעשלאָגען אַ גרינליך בלאַסע ליכטיגקייט אויף דער ענטקעגען-איבערדיגער שורה בוימער אויף דער אַנדערער זייט, און מיר זענען געגאַנגען אין דערמיט טריט פאַר טריט אין דעם העלען געלבליכען לבנה-שיין, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט פאַר אונז אויף דער ערד.

אַ שטילקייט איז דעמאָלט געווען צווישען אונז ביידע, און דאָס האַרץ איז מיר געווען פערקלעמט. איך האָב דעמאָלט זי געוואָלט אָננעהמען ביי אַ האַנד, עפּעס צו איהר שמועסען, אָדער זי זאָל מיר דאָטש גלאַט קוקען אין די אויגען אַריין. אָבער איך האָב געשפּירט, ווי נאָר איך וועל מיך צו איהר ווענדען, וועט זי אין מיין בליק

און קול דערפיהלען אזוינס, פון וועלכען עס וועט איהר אונהיימליך ווערען. און אפשר נאך וועט א שוידער איבער איהר מיידליש לייב אדורכגעהן און איך וועל דעם קאפ פערלירען.

און, אך, ווי אזוי קאן מען פאר א מיידעל דערצעהלען דאס, וואס עס דריקט אין מיין הארץ! און איך האב מיר מישב געווען, אבגעשטעלט זיך אין דעם מיטען געהן. צו וואס נאך געהן, צו וואס זיך נאך ווייטער פערלאזען אויף הויהלע נסים, וואס וועלען אפשר געשעהען, אז געהענדיג שפיר איך דאס פרעמדקייט צווישען אונז ביידע, וואס צווינגט אונז אזוי צום שווייגען און נישט פריי זיין, אפילו אנ׳איבעריגען ריהר טהון זיך.

אך גאט! צי וועל איך שוין נישט האבען גענוג געגאנגען מיט איהר? און פונקט, ווי עס וואלט געוועזען אבגעשמועסט דערויף, זענען מיר ביידע שטעהען געבליבען אין דער זעלבער פאזע, ביידע מיט אראבגעלאזטע קעפ.

א פיינליכע שטילקייט האט אונז ביידע ארומגענומען. די לבנה האט דערביי אלץ געשיינט, און אונזערע אויגען און ברעהמען פערגאסען מיט דעם זעלבען געלבליכען שיין. עס איז געווארען אונמעגליך אזוי ווייטער צו שטעהן; קיין שארך און קיין אטהעם האט מען פון אונז ביידע נישט געהערט, פונקט ווי די הערצער וואלטען אין אונז פערגליווערט געווארען. איך האב נאר געפיהלט, ווי איבער מיר שורכען שטיל די בלעטלעך אויף די בוימער און די גאנצע אומגעבונג, ווי זי וואלט אין א שכור׳ע פערשטיינערונג אריינגעפאלען. נאר ביסלעכווייז, האב איך אנגעהויבען צו דערזעהען, ווי איהרע אויגען דערהויבען זיך, פריהער מיט א בליק פון אונטערן שטערען און דערנאך, שוין אויסגלייכענדיג דאס גאנצע פנים. און זיי קוקען מיט אזא שטימליך פייכטליכען גלאנץ צו דער לבנה ארויף, אז מיר איז א קיהלער שוידער — צוזאמען מיט א היץ, וואס האט מיר באלד א שלאג געטהון אין די ביינער, איבערן הארץ דורכגעגאנגען.

-- און וואס וועלען מיר שטעהען? — האב איך געטראכט.

און מיט אנ׳אהנמעכטיגקייט אין קול, כמעט מיט א פישטשען פון א געשלאגען הינטעל, האב איך זי ביי א פינגער א ציה געטהון:

— קומט, לאמיר זיך זעצען...

אידר שטאָלצע פיגור, האָב איך אין דער רגע דערזעהען; — האָט זיך אַ בויג געטהון, איהר ווייסער האַלז האָט פאַר מיר אויפגעמידנעט און מיט אַנאַראָבגעלאָזטען קאָפּ האָט זי מיר צוליעב געטהון, אַריינשלייכענדיג זיך מיט אַ שטיל שאָרכען פון איהר קלייד און עלאַסטישער פיגור, אין דער דונקעלהייט צווישען די בוימער.

איך האָב אַרויסגענומען מיין טאַשען־טיכעל און עס איהר אונטערגעשפרייט אויפ'ן פייכטען גראָז. און מיר זענען שוין געזעסען אַקסעל ביי אַקסעל, און די שטילקייט האָט געהאַלטען שטאַרק, ווי פריהער.

ערשט, ווען צווישען די צווייגען אין דער הויך האָט דורכגעשטראַהלט אַ פּאַסיקעל לבנה־ליכט, אַראָבלאָזענדיג זיך צו דער ערד־צו, אויף דעם נידריגען טייל שטאַם פון בוים, ביי וועלכען מיין חברטאָרין איז געזעסען מיט דעם אַנדערען אַקסעל צוגעשפּאַרט, האָב איך געקענט זעהען, מיט וועלכער דונקעלהייט איהרע אויגען קוקען אויף דעם בעלויכטענעם וועג אַרוים; דאָס איז געווען ווי פון אַ פינסטערער הייהל אַרוים, ווען איינער קוקט. און איך האָב זי געפרעגט:

— פאַר וואָס, ליעבע פריינדין, זענט איהר אַזוי פערזאָרגט?

זי האָט נאָר אויף מיר אָנגעווענדעט די בליקען און באַלד צוריק אַראָבגעלאָזט זיי. און שוין, דערמיט האָט זיך געענדיגט, ווי זי וואָלט זיך נישט גערעכט אויף מיר אַזוינס. און איך האָב מיר אינערליך אַ ביטערען פאָרוואורף געמאַכט.

— „געטוג שוין צו פרעגען!“ און איך האָב געשפּירט, ווי מיין האַרץ קאָרטשעט זיך איין פון וועהטאָג.

דאָך זענען מיר נאָך אַ לאַנגע צייט געזעסען. נאָר דאָס איז שוין געווען פאַר מיר דאָס גרעסטע גיהנם. איך האָב מורא געהאַט דעם אָטעם צו לאָזען, און אין קאָפּ, און אין די בלוטען האָבען טויזענדער פייערלעך אַרומגעטאַנצט און פאַר די אויגען איז מיר ווי אַ פלאַם פייער געשטאַנען.

ענדליך האָב איך דערשפּירט, ווי דורך אַ פערוואָלקענטקייט, וואָס וואָלט מיך איינגאַנצען אַרומגעהילט — איהרס אַ צוק מיט דער פלייצע, און איך האָב געזעהען, ווי זי שטעלט זיך אויף, אויסהויבענדיג דאָס טיכעל פון דער ערד.

גלייך בין איך אויך אויפגעשטאַנען, ווי ני־ט מיך וואָלט מען

געמיינט און שטילערהייד האבען מיר זיך געלאזט ביידע צוריק געהן, מיט דער אלטע אראב.

זי האט זיך איינינע מאל אומגעקוקט אויף די זייטען, ציי זעהט מען נישט יענע פארלאך ערגעץ זיצען דא אין דער דונקעלהייט, און ענדליך איז זי שטעהען געבליבען.

איך האב איהר נישט ווילענדיג נאכגעטהון אלץ, וואס זי האט געטהון, און פלוצלונג:

— קומט — האט זי מיר געזאגט — לאמיר זיך צוריק זעצען. יענע זיצען נאך אויך... — האט זי מיר מיט א פינגערל אנגעוויזען אויף א פארל קעפלעך, וואס זענען געזעסען איינגעשפעפט אין דער דונקעלהייט צווישען די בוימער.

איך האב קוים דעם אטעם אבגעהאפט, אזוי ליכטיג אין די אויגען איז מיר געווארען פון דעם איינעם ווארט. און איך האב אויף מיר גענומען אצינד, זי שוין מעהר ניט צו פייניגען מיט קיין פראגען, וואס זי זיצט אזוי געקוועלט. און אפילו שוין נישט מעהר קיין הויך פון מויל ארויס. איך האב אלץ אויף מיר גענומען, אבי מיר זאלען שוין צוריק זיצען, דען אין דעם שטיקעל גאנג, האב איך מיך געפיהלט זעהר נידערגעשלאגען, מיינענדיג, אז זי געהט שוין איינגאנצען אהיים.

נאר צו מיין גרויס פערוואונדערונג, האט זי נאך מיך אנגעהויבען פרעגען, שוין צוריק זיצענדיג:

— וואס האט איהר פריהער געפרעגט — וואס איך זיין אזוי פערזארגט?

— יא — האב איך אנגעהויבען צו זאגען, און איך האב געפיהלט, גלייך ווי מען וואלט מיר צוריק אריינגעשלאגען אין האלז אריין די ווערטער.

זי האט נישט מעהר ווי א קליינטשיק זיפצעלע געטהון דורך איהרע דינע ליפען, קוים פונאנדערשפארענדיג זיי און באלד צוריק פערשליסענדיג זיי. און מיר האט זיך געדאכט, אז עס איז עפעס שרעקליכעס געשעהען.

— וואס איז דאס אייך, גוטע פריינדין? — האב איך זי געבעטען...

— גאר נישט, וואס זאל זיין? — האט זי א שאקעל געטהון מיטן קאפ.

איך בין געבליבען זיצען. איך האָב קיין נשמה ניט געפיהלט אין זיך:

— טאָ וואָס זשע רען קלאָגט איהר זיך אויף עפּעס?

— וואָס זאָל איך מיך נישט קלאָגען — האָט זי נאָך אַמאָל געגעבען אַ גרויסען הע־שע און זיפּץ אַרוים — אַז איך בעדאַרף זיין ביי אַ מחותּנה...

— ביי אַ מחותּנה... נו, פאַרוואָס זענט איהר דאָרט? גוטע פייגעלע! — האָב איך זי דאָס ערשטע מאָל אָנגערופען ביי דעם נאָמען — צי איך גוט ווער דאָרט צו זיין?

— נו, ניט מיר אַנ׳אָרט, אדרבה... — האָט זי געענטפערט.

— איהר ווילט אַנ׳אָרט? — האָב איך מיך שטיל און אויפ־מערקזאַם צוגעהערט צו איהרע רעד, און איך האָב געשפּירט, ווי שוין אַ לאַנג־ערוואַרטעטער אויפבליץ, ווי פון עפּעס אַ גרויסער ליכטיגקייט, וואָס קומט דער וועלט אַ גרויסע בשורה אָנצוזאָגען, איז אין מיין האַרץ אַריין און איך האַלט עס געשלאָסען, עס זאָל מיר נישט אַרויסשפּרינגען פאַר אומגעדולדיגקייט — איהר ווילט אַנ׳אָרט? און וואו אַ שטייגער, וואָלט איהר געוואָלט זיין?

זי האָט אַראָבגעלאָזט איהרע שטילע ברעמען.

איך האָב געפיהלט, ווי נאָך אַמאָל האָט זיך שוין מיין האַרץ פונאַנדערגעשפּרייט און אַ דאַסטיג וואָרט רייסט זיך שוין פון מיין טיעפער אינערליכקייט זיך צו ענטפּלעקען. נאָר איך האָב מיך איינגעהאַלטען מיט אייזערנע כּחות און זי געפרעגט:

— נו, איך ווייס דאָך נישט, פייגעלע, וואו איהר וואָלט געוואָלט זיין... וואו עס וואָלט פאַר אייך געפּאַסט...

— נו, און איך ווייס אויך נישט... — האָט זי שוין שטיל, כמעט מיט אַ ברוגזליכען טאָן געענטפערט און צוריק דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט, און אויך אַזוי שען, אַזוי חנ׳עוודיג, ווי דאָס האָט נאָך קיין מענש אין דער וועלט אַזאַ ברוגזל נישט געזעהען.

איך האָב אַ ווײַלע נאָכגעשפּירט איהרע אויסדריקען אויפ׳ן געזיכט. איהר אַרט בליקען אויף מיר, צו זענען זיי גינסטיגע, און איך האָב איהר געזאָגט:

— זעהט איהר, טייערע פייגעלע, איך וואָלט אַזוי געגערען אייך עפּעס געזאָגט; מיט מיין גאַנצען האַרץ!... — האָט זיך ביי מיר אַרויס־געריסען — נאָר איך האָב שרעקליך מורא פאַר אייך.

— פאַרוואָס האָט איהר מורא? — האָט זי טרויעריגליך געפרעגט.

— פאַר גאָט נישט — האָב איך געענטפערט. און עס איז מיר אַזוי שווער געוואָרען אויפ'ן האַרץ, אַז איך האָב געמוזט אויף אַ ווײַלע ענטשוויגען ווערען. און דערנאָך ערשט האָב איך ווײַטער אָנגעהויבען:

— אַייך איז שלעכט, איהר זענט עלענד, און מיר איז גוט...

— נו, איז וואָס זשע, און איהר וואָלט מיר דען געוואָלט עפּעס העלפען?

— אוי, פײַגעלע... — האָב איך נאָר אַרויסגעשטאַמעלט. און זי האָט נידריגער דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט און צו מיר אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד:

— לאָזט געמאַך, פאַר מיר איז שוין קײַן הילף נישטאָ...

— פײַגעלע, איהר ליעבט מיך דען נישט? — האָב איך זי שטיל און צאַרט געפרעגט.

אַ שטילקײַט האָט אַיינגעטרעטען צווישען אונז בײדע און איך האָב געשפּירט, ווי דאָס האַרץ האָט זיך אין מיר אָבגעריסען, און אין דער מינוט פון איהר שווײַגען, האָב איך געשפּירט, ווי מײַן גאַנץ גליק הענגט אין דער לופטען, און מיט איין מאַך פון ברעהם פליהט עס, אָדער אין הימעל אַרײַן, אָדער פאַלט צו דער ערד אַראָב און איז שוין פערלוירען אויף אייביג.

אַזאַ צאַפּלען מיט דער נשמה האָב איך נאָך קײנמאָל נים געפיהלט.

ענדליך האָט זי שטיל און סאָליד אַראָבגעלאָזט איהר גאָלדענעם קאָפּ, מיט אַ שטילער און בעהנטער גאָמבע אָנגעשפּאַרט אויף איהר ברוסט, ווי צום בעקלערען זיך, און אויך מיט אַזאַ שטיל און בעהנ'ט קול האָט זי מיך, ווי פון אונטער דער גאָמבע אַפּויר, געפרעגט:

— נו, און איהר זענט אין שטאַנד אַ פרוי צו געבען, וואָס זי דאַרף און אויסצוהאַלטען אַ שטוב?...

— פײַגעלע, ווי וואַהר איך לעב! — בלײַבט מײַן עהרליכער נאָמען און מײַן גאַנצע עהרליכע רענאָמע צו שאַנד און שפּאָט, אויב איך גיב דיר נישט אַוועק אַל'ץ, וואָס איך פערמאָג און פערדיען, אַבי דיר זאָל גאָר נישט פעהלען.

— און וויפיעל פערדיענט איהר? — האט זי אויך אזוי שטיל און בעשיידען געפרעגט.

— איך פערדיען אלס מענש ביי יענעם, זעהר א סך געלד... ריינעם געהאלט, אויסער פראצענט פון יעדען ארטיקעל... און נישקשה, מען קען מאכען א לעבען... איך שטעל אייך באלד אריין א גראניטור מעבעל אין צוויי געמאהלטע צימערן מיט אן ערשט צימער און א קיך. איך שטעל אייך אריין צוויי מצבה־בעטען.

— מיט קעפ־שטיק...

— זאל זיין... צוויי דיענסטען, איינע א יודישע און איינע א גויעשע... און ווייטער וואס נאך??

— אבער, קאנט איהר דאס אלץ געבען א פרוי?

— פייגעלע, ווי איהר זעהט מיך לעבען, ווי יא...

זי האט צום ערשטען אראבגעלאזט איהרע אויגען, און דער־נאך מיט א שטילען און צופריעדענעם בליק מיר דערלאנגט איהר שענע, גלאטיג־ווייסע האנד.

איך האב א צאפעל געטהון, צופאלענדיג צו איהר, און זי האט מיר אויסגעשטרעקט איהרע דינע ליפען און מיר א קליינטשיק קושעלע געטהון. איך האב מיך געלאזט קושען, ווי א קליין קינד, און בין אפילו ניט אימשטאנד געווען איהר צוריק אבצוקושען, ווייל אזוי פערלוירען האב איך מיך פון גרוים גליק און איבער־ראשונג.

נאכהער האב איך מיר אויסגעווישט א פאר גרויסע טרערען, וואס האבען זיך מיר געשטעלט אין די אויגען.

אצונד הייסט עס, איז זי שוין מיינע! — לאנג און שווער איז געווען דאס ווארטען, דאך, גוט בעצאהלט, און איך האב גע־שפירט, ווי מיין הארץ איז געווארען אויפגעלאזט, ווי הונדערט שטריק וואלטען דערפון אראבגעפאלען.

אך, אזוינע שווערע נעכט און שלעכטע טעג, ווי איך האב אדורכגעלעבט, און אצונד וואלט איך געדארפט — נישט אנדערש, ווי זיך אויסצורוהען ערגעץ אין א שטיל ווינקעלע, אין אן איינזאם קליין, ווייס הייזעלע, מיט א קלאר בעטעלע און מיט דעם קאפ אויף איהר ברוסט...

— אך, מיין ליעבע, זיסע פייגעלע — האב איך מיך צו איהר געווענדעט — ווייסט צו וואס איך וואלט ערשט געשטרעבט? —

צו בעזעצען זיך מיט דיר אין אַנאיינפאַך, קליין שטיבעלע, ערגעץ אין אַ ווינקעל...

— וואָס, אויף אַ זומער־וואָהנונג מיינסט דו?

— ניין, מעג זיין אַפּילו נישט אויף קיין זומער־וואָהנונג, נאָר אַזוי אויף שטענדיג...

זי איז געבליעבען זיצען מיט אַנערשטוינטער פרעגענדיגען בליק:

— ווי איהר האָט דאָך ערשט געזאָגט, אַז איהר זענט אימשטאַנד צו געבען אַ פרוי צוויי דיענסטען מיט עטליכע אויסגעמעבלירטע שטובען? — —

— פייגעלע... יאָ... איך האָב אַזוי געזאָגט, נאָר וואָס טויגען אונז די אַלע געשעפטען — זעה נאָר, ווי דאָ איז שטיל און אַזוי דונקעל...

— וואָס, איהר קאָנט נישט געבען?

— פייגעלע, ווי וואַהר איך לעב! איך קאָן דיר געבען אַלץ, אַפּילו פון פויגעלס־מילך.

— נו שוין, נו טאָ וואָס זשע רעדט איהר?

— ניין, איך רעד גאָר נישט, נאָר איך האָב געמיינט, אַז עס וועט דיר אויך בעסער שמעקען אַזוי...

— ניין, מיר שמעקט נישט אַזעלכעס! האָט זי געזאָגט באַלד פערשליסענדיג די ליפּען.

— נו שוין, איך פערלאַנג דאָך נישט, איך טהו דיר אַלץ, וואָס דו ווילסט און וואָס דו פערלאַנגסט.

— אַוודאי אַזוי, אַנדערש האָט מען ניט התונה. אויב מען קאָן נישט טהון דאָס, וואָס אַ פרוי וויל, צו וואָס זאָל מען התונה האָבען?.. און מיין נישט — — מען דאַרף נאָך אַזוי אויך אָנגרייטען שפּאָרגעלד, וואָרום גלאַט אַזוי צו דער חופּה גערהט מען נישט!

— ביזט זעהר גערעכט, פייגעלע — האָב איך זי אונטערטהעניג אָנגענומען ביי דער האַנד און קוקענדיג איהר אין די אויגען אַריין האָב איך זי שטיל און געלאַסען צוגעלעגט צו מיינע ליפּען, און איך האָב איהר אַ קוש געטהון.

זי האָט זיך מיר נישט דערוויעדער געשטעלט, און איך בין געוועזען גליקליך, איבער גליקליך.

מיר זענען אויפגעשטאַנען. איך האָב איהר געהאַלטען אונטער

אַנ'אָרעם און מיר זענען געגאַנגען זוכען אונזערע גוט-בעקאַנטע.

פון הינטער די בוימער אַרוים האָבען מיר זיי צונויפגערופען און איינגעזאַמעלט פּאָרלעך-ווייז, יעדעס יונגעל און יעדעס מעדעל מיט שטילע בלאַסליכע פּנים'ער קעגען דעם לבנה-שיין, און ווינקעל-בעשאָטענטע אויגען, מיט נאַכט-סודות אָנגעהויכט, פון זיצען אין דער שטילער ווינקעלהייט פון דער אַלעע.

און צוריק זענען מיר שוין געגאַנגען אַלע צוזאַמען, איך מיט אַנ'אויפגעהויבענעם קאָפּ נעבען מיין שטאָלצער פּרינצעסין. זי מיט קליינטשיקע דראָבנע טריטעלעך, מיט אַ שטייפער פיגור, אַרויסגעשטעלטען ביוסט און גלייכען האַלז. און קיינער האָט גאָר נישט בעמערקט, ווי גליקליך איך בין דעמאָלט געווען. און אפשר זענען זיי געווען פאַר זיך אויך גליקליך, און איך האָב עס אויך גאָר נישט בעמערקט.

די גאַסען זענען שוין געווען שטיל און ליידיג, איבערהויפּט, וואו זיי זענען ברייט און הילצערן געפּלאַסטערט, און וואו אַ סך גאַסען צעשיידען זיך — האָט זיך אין דעם מיטעל-פּונקט גע-פיהלט דאָס פּוסטקייט.

פון דערווייטענס האָט זיך נאָר געהערט דאָס טשלאַפּען פון די שטיוועל מיט פּאָדקאָווקעס איבער'ן טראָטואַר, פון אַ הויכען נאַכט-סטרוזש, און דאָס צוקלאַפּען פון זיין שטעקען אין דעם אַספאַלט.

די לאַמטערנעס פלעמלעך, אונטער די שמאָלע פאַסיקלעך שויבען פון די אַכט-קאַנטיגע לאַמטערנעס, האָבען געברענט שטיל און העל, אויסשיינענדיג אַ זילבערנעם ליכטיגען שטויב אַרום זיך, וואָס האָט די העל-ליכטיגע צינגלעך אַרומגעהילט, ווי מיט אַ שיי-נענדיגער לבנה, און איבער די ווענד פון די געלע מויערען זענען אויסגעשטיגען רויטליך שפּיזעלדיגע שטראַהלען.

און אַך, וואָס פאַר אַ שענע, שטיל-שווייגענדע נאַכט דעמאָלט איז דאָס געווען!

איך בין נאָך, אַהיים-קומענדיג, אָפּגעשטאַנען שעה'ן-לאַנג ביי דעם אָפענעם פענסטער פון מיין שטוב, און אַרויסגעקוקט איבער יענער שטאָדט-טייל, איבער יענער קופּע זילבער-געשטראַהלטע בלע-כענע דעכער פון דעם לבנה-שיין, צווישען וועלכע אונטער איינעם פון יענע דעכער האָט מיין געליבטע גאַנץ בעשטימט גערוהט און מיט איהר ליבען, וואַרמען אָטהעם, פול געמאַכט דאָס שטיבעל

מיט דעם געשמאַק פון איהר פרויענליכען, שמעקענדיגען הייר־פער.

איך וואָלט דעמאָלט אין כשוף געקאָנט גלויבען, אַזוי האָט דאָס מיר געשמעקט און געצויגען אַהין. נאָר גאָט צו דאַנקען, וואָס מיין גורל האָט אַזוי אויך גוט אויסגעשפּיעלט, האָטש אַביסעל אַ פערשפּעטיגטער און האָט מיך געלאָזט צו לאַנג בענקען נאָך זיך, נאָר גאָט צו דאַנקען!

און איך האָב עס פאַר ליעב אָנגענומען. די גאַנצע וועלט האָט ביי מיר אויסגעזעהן, ווי אין שטילען גנאָר איינגעחיעגט. איך האָב געפיהלט דעם חסד וואָס זי האָט מיט מיר געטהון, און שטיל און דאַנקבאַר האָב איך זי דעמאָלט בעטראַכט, ווי זי ועדט אויס אין איהר טיעפען שלאָף, נאָך האַלבער נאַכט, געוואונשען אַלע איהרע מענשען אַ גוטע נאַכט און מיך אָבגעקעהרט פון פענסטער צו מיין בעט און געגאַנגען שלאָפען.

נאָר אין מיטען אויסטהון זיך האָב איך נישט ווילענדיג דערטאַפּט דאָס רינגעל אויף מיין פינגער, און מיר איז אַדורכגע־פלויגען אַ געדאַנק: „אַך! פאַר וואָס האָב איך עס איהר נישט געשענקט?"

דאָס האָט מיך אפילו אַביסעל בעאונרוהיגט, גוט, זי וואָלט געהאַט אַ צייכען און אַנאָנדענקונג, אין וועלכע די ליעבע זוכט אַזוי אָפט סמנים פון איהר פעסטקייט, האָטש אין גאָר נאַרישע קליינינקייטען, נאָר פונדעסטוועגען האָב איך מיר שטאַרק נישט גענומען צום האַרצען דערפאַר. ליעבע קאָן אויסקומען אָהן נאַריש־קייטען און אָהן קליינליכע בעפעסטיגונגען אויך — און איך בין מיר געגאַנגען שלאָפען:

— אַ גוטע נאַכט אייך אַלע מענשען, און דיר מיין גע־ליעבטע!

צו מאָרגענס אין דער פריה, איך בין אויפגעשטאַנען און אָרומגעוואַשען זיך, האָב איך צו מיין געליעבטער גלייך אַוועק־געטראָגען דאָס רינגעל.

איך בין אַריין אין שטוב, און גלייך צוגעגאַנגען צו דער טהיר

פון איהר פערמאַכטען שלאָף־צימער — און טרעפט, וואָס איך האָב דאָרט געפונען פאַר מײַן אײַלען זיך, איהר צו ברענגען אַ מתנה אויף איהר שענעם פינגעריל? — האָט זיך מײַן פרײַנד אָבגעשטעלט אין מיטען דערצעהלען און מיך שאַרף אָנגעקוקט.

— אַפּאָר גרויסע מענער־קאַמאַשען שטעהען נעבען איהר בעטעל, וואו זי איז נאָך געלעגען און געשלאָפען און אַ וועסטעל דערצו אַריבערגעהאַנגען איבער'ן רוקען פון אַ שטוהל.

— מעהר האָב איך אײַך גאָר נישט וואָס צו דערצעהלען — האָט מיר מײַן חבר אויסגעלאָזט מיט זעהר אַ ביטערליכקײַט אין זײַן קול, און איז ענטשוויגען געוואָרען, רונצלענדיג דעם שטערען, ווען די אויגען זענען איהם שוין געהאַט פערלאָפען מיט אַ פײַכט־קײַט, און דאָס פנים איז איהם בענאָסען געוואָרען מיט אַ גרינעם און געלען קאָליר, וואָס האָט געהאַט די פאַרבלאָזיגקײַט פון אַ געלען מענש, וואָס מען שלעפט איהם ערשט פון קבר אַרויס.